STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08004

IBER TSEFLAMTE HORIZONTN

Hersh Leib Young

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערש לייב יונג

✶

איבער צעפלאַמטע האָריזאָנטן

הערש לייב יונג

איבער צעפלאמטע האריזאנטן

פארלאג
י.ל. פרץ
ישראל
1970

HERSH LEIB YOUNG
YBER TZEFLAMTE HORIZONTN

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

הערש לייב יונג
איבער צעפלאַמטע האָריזאָנטן

הויפּטפאַרקויף ביים פאַרלאַג י. ל. פּרץ
רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

©
Copyright by H. Young,
2990 Brighton, 12 St., Brooklyn, N. Y.

נדפס בישראל, תש״ל
Printed in Israel, 1970

דפוס „ארזי״, ת״א, אילת השחר 4, טל. 34294

דאָס בילד פון מחבר גענומען אין יאָר 1932

א הקדשה,

מיין באַליבטער שוועסטער
שיינדל איטע ז"ל —
געשטאָרבן אין ערשטן וועלטקריג,
באַלד נאָך דער חתונה —
צום אייביקן אָנדענק.
אויך אַ יזכור
נאָך מיינע שוועסטער
אסתר־רבקה, חנה־פייגע, לאה־ריזשע,
און נאָך מיין ברודער יאַנקל.

אינהאַלט

קאַסמישער שטויב . . . 11
פייערפליג 13
ברוח אלוהים 18
פאַטרופער 15
ברוח אלוהים 18
איך חקרע 21
ווי דער שׂטן אַן פליגל . . 23
קאַסמישער שטויב . . . 11
פאַנטאַ־שורו 27
מיין דינער קרישנאַדאַט . . 29
ציגד אַן דעם קנויט . . . 31
כ׳בין אַרויס בלומען רייסן . . 33
לינדראַ־לי 35
ס׳מוז טרעפן 37
ישראל־לאַנד 39
אַקעגן לבנה 41
אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט . 42
מיט צויבערפלייט . . . 43
גיס אַן מיט האַנט־ציטערניש
דעם כוס 45
לורנאַ־לי 48
ווי פון אַ רוח געיאָגט . . 50
שיק, בורא־עולם . . . 52
אויף פון שלאָף 56
אויפן טו׳טן־שוועל . . . 58
ס׳איז דאָ אין דיר אַ כישוף . 60
אַ שוידער־בילד 62
צו די אנשי־סדום . . . 64
קומט־אויף פון טויטן־שלאָף . 66
ווען כ׳וועל ווערן אַוועקגערופן . 68
דיין בלאָער פויגל . . . 71
שטורעם־כוחות 73
כ׳בין אַוועק אין די מיטראַ־בערג 76
פירט מיך, דעם שיכור . . 79
אין אַ צעפינקלטער נאַכט . 81
כ׳בין אַרויס אין מאָרגן־פרי . 85
שאַראַמונדראַ 87
מאַנהעטן־אינדזל . . . 90
ניט מיט פויקן־טאַצן . . 95
שדים־יאַריד 97
אַז ס׳איז געווען באַשערט . . 99
דער בעל־הגולה זאָגט . . 101
אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט . 103
סאַשאַ 105
אַנגעגורט די לענדן . . . 107
כ׳זאָל זיין צעפליגלט . . . 110
ניט מקנא 113
זאָל זיך דיר אויסדאַכטן . . 115
בלאַנקענדיק אין שואה . . 117
ראַדאַ 122
לאָז מיך טרוימען . . . 124
פאַרפירער 126
מאַך מיך אויפגיין, האַר... . 128
פינטאַר פילאָזאָף רעדט . . 131
די רויטע נבלה 133
עלנטע 136
בורנאַ־לי 138
פראַגמענטן 140
דער מלחמה־העצער . . . 142
אינפערנאַ 144
דער שוידערטאַנץ . . . 147
אויף פרשת־דרכים . . . 149
התראה 151
אַסטראָלאָגיע 155
ניט שווייגן 159
שטורעם־געוויטער און זעפיר־
ווינטל 163
בדידות ביים ים . . . 165
פאַרן שטאַרבן 170
ירושה־טרער 172
שׂטן האָט געזיגט . . . 174
באַגלייט, נשמה מיינע . . 176
דברים היוצאים מן הלב . . 178
אַ פייער־מאָנומענט . . . 181
יאָלאַנדאַ 184
אין מיין שטעטל סקאָלע . . 187
ווער איז דער זקן ? . . . 191
אין אַ לבנה־נאַכט . . . 193
אַהובה 196
אַ רעווע טאָן 198

ווער איז דאָס רוחל? . . . 199
אין קברות־עולם־טאָל . . . 201
ערד 203
כדור הארץ אין רויך פאַרוויקלט 206
אוריאלס קינות 209
שפעט ביי נאַכט 212
למאי 215
דער שאָטן 217
אין שעה פון רחמים . . . 221
ס׳איז נאָענט די צייט . . . 223
פאַר וואָס, האַר? 225
שחרית־תפילה 229
באַגלייט מיך מיטן בליק . . 232
כ׳שטיי ביי נאַכט אַליין . . 234
כ׳האָב אַרויסגעלאָזט זיך אויפן ים 237
אויף שיפס רוף 241
דער משפט 243
פאָלג מיין עצה 246
דער פרוש 249
ווי די בין 251
אין דער שקיעהביים ים . . 253
האַסאַף דער פילאָסאָף . . 255
ווען דער ערשטער מזרח־שטראַל 258
פרי ביים ים 260
נאָכן צעוועק 262
ווי די פאַרפום־בלום . . . 264
גרויל־חלום 266
מאַרמאַראָ דער זעער זאָגט . 270
חנה ליבע 272
ווי וועלף־געוואָי . . . 274
אויפן שקיעה־שליאַך . . . 276
אויפן וואַנדערוועג . . . 279
מיינע שירים 282
שוראַ 284
אין שחת 286
ס׳האַרץ איז פאַרשטיינערט . 288
דער מטורף 290
אַן אַוויאָשיף 293
פאַטאַ־מאָרגאַנאַ 297
טעמנע־וויסט 298
אַ שמירה־שטראַל . . . 300
פאַרן ליכטפאַרגיין . . . 302
אויפן חרובן בית־עולם . . 304
שיק אַ ליכטזייל . . . 306
אין בוידעמשטיבל . . . 308
צי אַרויף 310
„הייליקער" 312
פון פייערפלוך 314
ביים איסט־ריווער־ברעג . . 316
מיין וואָרט איז האַרט . . 318
צום שוואַרצזעערס אַ חלום . 320
אַ קאָשמאַר 324
אינדיע־מויד 327
שטיל־איין 329
בין איך זיכער? 330
דאָס מאַרמאַרונאַ־בלימל . . 334
טו אויס דעם טרויער־שלייער . 336
בנשמה קדושה 339
פאַנטאַ־מורו 341
מיינע פרילינג־טעג . . . 343
דער חסר־דעהניק . . . 345
מיין וואָרט 347
פאָטער זיסער 348
פורנאַ־לי 350
אורהים צוויי 352
דער משומד 354
דער בעל־מחשבות . . . 356
ווירטואָז 359
פאַרן אויסלעש 361
אַפילו פאַר דער פאַרוויסטונג . 363
וואָגלער 367
די מחשבה 369
בעת זונזינק און אויפגאַנג . . 371
דער ווילד־משוגענער . . . 373
מחשבה־שפינען 378
וויאָלעטאַ 380
אָפט מאָל טרעפט . . . 382
גערמאַן — הון 385
ס׳וועט אַ חוזה 388
אַ קלאָג 390
ווערטער־פאַרטייטש . . . 395

קאַסמישער שטויב

פון קאָסמישן שטויב,
צעווינטלטן זאָמען,
אוים וואָלקנשאָלעכין אַרויסגעגרויט,
וואָס כביכול האָט פאַרזייעט
אין חלל־השמים איינגעבלויט —
זענען מיט צעבושעוועטן אויפברויז,
זונען אויסגעוואַקסן
צו צעליכטיקן טבע מיט אש־להבה
שוועבנדיק אויף תבל־אַקסן;
אויסצושטראַלן זיין נאָמען
איבער דעם אָנסופיקן אוניווערס.

זיי פונקען אוים פון זיך שטערן,
אין רוים־אייביקייט אַריינצודויערן.

די לבנה צעוואַנדלט,
סודותדיק פאַרטראַכט,
אין דער טיפעניש פון באַגינען —
שווימט אַרוים אין רקיע־ים;
מעטעאָרן,
ווערן אין תוהו איינגעלעמפלט,
אַנטרונען אין השכות פון נאַכט.

אויפטאָג אין מזרח,
ערב אין מערב,
האָט די השגחה
פאַרפורפורט מיט אַ גליִען

פון דער זון־זריחה;
אַ ברענזיגל איינגעשטעמפּלט,
אין קאַיאָר,
און אין שקיעה־זשאַר,
מיטן אל־עולמים סוד פאַרהימלט,
איינגערעמלט האָריזאָנטיש־טיף
אין מעת־לעת פון אייביקייט.

אַן אָפּבילד פון זיך,
האָט ער געטובלט בתוך פייער־בלוט,
אין אַ חלום־לשון צערעדט —
אַ ימי־ימים־פלאַם צעשווייבלט
איינגעוועלטיקט אין רוים,
מיט רויש־פלאַקערניש צעגליט,
לעולם־ועד.

פייערפליג

אויב ס׳איז מיר באַשערט,
אָן ליכט בלאָנדזשען אין אייביקער נאַכט,
זאָל כאָטש אַ פייערפליג,
רגע־צייטלעך, בעת די צער־טעג,
אויפבליצן פאַר מיין פינצטער־וועג
זוכנדיק די גאַנג־סטעזשקע צו דיר,
אַלפורכטיקער האַר...

ס׳וועט זיין מיר שווער צו טאַפּן
אָן זריחה די חשכה,
טיפע שיפּועות איבערהיפּן,
נים וויסנדיק צי די טריט זענען פאָרויס,
צי אויף צוריק.
פירן זיי צום ברעג פון טובל־טייך,
וווּ די כוואַליעס שוימען־אויף,
מיט אַ טהרה־רויך,
איינצונעפּלען זיך אין אים
ריין־קן אָן אומקרייטיקער
פון זינד,
אין נשמה איינגעברענט.

דער מהלך איז אין אויסשפּרייט צעצויגן ווייט,
זיך צו לאָזן גיין דורך מדבר־וויסטער,
צום ווייטסטן אַסטער,
אָן מינדסטן ביסל שיין.
מיט תחתיות־ספּיקות זיך געזעגענען,
טונקל־שטרויכלונגען באַגעגענען.

ס׳איז וואָר: אַ מאַרטאַל,
אַפילו אין חלום, קען פון דרך־עולם
ענד־עק ניט דערגרייכן;
שטראַל־לויף ביזן סוף,
דאַרף דויערן ביליאָנען ליכטיאָר,
ווען זשע וועט זיך צו מיין טונקעלן אַרומשלייכן,
ענדיקן דער שמאָל־שלענגלדיקער שטעג?

לאָז כאָטש, האַר, פאַר מיר,
אַ פייערפליג,
זיך צינדנדיק און לעשנדיק,
פאַרויס צעפינקלען, און פינצטערן גאַנג,
אַ תקוה־פונק,
צו וויסן:
ס׳פירן מיך דורכגעוואָגלטע טריט,
צו דער טובל־מקווה, אין אַ טייך צעפלאָסן,
וואַלקענדיק אויף אַ טהרה־רויך צו בלאָער חייך,
ווו דו ביסט מלכותדיק געקרוינט
אין מיט פון די אַסטראַל־פלאַמען איינגעוווינט.

פּאַטרופּער

ווען ס'פאַרשווינדט קאַיאָר דער שחר,
טרעט פון זיין צעלט אַרוים,
אין נעפּלדיקן פעלד צעזדראָכעט,
דער פאַרשער, סופר און אמת־זוכער
פּאַטרופּער.
דערזעענדיק דעם מזרח צעגליט,
פאַרשאָטנדיק מיט האַנט דעם שרפעדיקן בלענד,
אין פרימאָרגן אַריינגעבליט —
זאָגט ער צום באַשעפער:
ס'חיות, וואָס האָסט אין מיר אַריינגעדעכעט,
האָב איך מיט אַ כליפּ אַריינגעצויגן,
ווען כ'בין אַרוים פון מוטערטראַכט
צעקייכט,
געעפנט די אויגן צו דער וועלט.
אויסגעוואַקסן,
געוואָרן אין יאָרן אַלט,
שטיי איך איצט נאָך צעשטורעמטע שלאַכטן,
מיט ריחות אָנגעזויפּט,
אין אור־בוקר, אַ שיכור,
און אַכפּער אריין מיין זעל־געפיל,
אין זון־צעשיין, שטראַליק צעשפּיזלט,
מיט קאָסמישן בליץ,
אין פאַרטוייִקטן
גרעזלדיקן אויפשפּראָץ.

מיר דוכט, כ'גיי אויף אין אַ זייל־ליכט,
צו דער הייך פון די וואָלקנדלעך.

כ׳געפין זיך ביים פוס פון באַרג,
פון ערפל אַרויסגעהילטן,
מיט צעשפּילטן פייערוועדק, אויף העכסטן שפּיץ —
אַ בראַנד-תפילה צו דער פמליה שעל מעלה —
צעשפּרייט די הענט, זוך שוץ פון ווינט און פלאַם,
איך, בשר-ודם,
אויף פרו-ורבו׳איקן אופן צום לעבן אַרויסגערופן.

כ׳בין אָוועק פון ערד, מיט איר שחת-תהום,
ווו ס׳זויערט און יערט דער מאָרטאַל-סם
און ס׳שטעלט טריט
מיט סערף-שווערד
דער שטאַרב-שד,
וואָס שממותט און מימותט,
ווינטיק צעגרוילט.

ס׳טרעט אַרויס אין פעלד,
נאָכן שחר,
דער טרייסט-זוכער
פון זיין פינצטער געצעלט,
מיט שימל-שיימעס אָנגעהויפּט,
וויסט איינגעשחורט,
פון קאַניץ און לולקעס אָנגערויכערט.

מיט פורפורלדיקער זריחה
אָנגעזויפּט,
פון אור-הבוקר אַ שיכור —

אַכפּערט ער אַריין זיין זעל־געפּיל
אין זון־צעשיין,
שטראַלנדיק צעשפּיזלט
מיטן קאָסמישן בליץ
אויף פּאַרטוויִקטן אויפשפּראָץ.

אים דוכט:
ר׳גייט אויף אין אַ זייל ליכט,
אויפן הימלישן שליאַך
פון די וואָלקנדלעך אָראַנזשענדיקע,
אַרומבלאָנדזשנדיקע,
אויסגעלאָדענע,
אין הייליקן פלאַם געבאָדענע.

און ער —
ערשט אַרויס פון אַ צער־קאָשמאַר,
ווערט אויך אין בלי־בלענדיקן גלי,
אַ פלאַקער־עשן,
מיט בוראס נאָמען גערופן,
ביז די אין־סופן,
אין ליכט־שטראָמען געוואַשן.

ברוח אלוהים

לאָז זיך אַרוים ברוח אלוהים,
מיט דיינע רעיונות צעפלויגענע,
חזיונות צעטראָגענע,
אין פוסטן רוים פון ימי־קדם.
פליגל־דורך דעם כאַאָס־געפילדער,
מיטן שדי־געשריי, איבער די טויטן־פעלדער,
גרוים־מדבריות.

העכער דעם חושך־פאַרבראָך —
טראָג זיך אויף ווינט־פייף־לויף,
צו דיסטאַנץ־מקומות מיט פייער־מהומות,
וואָס רויכערן, וויכערן און שייטערן,
שטורמיק, אומפורמיק
להבדיק און היים־נעפלדיק,
מיט עקשנותדיק שלאָג און דרוק,
מעשי אלוהים.
טוען מיטן גליִען דערווייטערן
פון תחום אַרוים דעם אוניווערס.

באַמערק ס׳פייער־ווערק,
ווו יש מאין ווערט אויסגעבליצט,
אַן אַטאָם־געשווילעכץ, אין אַן אומזע־שאָלעכץ,
צעהייצט,
בתוך קאָסמישע שטויבן, איבער וועלטן צעטריבן.
אין געהיימער שממה,
דער אָנהייב־דרויב צעברעקלט,
ווערט צונויפגעפאַקלט,

אין אַ ליכט, וואָס פלעמלט אַרויס
פון נאַכט איינגעדרעמלט.
דאָרט די באַגין־זוימען זיך צערוימען,
אין חלל־צעפּראַל מיט פּוסטע וויסטעס,
מערן זיך קנויליקע שרפֿות אין אָרביטיקע הקפֿות —
פֿאַר דער אייביקער השקפֿה,
וואָס זאַפּט יעדן שיין אין זיך איין,
און ס׳ווערט פֿאַרצייכנט אין מחשבֿה טיף,
זייער אָנהויב און סוף.

לאָז זיך אַרויס איבער די עולמות
פון מדבּרדיקן רוים, קרירהדיקע, פרירעדיקע —
ווּ גליווערדיקע צייטן זיך מער ניט בייטן;
איבערן אומקום־תּהום צעפּלאַמט,
שיסנדיק אַרויס אַ הרס־קטורת, אש־גפריתדיק צעברומט;
טרוים זיך אַריבער די אָפּגרונט־גריבער, תּבֿל־חורבות,
אויסגעהוילט, — זשאַווערדיק דורכגעגרוילט,
אין אַן עת־מועד צעשפּרייט;
היפּער איבער די קופּערבראַנד־הויכן,
וואָס זיך נצחדיק טשוכען,
מיט אולטראַ־בלענד, הוד־יסוד צעשיינט;
שווים אַרום אין רוים־וויסטער, ווּ פּונק און פּונק
איז אין אַ נעבולאַ־קלאָסטער איינגעפּאַסט.
און זעסט פון ווייטן שכינה־פּראַכט,
אָפּשפּיגלונג צו וועלט — כּבֿיכול־געשטאַלט;
דמיון זיך איין אין בלאָ־צעשפּילטער רו,
וואָס ווערט אָקערשט באַשאַפן,

ווּ חלומות ליגן איינגעשלאָפן און ס'וועבט זיך אויס
גן־עדן־ליכט,
וואָס פאַרבלענדט די אויגן ביי די בני־אָדם,
פאַרשפּינענדיק זייער צייט
מיט גאָלד־פעדעם,
פון שטראַלנדיקע זונען אַרויסגעצויגן...

איך חקרע

ביים פענצטער, אויף אַ בענקל פאַר נאַכט,
זיץ איך אין דער טונקל,
אומענדיק איינגעיאָכט,
און חקרע.
כ׳בין פאַרקרענקט, אָפּגעצערט,
אין האַלדז ענגט, וואַרגט,
די ראיה איז פאַרטרערט,
דער אומרו אין ריזלדיקן בלוט,
צעפיבערט, איינגעאָדערט,
שטויסט-אויס די רגעס, פאַרגליט-צעצעגערטע,
ווי אַרויסגעזייגערטע אין איינגעפינצטערטער שעה.

נשמה איז איבערגעפלאַמט,
האַרץ-פאַרקלעמט ;
יעדער דופק-טיק נענטערט, פאַרווינטערט,
דעם אָנלויף פון סוף.

אימהדיק איז דער קוק צוריק —
פאַרלוירענער שליאַך הינטער זיך,
אָנגעוווירענער טרוים.

כ׳זע אין געשוועב אַ וואָלקן-געוועב,
אַ וועג אַ לאַנגן,
פאַרפלאָנטערט אין צווייפל-שטריק.

ווי דער וואָלטשור מיט געחושכטן צער,
הויערט אויף אַ פעלדז, צעפליגלט שוואַרץ

פליקט די פעדערן פון קראָפּ און האַלדז,
טוט זשובען און דלובען
מיט שנאָבל דעם איבל, איינגעטרויערט אין האַרץ —
אַזוי איך:
אין אַ ווינקל ביים פענצטער, אין דער טונקל,
פּיל דעם ציפּ,
פולסנדיקן קלאַפּ, אין בלוט איינגעאָדערט.

געגראַבלט פון ספקות־קראַ,
זיץ איך פאַרחוקרט איינגעהויקערט,
אַקעגן אָנשווימענדיקער נאַכט.

ווי דער שׂטן אָן פליגל

פון ציקל ר׳ איציקל בעל־מגיה

ווי דער שטן אָן פליגל,
פון עולם־התוהו,
אין שואה סאַזשיק שוואַרץ,
אָרור זינדיק,
כ׳וואָגל מיט וווּנדיק האַרץ
און בין זיך מתוודה:
כ׳האָב דאָס אָפּגעמעקטע יוד־אות פון שדי,
וואָס אין דער תורה אַנדעקט,
ניט פאַרריכט,
און אָן מורא פאַר אַן עבירה קעגן גאָט —
ביים שד־וואָרט זיך צעלאַכט,
און זיין הייליקן נאָמען פאַרשוועכט.

כ׳בין אַרויס פון חרוב־פאַרלאָזטער קלויז
פאַרשעמט, אָפּגעפּרעמדט,
בלייאיק באַשווערט,
און בלאָנדזשע נע־ונד,
מיט נשמה־ווייטיק, באַרוועס־בלוטיק,
אָן כוח, ביין און הויט,
קנעט די רויט־זומפּיקע ערד.
חלומות, מהומות פינצטערע,
אומגעפאָרעמטע,
געשפּענסטער צעווערעמטע,
פייניקן, וואַנזיניקן.

כ'ווער געטראָגן פון פאַרקללהטן גוף
טאָג און נאַכט, אָן שלאָף,
אָן אָנוש ניט געדאַכט;
שפּאָן באין-ברירה, אַ פאַרקאַלטנטער, באַוואָקסן וויסט,
איבער קברות-פעלדער, אָפענע דם-באַזאָפענע.
ס'גלוסט זיך אויפהייבן אַ טויט קינד,
אַקעגן דער לבנה בלאַס —
הייליק, ווי דאָס אָפּגעשפּרונגענע אות,
וואָס איך, כופר, האָב אין ספר געפונען...

וואָס זאָל איך זאָגן צו די חז"ל?
די ביטערונג איז ניט אַראָפּצושלינגען,
גיכער טויזנט מאָל אין גיהנום זיך אומברענגען,
איידער מיט שי-עולמות-קוויטל
זיך דעביוועןאון יאַוועןאויף יענער וועלט.
בעסער אַ צונג אַ שטומפּיקע —
ניט שרייען, ערד קייען, זיין פאַרוואָרפן
צווישן זומפּיקע זאַנגען,
ווי זשאַבעס קוואַקען, קראָען קראַקען,
קיין מאָל צום גן-עדן ניט דערלאַנגען.
זיין תמיד אַ צעפלאַקערטע נשמה אין דער פייער-מהומה.

זאָל איך אויפהייבן אַ פאַרגעלט צי אַ פאַרקוילט קינד
און בעטן כפרה פאַר מיינע זינד?
קדוש שפּרינגען, אַ תפילה שפּינען,
צום רחום וחנון?

איך טרעט אין שטעט נאָך דער הריגה
איבער טויטן־גריבער;
טו מיט געדאַוונט וואָרט לבנה־שיין מחדש־זיין,
אַ כליפּ אין זיך צעוועקן, דעם געוויין דערשטיקן.

זאָל איך פרעגן ביי הז״ל מיט אַ דומפּיק ווידערקול,
פאַר וואָס די רקיעס זענען אויפגעריסן, הויל,
ניט מלכותדיק אָפּגעשלאָסן מיט זריחהדיקער פראַכט,
פאַר פרושים און קדושים?
זאָל איך דער בן־סופר,
אויפהייבן אַ קינד
אין מיינע ביינערדיקע הענט —
איינס פון מיליאָנען
אין די קברים פאַרלאָזן —
צדקות מאָנען?
אַ תקיעה צו פאַרנאַכטיקע שקיעה בלאָזן?

איך וואָגל איבער די קברות־וועלטן,
ווי דער אשמדאי פאַרשאָלטן.
במקום פאַרן שטאַרבן,
מיט טויט קינד, ווי אַ ספר־תורה,
אַ קרבן צום זוניקן פאַרנאַכט,
בעטן כפרה פאַר מיין כפירה —
וואָלט איך גערן וועלן
מיט עופל אין די הענט אויסגעשטרעקט,
צום אָוונט־בראַנד פאַרן עתיד־לבוא פאַרשטיינערט ווערן,
אין הימל זאָל פאַרגליווערן,

אַ נצח-פלוך —
איינגעגליט מיט פייער פון גיהנום.

כ'וואָלט וועלן: פאַרן גוססדיקן שיין
דורות זאָלן דורכגיין
מיט די קעפּ געזונקען
און קריעה רייסן,
און ליפּ ביז בלוט פאַרבייסן.

פאַנטאַ־שורו

פון די פּאַשאַנאַדן

ווי ראַמוטראַס איינגעוויגטער טייך,
אין געמויזעכצן איינגעמאַכט,
כישופדיק פאַרגילדט,
אַפּבלישטש פון דער זון ווייטער
איינשפּיגלענדיק די פאַרשלעפּערטע הייך
און אַנגעהויכטן בלאָ —
איז מיין נפש איינגעשטילט,
פאַרגלימצערנדיק אין זיך דאָס ליכט,
וואָס בלענדלט אַרוים פון דיין ראיה,
שיינט און באחנט די צנועה,
אין דיר פאַראשהט, איינגעבושהט.

פאַנטאַ־שורו!
איך שעפּטשע אַ הארציק־שטילע לויב־תפילה.
כ'ווער איינגעשושקעט אין אַ צאַרט־לויטערלעכער רו.
רעפלעקס פון דיין בליק
טוט אָפּ די שרעק.
ווען ס'אויג־פּייערל זאָל זיך ניט פאַרלירן,
ס'נאָענט זיין — אייביקע יאָרן געדויערן,
וואָלט פאַר מיר ביי נאַכט ס'ליכט,
פון די פאַלנדיקע שטערן,
ניט אויסגעזען אַזוי ווייט.

פאַנטאַ־שורו!
אָן יעטוועדן שפּור, פון דיר פאַרלאָזן,
פיל איך איינזאַם,

פאַרכוואַליעט טיף אין אַ ווילדיק ברויזן,
ווי אַ זעגלשיף אויף צעיושעטן ים.
אין פאַרלויף פון די טעג ווילט זיך אַוועק,
דורך סטעזשקעס זיבן,
איבער דער האָריזאָנטישער בריק;
דאָס הימליש פינקלדיקע אָראָפּגעפאַלענע —
אויפקלייבן,
אַלע תהומות אַריבערשפרינגען,
און דיר מיט שטראַלן פון דער לבנה געפליקטע,
ווי רויזן צעשמעקטע —
אַ מתנה ברענגען.

מיין דינער קרישנאַדאַט

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

מיין דינער קרישנאַדאַט,
אויפן טורעם אין אָוונטדיקן וואַכן,
האָט געזען אַ פלעמל פאַלן פון פייערווערק אין הימל,
בתוך זוויערדיקן אינצעווישן,
פון די דעמיטראַ־בערג,
ווו ס׳הויערן שאַקאַלן־געדוכן.
איז ער אַוועק אין חושך־טאָל,
מיט לאַמטערן אין האַנט עס אויפזוכן,
ברענגען אין וואַרשטאַט,
פאַרן אויסלעשן, —
פאַרקריסטאַליזירן אין אַ בריליאַנט,
איינפאַסן אין מיין מלכות־שטול,
איינגעשטויבט און מיט פּאָוויאַטינע פאַרוועבט —
שאַקונדראַ!

דער נאַר, פון צער באַטריבט, אויסגעוועפט,
שעפּט קאַיאָר דעם אויפשיין אין פענצטער אַריין,
— פון מיין פערל־שלאָס, פאַרוואַקסן מיט גראָז —
טראַכט:
ווען טאָג ליכטיקט,
איז ער איינגענאַכטיקט.
מ׳וואָלט באַדאַרפט די זון
מיט אַ פייערדיקן שרבית אין אָרבית איבערדוקן,
דורך די טונקל־שויבן אַריינצוקוקן.
ער מיינט די אויגן
זענען מיר מיט כמאַרע פאַרצויגן,

ווייל ס׳ווינאָרט איז אַ תפיסה אַ נאַסע,
דרום מיין רומאַנטיק, מיין צורה בלאַסע.
שוואָמען און טונקעלע מאַרטאַל-בלומען
שפּראָצן אין די גאָרטן-בייטן.
קען מען אים ניט אָפּהאַלטן,
צו גיין פּאַרפּרי,
ווו ס׳שוועבט אין לופט די שטן-שפּין
וועבט אַ נעץ צו אַ בוים-צווייג-שפּיץ,
ציט פון בויך שטריק צו דער הייך,
וויל פּאַרפּלאָנטערן די זון —
שאַקונדראַ!

מיין שליח איז אַוועק כאור,
דורכן וואַלד צו פעלד, ווו נעפּלען צערינען,
און רויזן, טוליפּאַנען, מימאָזן,
פון די זון-רעפלעקסן זיך צעוואַקסן.
געגאַנגען איבערן פרעמדן פּלויט, צו דערלאַנגען,
זיי גניבהש פּליקן,
דיר אַ בוקעט שיקן.
אילע פאַרנאַכט,
ווען ער צינדט אָן פייער,
זע איך אים פּאַרוויינט, אין אַ טרויער.
ער טראַכט שטום אַריין אין פלאַם,
איך דערשפּיר זיין רחמנות צו מיר;
אים דאַכט, אַז די זעונג מיר פעלט,
מיין היינט, מיט אַ וואַנט איז פאַרשטעלט —
שאַקונדראַ!

צינד אָן דעם קנויט

צינד אָן דעם קנויט
אין דמיון-לאָמפּ,
מיטן חלום-זאַפּט אָנגעזויפּט.
און זאָל ער פון שאַרביקן זינען
דעם קאָשמאַר אויסברענען,
אין דיר, אַ געזונקענעם אין זומפּ
פון אַנגסטיקן שלאָף.

זאָל רויכערן אין די נעכט,
דער איינגעטרײַערטער פלאַם,
האָבן מיטן חושך אַ געפעכט;
זיין אין צעזדראָכעניש אַ געדעכעניש
נאָך דעם כימערעדיקן טרוים.

דער אָפּשטיין אַ קין-צייכן,
אַקעגן פענצטער פון דיין שכן:
פרומער בעל-חלום,
מיטן צלם אויפן ברוסט,
האָט כלומרשט ניט געוווּסט,
געווען בלינד און ניט געהערט,
קולות פון קינדער, אויף די הענט פון מוטערס,
אין די צעפּלאַקערטע שייטערס
פון צעגליטער ערד.

דער קנויט פּאַראַבלט,
אַ רויט-צעווייקטער, אָנגעזייגטער,
פון דעם אַרטאַ-געפּאַמפּ, אָנגעפּלאַסן אין דיין לאָמפּ.

זאָל ער ניסקערן, שרפהדיק אויסיזכורן,
דעם שוידער-טשאַד פון בלוט,
אויסברענען דעם גיפט,
מיט נשמה-אימה אין זינען,
פאַרצערן די שרעק און די טרערן,
אין פאַרשגעונגטן בליק,
וואָס גלאַנצט אין זיך אָפּ
דעם גלימצער פון מאַרדזאַט-שד.

צינד אָן דעם גרויל-קנויט
מיטן נפש-זאַפט אָנגעזויפט,
און שטעל דעם שימף-לאָמפּ אויפן פענצטער
אין בלינדער נאַכט,
אַקעגן דער תּפילה מיט באַלויכטענע שויבן
ס׳מעגן זען די קלויסטער-לייט,
וואָס קומען פּרעפּלען און לויבן
ס׳קינד, געבוירן אין אַ שטאַל,
און בעטן פאַרגעבן זייער זינד,
אין עשיו-האַרץ איינגעפּרוירן.

כ׳בין אַרויס בלומען רייסן

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

כ׳בין אַרוים פאַר טאָג אין דרויסן,
פאַר מיין פירשטלעך הויז,
בלומען אָנרייסן,
וואַרטן אויף דיין קומען,
אין זשעט אָנגעפלויגן,
אַקעגנטראָגן ביים לאַנדן,
זען ווי דיינע אויגן אָנגעצונדן ווערן,
ווי מיינע,
מיט טרערן פון פרייד. —
שאַקונדראַ!

דעם געניטן לופט-שטאַפעט,
וואָס כ׳האָב אויפגעוועקט פאַר נאַכט,
און מיטן מיג-מין עראָפּלאַן נאָך דיר געשיקט,
האָב איך אָנגעזאָגט:
פאָלג נאָך די זון-שקיעה,
ביז וועסט אין לאַנד פון טאָגן זי אַריבעריאָגן.
קער זיך אום אין פלי, זע זי אויפגיין
אין אַראָרישער פראַכט, צווישן קופער-וואָלקנס.
נאָענט ביים האָריזאָנט
אַרום זילבערנעם שוואַנען-טייך וועסטו געפינען,
די פון וועמען איך טראַכט, אין איינעם פון די פּאַלאַצן
נעבן פענצטער זיצן.
גיב איר איבער מיין פאַרלאַנג.
דערצייל, וועגן די אוצרות, וואָס כ׳פאַרמאָג אין שראַנק,
און זאָג ס׳איז צייט זיין גרייט.

ווּיפל איז דער שיעור
אין מחשבות פאַרזונקען,
דורך די שויבן נאָך מיר צו בענקען?
אויך מיינע רעיונות זענען פאַרנומען מיט איר.
ברענג זי אַהער, נאָר בלאָנדזשע ניט מיט שרעק,
אין חשכה פון די וויסטאַס הויכע,
ווּ די בלינדע נעפּלען לויערן,
פיל זיך ניט פאַרלוירן, קום בשלום צוריק.

כ׳בין אַרויס פאַר טאָג אין דרויסן, פאַר מיין
פירשטלעך הויז,
בלומען אָנצורייסן,
וואַרטן אויף דיין קומען,
אַ בוקעט דיר דערלאַנגען, באַפּעלן גלעקער צעקלינגען,
פאַר דער פרינצעסין,
פון בענגאַל־לאַנד.
כ׳זיץ פאַר מיין מערמל־שלאָס מיט צעוואַרעמט האַרץ,
וואַרט, האַלט די בלומען אין שויס,
ציי אַ קאָרט פון אַ פּעשל אַרויס —
ס׳מזל מיר צו זאָגן. ס׳אויג ווערט נעפּלדיק פאַרשלאָגן:
ס׳איז די שוואַרצע טויז...
שאַקונדראַ!

לינדראַ־לי

פון די פּאַשאָנאַדן

מיט דיין קוק:
שטן־פייערלעך אין די אויגן,
שוואַרץ־גלאַנציקע שפּיגלען,
און פון דער תאווה,
מאַגנעטישע להבה־שטריק,
מיך צו פאַרפּלאָנטערן,
פאַנגען —
ווער איך צוגעצויגן,
די צעסאָפּעטע לונגען
צעבריִען די ליפּן מײַנע רויט,
דיינע פאַרחלשטע אָפּצומינטערן,
און מיט אָטעם הייסן פאַרזיגלען.

צויבערדיקע מויד!
ניט מיט גיטאַר אין האַנט ביים לבנה־בלענד
וועגן דיר צו חלומען,
ליד אויסתהילימען.
אין דיין בלוט, ווי אין מיינעם, מוז פליסן,
אַזאַס צעהיצט, וואָס רייצט:
זיך צוזאַמענגיסן!

לינדראַ־לי!
פון דיין פאַשאָן,
אומגעפרומט,
אין לייב צעפלאַמט,
ווערן מיינע לענדן אָנגעצונדן, נשמה־צעברענט,

ניט מיט צוגווינט אויסצולעשן.
כ׳ווער פון דער סטרא־אחרא פאַרפירט
אויף וועגן קרומע;
איינגעטונקלט פון דער לילית־מאַמע
אַרום דיר צו פלאַטערן, ציטערן, זיך פאַרלירן,
ווי דער „דראָן” אין פעלד,
טאַנצנדיק אין פלי
אַקעגן דער „מאַטראַ־בין”
צו באַפּרוכפּערן זי,
און אַ געביסענער, פון איר גיפט פאַרבליפט,
אין די רעגן־בויגן־פאַרבן אַוועקשטאַרבן.

לינדראַ־לי!
אַ בלוט־רייצונג רויט,
פלעמלט אונטער דיין הויט,
וועקט, לאָקט, פאַרפירט, צעטומלט;
ווערט אין מיין רעיון איינשימרירט.
לאַכסט אין פנים מיר אַריין,
אומפאַרשעמט, האָר צעפּאַטלט, ניט פאַרקעמט.

ס׳מוז טרעפֿן

פֿון ציקל ר׳ איציקל בעל־מגיה

ס׳מוז טרעפֿן:
מ׳וועט מיך, בעל־מגיה, רופֿן,
עולה צו זיין, פֿאַרן משפּט צו שטיין.
איך, דער בעל־חוטא,
וואָס פֿאַראַ תּשובֿה זאָל איך געבן אויף דער שאלה,
וועגן אָנגעקלאָג,
צו דער פּמליא של מעלה —
וואָס זאָל זיין אַ צוריקזאָג,
פֿון מיר, וואָס האָב ביים לעבן,
ניט געטאָרט שעלטן די ערד,
אַ בלוטיקע און זעטיקע
מיט עקידה־ריח פֿון אַ מיליאָניקער עדה
אויפֿן זדון־מזבח?

מיך אַרט ניט וואָס אין דער אויבערשטער הייך,
איז ניטאָ אַן אָרט פֿאַר מיר אָפּצורוען.
יעדער הימל־שכן וועט פֿון מיר וויכן,
די שדים־כּיתה, האָבנדיק איבער מיר שליטה,
וועלן האַלטן נשמה־טמא אין מזיק־לויג איינגעוויקלט,
ווי האַדראַ־שלאַנג סם־שוים פֿון די ווייען זייגט.

מיינע ווונדן וואָלטן קענען די עולמות אָנצינדן,
ככבשן־עשן איז מיין לשון;
ניט איינצופּנקסן דעם נפֿשדיקן בראַך,
אויף ספֿרים־בלעטער פֿון תּנ״ך.

כ׳בין פֿאַרגילגולט מיט רוחות,
אין אייביקע יאָרן פֿאַרלוירן.
ס׳שלעפּט זיך מיר נאָך אַ דבר־קללה אין מדבר־שליאַך.
טויטע פֿון זומפּיקער בלאָטע טויכן־אויף,
מאת ווילדע געוואַלדן ווער איך אַרומגעטריבן.

לאָזט מיך הויערן אין ביטערער זאָרג
אויף אַ ברעג פֿון די משופּע בערג,
אונטער שטורעמדיקע בליצן,
וואָס זיך אויסשנויצן פֿון אַ פֿינצטערן וואָלקן,
בוירן דורך געדוירן פֿון טויזנטער יאָר.

ישראל־לאַנד

ווי דער שמעטערלינג
אין פאַרנאַכטיקער שקיעה
פלאַטערט צום רקיע־ברעג
אין האָריזאָנט
פון צעפלאַקערטער זון
נאָר וואָס
אוים אַ וואָלקן אַפיר —
אַזוי איך צי צו דיר, לאַנד —
פון מיינע אבות,
פאַרוואָגלטע, אָבלדיק פאַרצוקטע,
מיט לבבות פאַרביטערט,
און הענט ניט דערשטרעקטע,
צאַנקענדיק און בענקענדיק נאָך דיר.

ייד־ערד —
כ'וואָלט וועלן זיין ווערט,
דעם געניזדערטן טוי
מיט די הייפלען שעפן,
פון דיין אוראַלט חומשדיק געבערג,
צוטראָגן צו מיינע שרפעדיקע ליפן,
איינשטילן דעם דורשט.

זאָל אויפגיין מיין תפילהדיק ליד
ס'האַרציקע וואָרט
פון אַ פלעמלדיקער שפּראַך,
ווי ביי די פּראָפעטן און פּיטנים פון תנ"ך;
זיין ראוי אויסמיינסטערן אַ נבואה,

אַריינגייסטערן בקדושת־השם.
אַ רוחניותדיק בליִונג,
אַ בענק־געשאַנק דורך אַ טרער,
אַ נהרה תמימה פון דער נשמה,
פאַר דיינע בחורים און בחורות מיט קאַסע און געווער,
ביי די שוץ־שאַנצן קעגן שונא.
מיין שיר פאַר זיי זינגען,
און קעגן דער לבנה
אַ הוראַ מיט זיי טאַנצן.

אַקעגן לבנה

אַקעגן לבנה
הצי־חודש פולע
בין איך שפּעט אין אָוונט מחדש אַ תּפילה
בכוונה.

ס׳דערפילט מיין זעל אַ טריל
צו סודותדיקער ירח אויף איר אָרביט־דרך ;
אין בלאָען ים צעזעגלט,
אַ ווידערליכט, מיט זון־שאָטן פון אָנהייבצייטן
פאַרכישופט די נאַכט,
אין זיך אָפּגעשפּיגלט ;
פייער־פליגן, וואָס אַראָמאַס פאַרשיכורן,
פלאַקערן פאָספאָרדיק אויף,
נידערן, שטייגן און לעשן זיך אויס,
מיט שרעק פאַר דער פלעדערמויז.

שפּעט אין מיין סאָד,
אין אַ באַלאַכטענעם נעפּל,
טאָפּטשע איך אין גראָז, אַ זקן,
מיט אַ שטיל געפּרעפּל.
ווער פון דער זריחה געלאַשטשעט,
דערהער אַ פויגל צעפּישטשעט
דערשפּירנדיק אין טרוים
דעם לונאַר־בליסק אויף צווייג פון בוים,
בעת בייכיק היים,
זי פלעדערט אויף די אייערלעך אין נעסט —
יונגוואַרג אויסצופּיקן.

אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט

פון די פּאַשאַנאַדן

ס׳גלוסט צו שיפלען זיך אין אַ לאָדקע;
צו צױבער־קליטקע.
ס׳ציט אַ כישוף־שפּרונג אויסצופלאַפּלען,
אין אַ ריטער זיך פאַרוואַנדלען.
ווייט פון ברעג אַוועק —
אויפזוכן דיך, מורנאַרא,
דמיונדיק פאַרבילדלט,
אין אַ מירמל־האַרעם טורעם איינגעוואַלדלט,
אונטער פעסטונג־טויערן איינגעשלאָסן
פון אַ מכשף־כעסן;
דאָרט אָפּטשאַטעווען,
בעת דער שׂר־חוטא פאַרלירט די שליטה
דיך אַרויסראַטעווען.

ס׳בענקט זיך אין אַזאַ נאַכט,
ווען ס׳האַרץ צעגייט פון אומרו אין לבנה־ליכט,
האָבן דיך אויפגעזוכט,
און מיט נשמה־פייער דעם טרויער,
פון זיך אַרויסבאַגלייט —
מורנאַרא.

מיט צויבערפּלייט

פון די פּאַשאָנאַדן

פורנאַ־לי!
כ׳וואָלט וועלן —
ווי דער פּאַסטעך אין טאָליקע,
דורך פּישטשאַלקע פון ווערבע־צווייגל,
אַ יעלהקע צעשאַלט,
אַרויסכישופן פייגל פון וואַלד —
מיט מיין פייפל־פּלייט האָבן שליטה,
דיך, אויס פאַנטאַזמאַגאָרישן שלאָפן,
אַ צעבליטע אַרויסרופן:
פון בוידעם־שטוב די טרעפּ אַראָפּ,
אַ צעפּ־צעפּלאָכטענע
סאָמנאַבוליסטן,
פון דער לבנה אַ באַלאָכטענע.

כ׳זאָל האָבן מאַכט:
אין טרוים מיט תאווה־גלוסטן,
פון דיין אָפּגעהיטער היים,
אין ווייסן סטאָן, דיך אַרויסמעסמעריזירן;
ווי פאַן אויף אַ פּעען־סטעזשקע פירן,
אין אַ מימאָזאַ־פעלד צו אַ פּאַלאַץ פון גאָלד,
אויף אַ טראָן דיך זעצן,
הייסן אין דרויסן יעוונוכן דיך באַוואַכן,
פון אַן עין־הרע באַשיצן,
פעכערן, בשׂמים און אַמבראָזיע רויכערן,
קלעזמאָרים באַפעלן שפּילן
אַ טויזנט־און־איין־נאַכט־פאַנטאַזיע,

בריליאַנטן אַרויסווינטשן פון אַלאַדין-לאָמפּ;
גן-עדן מיידן שירים צו זינגען,
און אַז וועסט זיך פון טראַנס אויפכאַפּן,
זאָל מען דיר דעם עלעקסיר-נעקטאַר דערלאַנגען,
פון אַמאָר-כוס צו זופּן.

כ׳זאָל קענען מיט פּלייטן-פּייף דיך אַרויסמעסמעריזירן,
מאַת אַנגסטן-שלאָף,
פון הויכן גאָרן די טרעפּ אַראָפּ,
אַ לבנה באַלאָכטענע, מיט צעפּ צעפּלאָכטענע,
צו אַ מימאָזע-וויזע פירן.
זאָלסט אַ בלאַנדזשענדיקע וואַנדלען מיט חלום-טריט
ציִען צו דער כאַפּטע פּען,
וואָס זענען להוט אין אַ ראָד
פאַר דיר אַ מעשה אַ שיינע אויסצוטאַנצן —
פורנאַ-לי!

גיס אָן מיט האַנט־ציטערניש דעם כוס

גיס אָן מיט האַנט־ציטערניש
גאַל־ביטערניש אין כוס,
ס׳שוימיק מררהדיקע טרינק אויס,
פֿאַר די אויגן, פֿאַרטרערטע,
האָב אין דמיון דורכגעפלויגן,
יאָרן דורכגעפוילטע.
זע אויוונס אויסגעברענטע, קוימענס צעשטערטע,
אין די גיהנום־אַשן, נשמות אויסגעלאָשן,
פון אייגענע, נאָענטע —
אַ פלאַמיק בהלהדיק שטאַרבן...

זאָל דיין פֿאַרקויפטע זעל צום אַשמדאַי,
איבער טאָל פון פֿאַרלוירענע,
מיט געוואַלד־געשריי, אין ווילד געוואָגל,
טראָגן זיך אויף לוציפער־פליגל
בתוך דער פֿאַרבלאָזענער צייט,
מיט פֿאַרקוילטן בלוט
אין זכר איינגעשׂרפהט...

ווער געטריבן דעמאָניש,
איבער גרויסער הריסה,
ווו ווינטן ווערן אין נצחדיק דויערן איינגעפרוירן.
זריחה — אין חשכה איינגעפּעסט.

טראָג זיך אויף די שד־פליגל,
דורך דעם רעיון־שפיגל, מיט דורכזיכט־ליכט,
פון עוונות ווערעמדיקע,

קלעטער אין אורגעוויטער,
איבער די הרים-מהומות, חרם-מקומות,
דאָרט געשטאַלטיקן זיך אויס
גאַרגוילן-מאַסקעס מיט צעקרימטע פּיסקעס,
אין אַ פאַרגליווערטן פּחד איינגעחשכהט.

זאָל פאַרטשאַדען דיך מיט אַ שיכּרות דער רוח,
אַריינגנאַדיען,
אים נאָכצוטראַכטן,
וואַנזין-וויזיע נאָכצושפּינען,
ווו כאַפּטעס קליפּה-קלאַפּטעס,
זיך פּעכטן פאַר זייער האַר,
רייסן זיך ביי די האָר
בייטשן זיך און ריטשען.

פיבער אַריבער די חרוב-געמאַכן,
ווו שווידער-אַפּן ניט אויסגעשלאָפן, וואַכן,
איבערן לעצטן שטורעם אויסגעבליצטן,
און פון כמאַרעס ליאַפּען
טרערן מאַת נשמות צעכליפּעט.

זע ערד פאַרשאָטענע, בלוט-זומפּ אויפגעזאָטענע,
בלעזלען, צעכוואַליען זיך,
אין אַ שוימיקן אויפלויף, מיט עיפּוש-געררוך.
אַ דראָזשע פון יסורימדיקער מחשבה,
רעיון-סאַזשע אין געהירן אָפּגעזעצט,
ווערט פון אומשׂכל-רוחל אויפגעיאָגט.

ס׳טראָגט די להבה־תאווה אין זיך זאָמען —
פינצטערניש פאַרזייען,
דורך בהלה־קולות אויפשרייען.

ס׳האַמערן די שלעפן,
שלאָגן אוים אַ משוגעת.
דיר דאַכט: קויטיק איינגעריסט,
אין אַן אימה־מהומה טוסטו אַרומלויפן,
גרייכסט דעם שחת־טאָל,
ווו אין אַ טייך, זאַלציק איינגעזוייקט,
גרין ווי גאַל,
אָקריפּט זיך און פאַרזידט: —
דער נאָך־שׂטן פון גאָט,
שׂר הטומאה,
מיטן שממה־לאָך פון אַ שד.

ווערסט אַהין פאַרשלעפּט, מיט סם אָנגעזופּט,
זיך טרענקסט און זינקסט,
אין דער אָזיערע אָן אַ דנאָ —
ווו קראָקדילן גענעצן אַרוים אַ סלינעדיק שפּריצן,
דעם שיכורדיקן טראָפּן פון זיך אויסצווועפּן.
וועסט מיט יללה ניט איינדרימלען,
נאָר אייביק האָבן
פאַרן פאַרגאַסענעם בליק
אומגליק, שרעק,
די קללה, וואָס האָסט אויף זיך גענומען.

לורנאַ־לי

פון די פּאַשאָנאַדן

לורנאַ־לי, כישוף־מויד!
האָר — שאַרמאַנט־צעלאָזטע
צעכוואַליעטע בלאָנד —
אויף מיין קלאַפּ אין ליכטשויב,
קום אַרויס פון שטוב, בסוד,
אין באַטיק־כאַלאַט בלימלדיק צעבליט,
מיט שטילע נעגלטריט,
אַ גיטאַר אין האַנט.

אין טאָל אונטער דער מיל, מיט פאַרמאַכטע לאָדן
אַ וואַלדיק איינגעטונקלטע
איז די לבנה אין געוואַנדל,
אַ פאַרטובלטע אין זילבערטייך,
ווו גן־עדן־שוואַנען זיך באָדן.

קום גיך!
לאָמיר ביים ברעג,
אין דעם טשערווענדל,
צוגעבונדן צו אַ פּניאָק,
זיך זעצן, לויז לאָזן דעם שטריק,
אויך אַריינשאָטענען אונדזער געשטאַלט,
אין קדמון־לאַגון,
אָפּשפּיגלענדיק בילד,
פון צעהימלטער וועלט.

מירן אויך,
מיטן אויבערשטן געבליאַסק
פֿון ווייט איינגעשכנט —
אין דעם אַקוואַדיסק
זיין אַריינגערעכנט:
איך — זינגענדיק אַ באַלאַדע,
דו — צימבלענדיק —
לורנאַ־לי!

כ׳וועל מיט לאַדקע־לאַפּאַטקע
פּלאַשקען,
אויפֿן אויבערפֿלאַך פֿון טייך,
אַפּשוימענדיק דעם געבלענד,
שיפֿלען צום פֿעלדזונדיקן ראַנד,
וווּ געשטאַלטן, ווי פֿעיען,
איינגעשטיינערט און פֿאַרשאָלטן,
שטאַרצן אין נאַכט
מיט געשאָנקענעם ליכט
פֿון דער לבֿנה.

ווי פון אַ רוח געיאָגט

ווי פון אַ רוח געהאָניעט,
בין איך אַרוים ביי נאַכט אין פאַרווילדעטן גאָרטן —
פאַרלאָזן, די גראָזן צעטרעטן —
מיט מיין טרויער זיך צו געזעגענען;
אין אַ סטעזשקע געשפּאַנט,
און געאַנט באַגעגענען פריינד,
פאַר די טרערן, וואָס כ׳האָב טריב
אין מיין שיר אַריינגעוויינט.
געמיינט,
ס׳וועלן מיר אַקעגן לייכטן
שטערן מיט בליסקענדיקע שטראַלן,
וואָס זענען פון הימל,
פאַר די נביאים, שכינה-בריאים,
מאורהש אַראָפּגעפאַלן.

כ׳האָב געטראַכט —
מסתם וועט מען מיר ברענגען אַ מתנה
ס׳סעלעסטיאַלע ליכט.

די פּיוט-מיידן מיט אַ לבנה-טאַנץ,
וועלן פון זריחה-רויזן פלעכטן מיר אַ קראַנץ,
און די אַסטאַר-פּריסטער,
וועלן אין זייער טענדע-ווערענדע
אַ קרעשטשענדאָ זינגען
דעם נזר און סצעפּטער דערלאַנגען.

כ׳האָב געהאַפּט —
פאַר מיין ליד אין טיפן ווייטיק אויסגעבריט,
וועט מען מיך אין לופט אַרומטראָגן,
שרייענדיק הידד!

ניט געריכט זיך אויף קנאה בלינד,
רשעות־גלות איינגעזאַלצט אין בלוט.
מאָנסטער־פייערלעך
אין די אויגן שׂנאה אין זיך זייגן,
מיך פינצטערדיק פאַרשווייגן.

מיט מחשבות פוילע,
האַלט מען אונטער דער פאַלע,
אַ שטילער אַ שאַרפן,
אַ שליידערשטיין, געמיין
מיר נאָכצוּוואַרפן.

ערשט נאָכן שוואַרצן וואָגן,
ווי אַ קראַ־געקראַ,
אַ שבח אַזאַ פון ניט פרומען האַרצן,
מיטן דם־רע
מיר נאָכצוזאָגן...

שיק, בורא־עולם

שיק, בורא־עולם
מיר אַ לויטערע ראיה.
כ'זאָל ראוי זיין זען דעם פאַרהוילסטן פינקל
פייער־שפּרענקל,
פון וואָס דו טוסט דעם בראשית־זאָמען
אין ערפלדיקן טומאַן פון חשכה
אויס אַ זריחה־קרעמען אויסשלאָגן
כמורנע מדבר־טיפן,
פוסטע וויסטאָס, אין עילמות באַשאַפן.

פאַרשאַרף מיין קוק אין אויג!
שלייף אוים מיין מוח, משיג צו זיין דעם עסק
פון ווערן און זיך מערן,
טרוים־קיום, פון כל־עולם.

מאַך דיין קאַיאָר מיר קלאָר!
מאת ווען אָן און פון וואַנען
האָט דער אָנהייב זיך באַגינען?
ערשטער פייער זיך צעזשאַריעט,
אין די הימלישע פינצטערנישן איינגעסטראַיעט?

איך דראַפּע זיך אויף משופּע־אָפּריסן פון צייט,
גולם אָרום אין חלום,
בין וואַכיק מיט מחשבות תוכיקע
פאַנטאַזיעס און וויזיעס.

מיר, אדמת־ארץ־שרץ,
ווילט זיך פון הי אַנטוויינען,
אין די הימלען אַריינרעיונען,
די הויכן מיטן ליכטפּלי דערגרייכן,
זיין אַן אַסטראַל־שטראַל.

צו וואָס געקומען מיט אָבות־געדאַנקען, וואָס וויאַנען,
און נייע מתקן זיין,
וויזיעס וועבן, אין רוים אַרומשוועבן,
אַליין הויערן, פאַרלוירן ווערן
אין די חיות־פלאַמען אָן אַ סימן
פון געווען און זיין?

אוים ערגעץ־נאַכט האָסטו אַרויסגעבראַכט
מיך, בן־אָדם־געשטאַלט,
מיט אַזוי פיל הימל־ליכט
מיין מוח צו באַלייכטן,
דיינע דרכים צו באַטראַכטן,
זיך יחידותדיק אָפּזונדערן,
דמיונדיק צו וואַנדערן,
דיין סוד דערשנאַפּן,
גאָט!

כ׳פלי איין־און־אוים איבערן אוניווערם
שווים אַ מאַדים אין אַ רעיון־ים,
מיט שאלות־כוואַליעס שטורעמדיק
אויף מיין אופן,

די אומענדלעכקייט צו באַגרייפֿן.
נאָר ווייטער פֿון זיך אַ טריט,
און אַפֿילו דעם פּולס פֿון בלוט,
פֿון מיין אייגן זיין,
קען איך ניט פֿאַרשטיין.
וואָגל אַרום אַ חוני-המעגל,
קוק אין דיין פֿערן שפּיגל,
און בלייב פֿרעמד,
בעתן דורכגיין איינער אַליין,
אַ בלאָנדזשענדיקער אורח,
מיט אַ טאָרבע-זעקל
מוח-שפּייז, צדה-לדרך,
מאת שנים-קדמונים פֿאַר מיר אָנגעגרייט.
פֿון וואַנען כ'בין אַוועק,
אין אַ ברעקל צייט
אַהין קערן זיך צוריק,
אויפֿגיין אַ דומם גרין, אין אַ גראָזן-בייט.

ס'איז אויסגעקומען מיר, אַ זקן,
מיט מיין אויג-לענז מעסטן די דיסטאַנץ
פֿון בליסקענדיק ליכט.

בעת דער סוף נעגנטערט זיך, מינטערט מיך,
איך טראַכט:
ווען כ'וועל שטיין אין נעפּל-מראַק, ביים אומקום-ברעג,
אין טויט-סכנה,
וואָלט איך וועלן אין שכינה

זיך אַריינשיינען, זיין אַ ניצוץ־בליץ
פֿון דיינע פֿונקען,
זיך שענקען
מיט יאָרן שפּעטער,
צו איינעם פֿון די חז״ל,
וואָס וועט וואַכן פֿאַר אַן אויסגעלאָשענעם שייטער,
אַלט און קראַנק, אַ פֿאַרלוירענער אין געדאַנק,
מיט אַ גלוסטונג צו געוויין —
אַ טרייסט אים זיין.

כ׳זאָל קענען אַריין אין אור־החיים,
צעליכטיקן די וויטסטע וועלט,
די תהומות פֿון די אייביקייטן,
און אַרומלויף אַרום די זונען
מיט בני־אדם אַ פּלאַנעט געפֿינען.
אין איינער אַ צעשטערנטער נאַכט
אַנטרעפֿן אַ זי,
פֿאַרטראַכט, זיצנדיק איינזאַם,
ביים ברעג פֿון אַ ים,
און זיך מיט איר מזווג זיין —
איינוואַנדערן אין אירע מידות,
מיט איר זיך פֿאַרשפּינען
אין די יסוד־סודות פֿון דיר, גאָט.
דאָס וועט זיין אַ תיקון,
פֿון נצחדיקן חלום,
בורא־עולם!

אויף פון שלאָף

אַז איך כאַפּ זיך אויף פון שלאָף,
עפן די אויגן, האָב די בגדים אַרויפגעצויגן.
גיים אָפּ די הענט,
אין מיין תפילה זיך דערמאָן:
אַז צוגעשוווירענע־ערד,
לאַנג פאַרלוירענע,
חומשדיק אין מיין בלוט
יינגליש פאַרפרומט איינגעפלאַמט,
איז צוריק פאַראַן,
אין אַן אייגן לאַנד
פון די בני־ישראל באַוווינט,
און ניט אין די שיימעס
פון טאַטעס און מאַמעס פאַרטרערט;
איז ניט אין טרוים,
אין אַ ספר אויף אַ שראַנק,
נאָר תחת השמש,
ממש עפר ואפר, אויף איר צו טרעטן,
אַקערן און פאַרזייען —
גייט אויף אין מיר אַ געזאַנג.

איך דוכן אוים אחת ואחת,
דבקותדיק און התפעלותדיק,
די הר־גריזים־ברכות.
אין מיין אויג צעגלימצערט זיך אַ פּייערל,
פון אור־דורות אָנגעצונדן,
אונטער גלות־נעפּל איינגעוואָגלט,
אין השכות פאַרשוווּנדן,

איצט פון דער כמורעניש אויסגעלייטערט,
ווי אַ פינקלדיק שטערנדל,
אין כנרת אָפּגעשפּיגלט.

דאָס עצבות, דורך מאַמע־תחינה
אין מיר אַריינגעוויינט,
ווערט פרייד, בבחינת שכינה אויפגעשיינט.
זאָל פאַרשריבן זיין אין די ספרי הימים:
איך, גראָ־געגרייזט,
שיק בענטשונג יעדן פרי
צו די
וואָס האָבן מיט דמים און שוויים,
די ערד — השגחהדיק באַשערט,
פון שונא און וויסטונג אויסגעלייזט.

ס'טראָגט זיך מיין געדאַוונט ליד
פון נשמה און האַרץ,
צו דער אדמת־קודש,
וואָס איז געלעגן אין מיין זכרון פון די קינדער־יאָרן
פאַרתנ״כט איינגעדאַכט,
פון יגון באַצוווּנגען,
און איצט
פון עמקות
אין אַ שׂמחה־ניגון אַרויסגעזוּנגען.

אויפן טויטן־שוועל

בעתן הארץ־אפּשטעל,
ס׳פולסיק איינשטילן,
דעם לעצטן אָטעם אַרויסגעהויכט —
נשמה, מיט פּחד אַרויסגעדעכעט,
וועט וועלן פון שקיעה־ליכט,
אין די שטראַלן זיך איינשפּילן,
פליגלדיק אַוועקפּאָכען,
איבערן חושך־ברעג,
ניט צו יאָוועז זיך צוריק,
ווידער אין גוף איינחומרן.

ס׳חיות־הדם האָט, ווי אַ פלאַם,
אין מיר אויסגעברענט ;
ס׳יונגפריאיקע זיין אַ חלום איז געווען,
פון מיר, טרוימער,
וואָס האָט שירים געיאַמבלט,
טעג אין סטראָפן פאַרוואַנדלט,
נעכט פאַרשלאָפן, פינצטערניש ניט געזען.

שעהען האָבן אַוועקגעזייגערט,
שערעגעם צעטאַנצטע רגעס, מיט פינקטלעכן געדויערן —
אַן איבריקן צייט־שפליטער ניט פאַרלוירן.
כ׳האָב געזונגען פון רעגן־בויגן,
באַגערט אים דערלאַנגען,
זענען וואָלקנס אָנגעצויגן,
ווילד געפורעמט,
בליציק און דונערדיק די מעת־לעתן איינגעריסן,

גאַליקע מינוטן אין בלוט מיר איינגעזאָטן,
ווי אַ בעל-גסיסה נאָך אַ קאָשמאַר,
איידער די שׂטן-סוטה,
שטריקט פאַר זיין גייסט,
אַ סויווע פון חושך-שטאָף,
אים איינצודעקן אין אייביקן שלאָף.

ס׳איז דאָ אין דיר אַ כּישוף

פון די פּאַשאָנאַדן

שוראַ!
ס׳איז דאָ אין דיר דער כּישוף
ווי אין אַ פאַרשייטער בלום,
אַ רויט-צעבליטע אין אומרא-גאָרטן,
אונטער אַ שוטרא-בוים,
פון זון באַלאָכטן,
באַשיינט מיטן חן-פּלאַם
מאַת שטראַלן צעגליטע
אין די זומערדיקע פאַרנאַכטן.

כ׳בין זיך מודה: צווישן אונדז ביידע
איז ווי אָפּגערעדט:
דו שענקסט מיר פרייד,
מיט דיין בליק,
וואָס פאַרשפּיגלט מיך אין זיך,
און איך ווער אויפגעהייטערט, דורכגעלייטערט,
באַנייט,
און שיק דיר חדווהדיק צוריק
דורך מיין אויפגעבליצטן אויגוווּנק
אַ דאַנק,
בענטש דיך און ווינטש,
ס׳זאָל זיין אָפּגעהיט דער שטעל פון דיינע טריט,
פון דער השגחה,
וואָס וועט איבער דיר הויערן און דיך פירן.

דיינע טעג און נעכט זאָלן זיין באַוואַכט,
יאָרן־שטויב זאָל אויף דיר ניט פאַלן,
שיינע טרוימען זאָלסט ניט פאַרזוימען.

די אויגן־פּלעמלעך אין זיקנה מאַטע
ניט פאַרלירן זאָלן די רייץ־שליטה.

אין דיין בלוט און פליייש
איז די שכינה פאַרכביכולט, איינגעשמייכלט.

איך, דער טרובאַדור, פיר די פינגער אויף מיין צימבל,
סערענאַדיר אַ לויב פאַרן אָפּענעם פענצטער
פון דיין שטוב,
שפּיל טענער נאָך ניט געהערטע,
פון אַ ניגון אין עמקות און דבקות —
צו דיר, מיר ניט באַשערטע!

זענען מיר זיך מזווג מיט דער ראיה,
ביים באַגעגענען און שטיל געזעגענען.
דו, שוראַ, ביסט אין מיר איינגעגריסט,
ווי אַ שיינע בלום אין אומראַ־גאָרטן,
אין שאָטן פון אַ שוטראַ־בוים,
בעת שקיעה־שימערדיקע פאַרנאַכטן.

אַ שוידער־בילד

ווער איז דער אנוש געשטאַלט
וואָס האָט דעם קאַיאָר צעוועקט,
גייט־אויף אין הימל־פייער וואַלקנדיק,
מיט אַן עופל, זוניק אָנגעצונדן,
אין די הענט אויסגעשטרעקט —
אַ שוידער־בילד צו וועלט
אַקעגן יויז, מיט וווּנדן צעצלמט,
אויף פעלד, אין אַ רויטן נעפל איינגעחלומט?

ווער איז ער, דער, ווי פון אש־להבה אַ נביא,
אַרויסגעפעדערט פון דער חשכה,
דערמאַנענדיק אַן גיהנום־טעג?

ער קומט, ווי פון תוהו אַרויס,
אַקעגן זון־צעפלאַקערטן כריסטאָס,
אַרום וואַלד, מיט פויגל־געטשוויטשער,
ווו ס׳איז איינגעזאַמלט
אין אַ פאַרשיכורטן אַנזויף, אַן ערב־רב,
מיט אַן אימה־פאַטשעריי אַקעגן חמה־געשטאַלט,
פאַר וואָס ער,
מיטן גלי־קרבן אין פייער פאַרשטאַרבן,
מאָנט נקמה,
פון עם־טמא.

אַ ווונד איינגעחולהט אין זיי ברענט:
דערזעען אַ קינד אין מאַמעס הענט,
געקוילעט, צוגעטוליעט.

באַמערקן אין האָריזאָנט אַ חיה־רעה,
ווי פון אַ קוימיקן שניי,
כמאַרעדיק אויפגעגאַנגען,
גרייט זקן
און פלאַקערדיקן אינפאַנט,
פאַרשלינגען.

ווער מיט צער באַשאָנקען,
האָט פענזל אין פריפאַרב געטונקען,
אויף הימל־אינדזל
גרויל־געשטאַלט באַשאַפן,
פאַרן המון עולם צום צלם אָנגעלאָפן?

וואָס מאָנט ס׳הימלישע בילד,
די וואָלקן־געשטאַלט,
און וועקט שרעק,
אין אויפקומענדיקן טאָג?

צו די אנשי־סדום

אַ ווינטיקן האָס פּייף איך אַרויס,
צו די וצדקתך־לייט,
וואָס מעסטן, ווענן און צעפליגלען דאָס וואָרט.

געגאַנגען בין איך שטאָלץ,
צו זייער הויז אויף דער הייליקער גאַס,
אין אַ קעלט פּראָסטיק צעברענט,
און געפונען אין אַ פּוסטיניע
די אַנשי־סדום, שטום,
אין אַ שיזאָפרעניע־מאַניע,
צווישן קויטיקע ווענט,
אויף טל־ומטר־לייטער זיצן איינגעזינקט,
גלאָצן אין אויוון מיט אַ גוסס־פלעמל צעצאַנקט,
און מיך, פרעמדן ווי פון מדבר־זאַמדן,
מיט בליק פרעכן דורכגעשטאָכן.

איך נאַר און ביישן,
האָב האָלץ געבראַכט צושטייער,
דאָס פייער צעקינדלען,
און מיט באַדויער געזאָגט:
לאָס איך האָבן די קוילן צעשאַרט,
אין אַש זיך נים צו לעשן;
לאַנג געווען באַדאַרפן,
שפּענער אין אויסגעגליטן תנור וואַרפן,
פאַר די, וואָס פּראָסטיק גליווערן,
צו קומען זיך באַשירעמען, אָנצוואַרעמען.
זענען די איינגעהימלטע פון אייגענעם טשאַד,

געבליבן מיט פּיסקעס צעקרימט,
ווי מ׳וואָלט מיר איינגערוימט:
ס׳טריפה בלוט פון די אַלטע לייט איז מיט קנאה ניט זאַט,
און מיד אין גלויבן, אויסגעזומערט.
אין דרויסן זאַווייעט,
מיט גראַוויורן פאַרפּרירן די שויבן,
פאַר די בייזע מרוקן:
פון זייער דלד-אמות-מאָס ניט אַרויסצוקוקן.

מיט געמיט שווער פאַרקלאַפּ אין די טיר,
שפּרינג פון אייבערשטן שטאָק,
די סקריפּנדיקע טרעפּ אַראָפּ
און פּייף אַרוים אַ הייסע פּאַרע,
פון לונג, בלאָ ווי אַ מילץ,
אַ צעפּרעסענע פון ערגער-זאַלץ,
עפּעס האַרבס
פאַרשרייב איך מיט האַנטציטער אויף קברות-בלעטער
אין אַ שטראָף-כתב.
אין יעדן אות אַ כעס,
ס׳זאָל בלייבן אין שׂנאה-ווערטער אָנגעקליבן,
אויף יאָרן, יאָרן, צום זכרון.

קומט־אויף פון טויטן־שלאָף

קומט־אויף פון טויטן־שלאָף,
אָן טלית און תפילין, אָן קיטלדיקע איינהילן,
מיט ווילדגעשריי זיך טראָגן,
אין די תכריכים
איבער פוסטע דרכים,
פון כף־הקלע,
קלאָגן, ווי ס׳געוויטעריי פון שחת־רוחות,
פאַרקללהטע נשמות אין אבדון תהומות.

קומט־אויף פון טויטן־שלאָף,
מיט ביינער־פייף פון רמ״ח,
זאָלן אין די הויכע פלוינען ציקלאָנען וויינען
אויף אייערע צרופים, סיגופים,
פאַסטן און אויפן שׂכר דעם ויסטן.

איבער בית־עולם־וועגן זאָלט איר יאָגן,
אין אַ מיראַזש פון פינצטערניש.
אויפטאַנצן פאַר אייך זאָל צעגליט אַ שד,
וואָס שפעט־אָפּ און אָן מורא טרעט אויף די שמות־אלוהי,
פון דער תורה, יריעות צעפליקט און בלוטיק פאַרפלעקט.
זאָל ער אַרויפברויזן און באַווייזן,
ווי די זריחה פון דער השגחה
האָט מיט אַ בליץ הימלען געשפּאָלטן,
און כביכול האָט אויפגעציטערט,
דערזעענדיק מיטן בליק
ס׳חיות הברואות, געחרובט, פאַרטרפט,
און זיך פאַר שרעק דערווייטערט פון די חלילמס שעלטן,

ווילדעוועז און געוואַלדעוועז
איבער די גיהנום-טאָלן.

קומט-אויף
מיטן בחרי-אַף-פייף,
און אַ ווידערקול-געוויין אָן פעלדזן-שטיין אָפּגעשלאָגן,
פון אומברענג אַ בומעראַנג —
צעקברימט און פאַרוועדעמט פון שלאַנגען, סקאָרפּיאָנען,
מיט שפּליטער-צונגען,
וואָס וואַרפן זיך און דרייען, סיקן און זיך שטרעקן,
סם-גוליעס אַרויסצושפּייען,
אַקעגן כביכול,
וואָס רוימט אַרום אָן רו, ערגעץ-ווו, מיטן כי טוב-אויסרוף,
האָריזאָנטן צעברענט.

אַז ס'קומט אויף אין ווינטן-פייף אייער געשריי,
איז ער אין אַ היץ-זאַווייַ
פון אַ צעשטורעמטן פייער;
צעצינדט ליכטער גרויס
און לעשט זיי אויס,
צעפינקלט שטערן אין די דיסטאַנץ-הויכן,
ווייט — די געוואַלדעס אויסצוהערן...

ווען כ׳וועל ווערן אַוועקגערופן

ווען כ׳וועל ווערן אַוועקגערופן
פון דער זינדיקער וועלט,
ביים נשמהדיקן אויסגיין,
לאָז מיך, כביכול, זיין, נאָכן בהלהדיקן טשאַד,
דער וואָרן-ווייזער, אָנגעשטעלט,
אויפן קאָסמישן ציפערבלאַט,
צו טייטלען בלוטיקע פּרִיען,
פאַרנאַכטן אין זון-שקיעה פאַרגלִיען.
זיין די זריחה-שׂריפה
אויף דער מחבלישער תקופה, שטונס צייטגעווערק פון לייד,
וואָס האָט מיטן לויף-אומרו אַרויסגעאַנקערט חשכה,
פון מעת-לעתדיקער שעה,
באַהערשט און באַרוישט
פון סאַטאַנישער רציחה.

דערלויב מיר זיין, גאָט-אחד,
צעשוידערטער פאַרביי-געשריי,
פון די, וואָס ס׳האָט צום אייביקן נעכטן,
שׂר התחתון אַוועקגעשאָכטן.

זאָל מיין זעונג אַריין אין אַ שטערן
און מיטן בליסק פון טרערן העלפן דעם צער באַלייכטן.
כ׳וואָלט וועלן געשטאַלטיקן זיך אין די הייכן,
אין לבנה-געזיכט פון אַן אויסגעשטערנטער נאַכט,
און ניט אויסווייכן די חורבות פון שטעט,
קוויליקע פאַרברענט,
אין אויסגעלאָשענע פענצטער אַריינשיינען,
פון פאַרוויכערטע ווענט דאָס וויסטעניש אַרויסלייענען.

זײַן דער תּחית־המתים־חלום אױפֿן בית־עולם,
בלײַבן דער אָפּשײַן פֿון זון אױף אַ פֿעלדזיקן שטײן,
װאָס שטאַרצט אַרױס פֿון אַ נעפּל,
װי דער אָדלער שטעלט זיך אָפּ,
האַלט אין שנאָבל אַ דערשטיקט־צעפּליקטע ראָב.

לאָז מיך בלײַבן דער װײַזער צעגליט,
אױפֿן קאָסמישן ציפֿערבלאַט,
צײגן דעם סעקונד־בלענד,
פֿונקענדיק צעשפּריצט, אױס יעדער מינוט אַרױסגעבליצט,
פֿון אײַנגעדמטע שעהען, װאָס פֿאַרגײען
מיט בני־אָדם־קלאָג אין פֿאַרחושכטן טאָג.

באַװײליק מיר זײַן אױפֿן צײַטװערט —
איבער טאָל און בערג פֿון ערד —
אַ לאַנגער דראָענדיקער, שטראַלן־פֿינגער,
װאָס צײגט:
די בלוטיקע טײַכן,
ניט אײַנגעזאַפּט,
בראַנד־סטעזשקעס און ריטשקעס,
קין־צײכן,
װונדיקע, אײַנגעמאַפּטע,
„פּרעציפּיסיקע" קװאַלן,
רױשיק־פּליסיקע פֿון אָפּריסן,
װילן זיך ניט אײַנשטילן;
װוּלקאַנען פֿון גיהנום־בײזן,

וואָס טשאַדען מיט אבדון־רויכעס,
פון אשמדאי־רוחות אַרויפגעבלאָזן.

לאָז מיך, גאָט, בלייבן מיט מיין שׂנאה,
נאָכן דורכגעלעבטן שטורעם;
דער שאָטן פון דער לבנה,
וואָס בלאָנדזשעט איבער קברים
פון בני־אָבות אָן מצבות,
ס'דוכט, זי זוכט
מיט שטראַלן קרומע אַ גבית־עדות־נשמה
וועגן שפיכת־דמים אין ריקעס אָפגערונען,
ימים קלאָג ביזן משפט־טאָג
אין אַ שאול־גרויל חלום
פון כל־עולם פאַרשפּונען.

כ'וואָלט געוואָלט:
מיין ראיה אין זון־שקיעה
זאָל אַ גליווער־זשאַווער
ניט פאַרסאַזשען,
ווערעם ניט גריזשען
געפּייניקטן גוף.

מיין ווינד־און־וויי־שאַנד, וואָס ברענט,
זאָל צעפלאַקערן די פריִען,
פאַרנאַכטן צעגליִען —
אַ להבה־פּראָטעסט
צו וועלט איינגעפינצטערט וויסט.

דיין בלאָער פויגל...

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

דיין בלאָער פויגל
פון ווייטן אָריענט,
מיר אַ געשענקטער,
איז פון גאָלדן שטייגל
זוניק צעבלענדט,
נאָך היים אַ פאַרבענקטער,
דורכן פענצטער אַרויס;
זיך אומגעקוקט,
פליקראַפּט געפּרוווט,
און פייל־אויס־בויגן אין וואַלד געפלויגן.
כ׳בין פאַרווירט נאָכגעלאָפן,
פייפנדיק גערופן,
ביז ס׳האָט געזעצט זיך די נאַכט —
שאַקונדראַ.

איבערגעלאָזט אַ בלישטשיק צעפלאַקערט הויז,
שפּייז געצוקערט, קלינג־גלעקל, שפּרינג־שטעקל,
שווונג־שטענגל, הענגל־ראָד, סיראָפּ־געטראַנק,
וואַנע־באָד, שימערדיק צעשפּיגלט,
און אַליין עלנט אין וועלט אָוועקגעפליגלט;
מסתּם געאַנט: אין יענער זייט האָריזאָנט
נעסט געפינען,
ווו זיין זי זיצט פאַרלאָזן, אָנגעבלאָזן,
זייט ער איז געוואָרן —
מיט אַ לאַקעמינע זיסע, פאַרנאַרט —
אין אַ קלעטקע־תּפיסה פאַרשפּאַרט,

און דו, פון געזאַנג פאַרגאַפט, האָסט אים אָפּגעקויפט,
און מיר אַ מתנה געשיקט —
שאַקונדראַ.

אַרום זומפּיקן מאַטשער
פון איינגעטונקלטן וואַלד
האָט זיך געפילט אַ מיד־מאַטע חרטה,
אַ סכנה אין אַ פאַרפינצטערטער וועלט.
מסתם געטראַכט:
כאָטש אין ווילד געצווייג,
מיט לבנה־ליכט פאַרפלאָנטערט,
דורכדרימלען די נאַכט;
פאַר טאָג, אויפגעמונטערט פון שאַריִען, ווייטער פליִען,
שפּרינגען איבער בוים, זינגען בענקעניש אַהיים.
און איך, ווי אַ יינגל,
האָב געלאָזט זיך פאַרפירן —
אין דזשונגל נאָכגעלאָפן,
געטאָן זיין פּישטש אימיטירן,
אין די מאָכן טיפער פאַרקריכן,
לעכצנדיק נאָכן שפּילפויגל,
מיט בלאָ־פלאַטער־פליגל, די זינג־מתנה דיינע —
שאַקונדראַ.

שטורעם־כּוחות

שטורעם־כּוחות,ווירבל־רוחות
ניט געצוימטע,
פּאָבען אויס מיט ציקלאָן־פּעכער אַ געוויכער
פון ווײ־געוואָיען צעברומטע
קולות באַנומענע —
אַ געבייזער פון די אין פאַרשׂרפּעטע הייזער
אומגעקומענע,
אין חורבן־כּרך פון פייער און רויך.

צערענען און צעטרייבן
קטורת־כּמאַרעס אָנגעקליבן —
הימל אויסצולייטערן,
צעשטערענען יאָרצייטן,
פאַר די אַלע געטלעכע
מיט הויה צע׳שם׳ט,
אויף די שייטערן פאַרפלאַמט.

ס׳שטיקט און וועקט דער וואָלקנדיקער משאַד ;
ס׳גייות פון שטאָט,
פאַרשנאָרכטע, איינגעפאָרכטע,
מיט פּחד־פונק אין געדאַנק,
צעצינדנדיק קאָשמאַרן אין די געהירן —
פאַרזינקען אין שלאָף,
מיט אַ חטא צעפּיבערט,
אין שאַרבן איינגעקברט.

ס׳טראָגט זיך אין געוויטער
מוטער־יללה — אַ געוואַלט־ווילדיקע,
און דאָס קייכעניש פון אַ קינד
וואָס האָט מיט מאַמען אויסגעברענט,
נאָר די קולות זענען פאַרבליבן, ריטשענדיק גרוילע,
וואָס מאָנען־דערמאָנען — דעם בית־דין של מעלה
ניט צו פאַרגעבן די זינד
פון די שולדיקע.

אַן אַנגעהיטלטער מת,
אַ ווייס־באַקיטלטער,
פון בית־הקברות אַרויס,
שפּרייזט איבער צעיאָמערטער גאַס,
ווי אַן עולם־התוהוניק פאַרלוירן,
זוכט אַ קלויז אַ פאַרגעסענע,
אין די ספרים צעריסענע פון אָרון־קדוש
אַרויסווייגען דעם גאַל־קנויל
קויליק שוואַרץ אונטערן האַרץ,
אין די טרערן איינגעפּרוירן.

ס׳טראָגט זיך אין ווינט
אַ שרייענדיקער געאייל
פון קללות.
אַ מאָנסטער, ביים אויגן־שיין צעבליצט,
פאַרקירצט אויף אַ לוח־טאָוול
פאַר תובל־קין דעם בזיון:
פיין און קוועל אוים צאַפּלענדיקער זעל

פון אַ גוף ניט דערהאַנגען, ביסורים אויסגעגאַנגען.
אין סכנה־טעג, אויפגעשראָקענע;
גיהנום־שעהען פאַרגליִען,
בראַנדיק־וווּנדיק רויט;
די מינוטן אויסגעווייקטע,
אין טריפענדיקע בלוטן פון דער צייט,
זענען אָנגעזייגטע מיט סם־פּלאַם פון טויט.

דער רוח, סקעלעטיק דאַר,
פאַרסקריבלט מיט אַ גריפל פלאַקערדיק צעשוועבלט,
אויף חשכות־שטיין,
אין ניט־לבנה־נאַכט,
אַקעגן שטן־שונא זיין האַר,
שׂר־המשחית:
פייער צעקראַכט שוועמלדיקן רויך־געוויין,
מיט מעגאַטאָן־קראַפט געטראָגן אין דער לופט,
איבער איינגעוויסטע טאָלן;
אַ געווירבל אַרויף מיט נשמה־געפּייף
פון טויזנט אָטעמס אַרויסגעשווּיפּטשעט,
אין די ווינטן נע־ונד,
פאַרשאָלטענע פון גאָט,
וואָס האָט ס׳פּישטשענדיק פלוכן,
פון פּנקס אויסגעשטראָכן —
כאַפּט זיי אויף דער שד,
מיט שלאַנגיקע אויגן צעבליצט,
און פאַרן טייוול אויפן טאָוול פאַרקריצט...

כ׳בין אַוועק אין די מיטראַ־בערג

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

פאַרן שאַרויען,
בין איך דורכן פאַרק אַוועק
צו די מיטראַ־בערג
איידער די גיפלדיקע שפּיצן
זיך פורפורדיק צעבליִען.

געגאַנגען ניט אויסגעשלאָפן גאַפן,
ווען די וואָלקנס זיך צעהייצן
מיט מאַראַנצן־גאָלד;
די ביימער פון וואלד
ווערן פייערדיק צעצינדט,
און זען, ווי הירשן מיט הערנער צעברענט,
לאָזן זיך צו די טאָליקעס אַראָפּ,
אין גראָז געדיכטן מיט טוי באַלאַכטן
בריליאַנטיק צעשפּריצט,
מיט הימלזאַפּט אַ קילן,
דעם הונגער און דורשט צו שטילן —
שאַקונדראַ.

כ׳בין אַוועק מיט אַ ניט צעזדראָכעט געזיכט,
איבער איינגעשלומערטע געמאַרקן,
איידער די טויבן זיך צעוואָרקען,
הענער זיך צעקרייען:
זען דעם מזרח זיך צעגליִען,
מיט אויפשיינענדיקן ליכט.

ביי אייך איז איצט פאַר נאַכט,
דער מערב־ראַנד צעבלענדט —
שוין אויסגעטאָגט;
ביי אונדז ווערט דער פרי ערשט אויפגעיאָגט.
רויט איבער וואַלד און פעלד,
פורפּולט זאַנגען־ברויט,
הויך צעוואַקסן גילדיקט קוקורוז אין די פלאַקסן —
מיט ווינטל צערוישט און פון שטראַלן צעקושט.

דאָרט ווו דו ביסט
פאַרגייט שוין די זון,
און דאָ — הייבט זי ערשט אָן.
איידער ס'באַווייזט זיך אַ שיין אין די שויבן
האָב איך זיך פון געלעגער אויפגעהויבן.
אין אַ טראַכט פון אָן אָריענטאַל,
בין איך אַוועק מיט מיין קנעכט אין טאַטראַ־טאַל,
אויפן נאַקן אַ קערבל פאַרהאָנגען אויף אַ שטעקן,
יאַגעדעס צו קלויבן —
די זאַפטיקע פרוכט
געצייטיקט איבער נאַכט —
מיטן לופט־באַלאָן דיר איבערצושיקן.
ביי אונדז וואַקסן זיי גרויס, זיס;
טראָגן אין זייער גלוטיקן פלאַם דעם חיות־שטראָם.
מאָרגן־פרי, ווען וועסט זיך פון שלאָף אויפכאַפּן,
וועלן זיי שטיין פאַר דיין טיר
צו באַזאַפטיקן די ליפּן,
מיט זייער וואַלדיק שמעקן

ס׳האַרץ דיר דערקוויקן —
שאַקונדראַ.

אין די שעהען ווען וועסט רוען
אין אַ טרוים פאַרוויגט,
וועל איך האָבן צו די בערג געשטייגט,
מיינע גיטאַר־סטרונעס אָנטאָנען
מאַת אויפגייענדיקער זון
אַ ליד אויפמאָנען,
פון דיר אויסגעזונגען,
וואָס די שקיעה האָט פאַרשלונגען.

כ׳וויים, ס׳איז פון נשמה צו נשמה איבערגעשיקט
מיטן שמש־אור:
אַ שיר, וואָס וועקט און גליקט,
און באַלאַנגט צו מיר —
שאַקונדראַ.

פירט מיך, דעם שיכור

פירט מיך, דעם שיכור, קרוע־ובלוע אָפּגעשליסן
איבער שטאָטישע גאַסן —
דעם „זומפּ”־געפּאַלענעם „בויערי־טרעמפּ”,
פּרצוף צעשלאָגן, אויגן פאַרגאָסן,
וואַקלענדיק אין גאַנג, מיט צעפּלאָפּלטער צונג,
ביטערניש אין נפש אָנגעזאָמלט,
דורך לעפּן אַרויסגעבראָטן.
אין נאַכטלעכן שפּעט, פאַריאָגט פון ווייב,
אָן אַ שטיקל גרעט אויפן לייב.

ווען אַלע לאָמפּן זענען אויסגעלאָשן,
שלעפּ איך זיך אַרום מיט אַוועק־גערוך
אין דער פינצטער אומגעוואַשן,
אין שקראַבע־שיך.
גוף, ווי אויף קוילן צעגליט,
אין געביין פּיין ס'דם־רע צעזידט.
כ'בין אָנגעטראָנקען, צום טייוול זיך אַוועקגעשאָנקען.

ווי ס'שיינט אַ ליכט אין פענצטער, כ'האָב די שויבן אויסגעשלאָגן.
אַ חרטה־זאַלץ בייסט טיף,
פרעסט מיך אויף.

דערלאַנגט מיר איצטער נאָך אַ כוס,
איידער לעצטער לעשט זיך אין מיר אויס
און איך ווער ניכטער, און דער רוח לאַכט אַ צעקייכטער,
וואַרפט אַ שטשור אין שיינעם פּנים מיר,
דאָס רויטס אין מיר צו צעקאָכן.

גיסט אָן מיט פולער מאָס דאָס גלאָז, זאָל עס איבערדרינען,
פאַרשווימען דעם געדאַנק —
צו סלינען גיפט ווי אַ שלאַנג.
טוט פירן מיטן לאַמטערן
איבער שטאָטישע גאַסן,
לאָז מען זען מיך אָפּגעשלימן
מיטן רויטן צייכן אויפן שטערן,
און ניט פרעגן, וואָס אַזוי שפעט — אָנגעטרונקענער ווי לוט.
גוט, וואָס דער „בוז"-אָנגוס איז סם צעשווימט,
די צונג איז ניט געצוימט,
און פייער איז דאָס וואָרט, וואָס שפּאַרט
אָן מורא פאַר גאָט.

אין אַ צעפּינקלטער נאַכט

אין אַ צעפּינקלטער נאַכט
שטיי איך שטאַר און קלער:
ווער האָט רוים און צייט
פון אפלה און הבלה
דורכזיכטיק אויסגעשליפן
אומענדלעך צעשפרייט —
דאָס ליכט באַשאַפן,
שטראַל־שטויבן צעווימלט, איינגעזאַמלט
אין פלאַקערדיקע גופים, זון־שׂרפים, צעטריבן,
אַן אויפהער אַרומצולויפן,
זיך אַרוים־אויסערן, דעם חלל פאַרגרעסערן?

ווי לאַנג האָט געדויערט דעם קדמון־געדאַנק,
צו האָבן אַן אורפונק צעפּייערט אין מעטעאָריטן,
וויפל תקופות פון אין־סוף האָבן זיך כאַאָטיש געביטן,
צעחומט און פאַרפלאַמט,
ביזקל אין די בלאָ־געלויזן פון הימל,
האָט אַן איינציקס, אַ בליציקס זיך באַוויזן —
אַרומצושייטערן, אין אַ שטערן זיך אויסצולייטערן?

ווער האָט אויף גרודע־ערד מיט טאָג און נאַכט,
אַ וואָגלאָז געטראָגענע אין אָרביט אַרום,
איבער גרונטלאָזן תהום,
מיך צום לעבן אויפגעבראַכט,
מחשבה מיר געגעבן,
אַ שׂכל אין מוח צעשווינבלט, איינגעגעבלט?

מ'זאָל מיר מיליאָנען יאָרן שענקען,
ס'מחשבהדיק פאַרזינקען אין אוניווערסאַלן שטראַליקן לויף
איינגריבלען טיף —
וועל איך דען געפונען דעם באַגין,
אָנהויב-שטויב, קרעאַטור-יסוד?
זאָל מען די אַטאָמען-וועלטן שפּאַלטן,
אין די לייכט-זאָמען וואָס ווימלען אין זייערע „געצעלטן" ארום
גאָטס-סוד זוכן, וואָס ליגט ערגעץ באַהאַלטן —
ווען דאָס מיך קלוגער מאַכן?

ווער איז די קראַפט,
אַרומטרייבנדיק אַ רודערל אין מיקראָ-„חדרל"
פּירט צענויף דעם אורשטאָף: —
פון עלעקטראָן, ניוטראָן און פּראָטאָן אַ יחיד באַשאַפט?
אין וואָס פאַרא וואָגשאָל,
איז איטלעך פּינקטלעך אָפּגעוווּיגן?
און ווער ציילט אָן אַזוי פיל פון די און די אין צאָל,
אַ יונאָניזם אין יעדן פאַרשידענעם מיקראָסקאָסם.
רוחני-שטויב צעיאָגט אין שטורעמדיקע זאַווייען,
זיך צו פאַרזייען
פאַרערפלט אין אַ יש מאין —
אָן אש-להבה
אין אומענדלעכן געטראָג,
אויסצושרפענען פאַר זיך אין דער חשכה אַ זריחה-וועג?

כ׳שטיי, ווי מיין טבע, אַליין, נאַכטלעך שפּעט,
אין אַ רעיון־דמיון פאַרטאָן, קוק און טראַכט.
כ׳זע די לבנה פון אַ טומאַן אַרויסשוועבן,
אַ וואָלקנדל, ווי פון רויך־געוועבן
אין איר ליכט זיך צעגיין.
איך ווער אין מיין אינערלעכע מרודה פון פרעגן,
אויף ערד־גרודע אַרומטראָגן,
באַגרייף ניט אין געלייף פון פּלאַנעט, וואָס אויג זעט,
ריטמיש געאָמעטריש אין געשטאַלט אויסגעמאָלט;
כ׳נעם אָן מיט פאַרכט די וועלט,
איר פּילפּייערדיקע גופים צעגליט,
ווייטקייט, צייט, אין חלל איינגעבליט,
אויסגעחלומט אין אַ קיום פאַרעולמט.

כ׳זאָל זיין בקדושת השם
אין דער קבלה פון די הויכן פאַרטאָן,
מיט דער שכינה באַקרוינט און צעשיינט,
פאַרשטיין מיטן מאַרך מינסט־ווינטלדיקן בלעטער־שאָרך,
דעם געהיימען ציטער,
וואָס לויפט מיין נשמה אַדורך,
זיין זעכער, אַז די חכמות־חז״ל,
קען איך משיג זיין,
זייער דרוש און דעת תופס געווען —
בלייב איך פאַרט שטיין באַזיגט
ניט שווה מיט דער מחשבה:

כ׳וועך געשווערט אויף דער ערד, אַרומגעוויגט,
און אַז לבנה אינטער אַ וואָלקן פאַרקריכט,
פאַרשאָטנט זיך מיין געזיכט —
ביים ברעג פון פאַרגיין.

כ׳בין אַרויס אין מאָרגן־פרי

פון ציקל אינדיע — ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

כ׳בין אַרויס אין מאָרגן־פרי
פון מיין דירה
צום שיפסהעד־בעי,
מיט אַ שירה צו זונס אויפקומען —
אַ פּורפּור־באַלאָן
פון אַ טומאַן אין אַראָרישע פלאַמען,
אָנצינדנדיק דעם אַרום,
און אַטלאַנטישן ים —
שאַקונדראַ.

אַוועק פון היים־געדרענג,
הערן פויגל־געזאַנג
אויף באַלאָכטענעם בוים.
אַ טשוויטשעריי און מעוועקווידעשעריי
אַקעגן אויפשיינענדיקן ליכט.

געכטן פאַר נאַכט,
געזען זי אַ פייער־בראַנד
אין מערב־עק פון סיגעיט,
ווי שיפלעך אין געבלענד זיך טרענקען —
שאַקונדראַ.

כ׳בין אַרויס אין שאַריענדיקן פרי צום שיפסהעד־בעי,
זינגען צום גרויסן ליכט,
וואָס גייט ווי פון ים אויף
ביים עק פון הימל און וואַסער־ברעג,

מיט פלאַקער־בראַנדן און מיט גילדענע וואָלקנדלעך אָנגעצונדן.
באַמערקט דיביימער־קרוינען ברענען,
פענצטער פון שיפלעך, מיט זעגלען צעפליגלטע,
צעשפיגלטע שיינען.
געזען דעם פלאַם אין ים זיך צערינען.

דעם גלאַנץ ביי אונדז, פון מאַראַנץ־זוניקן האָריזאָנט,
קען מען ניט גרייכן, איבער לאַגונען, אָזערעס און טייכן —
ווי ביי אייך מיט אויסגעשטרעקטער האַנט —
שאַקונדראַ.

כ׳בין געגאַנגען זען דעם אויפשיין,
הערן די פייגל זינגען, קוקן אין וואַסער־שפיגל.
אַוועק פון דער היים, אין קאַיאָריקן טאָגן,
אין טליתדיקער עטרה, און מיט מיין לירע
צום כל־עולמדיקן אַ תהלימדיקן שיר המעלות זאָגן —
שאַקונדראַ.

שאַראַמונדראַ

פון די פּאַשאַנאַדן

איך האָב זיך פאַרקויפט צום טייוול,
מיך רייצנדיק מיטן געשטאַלט פון דיין בילד —
איך, דער מתמיד, אָפּגעשלאָסן אין גאָטס צעלט,
האָב מיטן בלוט זיך אָפּגעחתמעט,
צום שׂטן, פאַרשאָלטן פון אַלע וועלטן.

ס'האָט איינגעזויגן מיין חכמה און בינה:
דורך לערנען בכוונה,
מיט הויות אין די רוממיות
חלומות שפּינען,
וועל איך דיין האַרץ ניט געווינען;
אַן אַנדערער וועט צו זיין היים דיך פירן.
איך נאָר וועל בענקען נאָך דיר.
צווישן הייליקע ווענט פאַררויכעט
אין די ספרים איינגעדראָזשעט,
לילית-שלאַנג,
וועט אַרויסשטעלן מיר אַ צונג.

דער שד האָט מיך נאַכט-שפּעט איבערגערעדט,
פון זיין קרילע אַ פעדער געפּליקט, ביי אַ פאַרפלוכט ליכט,
אין מיין אָדער געטונקען,
און כ'האָב אויף זיין כתב פאַרציקט,
זיך אונטערגעשריבן —
פאַרן האָבן דיך איין מאָל אין מיין געמאַך,
צו זיין אויף אייביק פאַרלוירן
אָן אַ גאולה אין כף-הקלע.

מיך באַדויערן וועט מיט איר פליגל־טריל,
די גיהנום־גריל,
צינדן און זיך לעשן ביי יעדן טשירפּ,
אויפצובליצן שרעק אין מיין פינצטער־בליק,
בשעת מחבל־בייטשן וועלן מיך דרעשן האַרב,
ווייל נאָך דיר צעפּלאָמט,
כ׳האָב די תורה פאַרשעמט,
פון מעפיסטאָ־בעכער שהור־גיפט געטרונקען,
אין אַ שלאָף איינגעזונקען,
און ווען דורכגעוועקט —
זיך דערפילט יונג־ווילד,
מיט בחור־קראַפט באַנייען,
באַפרייען פון זיקנה־פענטעס,
וואָס ס׳האָבן פאַרוואָרפן אויף מיר די ווייזהייט־ליימס.

כ׳האָב געמיצט, זיך אויסגעפּוצט אַ פראַנט,
מיט צוויבער־שטעקל אין האַנט,
און ביים שיין פון אַ מעסמער־ליכטל,
בין איך אַוועק איבערן גרויסן כרך,
בתוך אַלע קאַנטן זוכן דיך,
אין מיין נעץ צו פאַנגען,
מיט מיין מתנה־שאַכטל,
ווו ס׳ליגט דערינען:
אַ שנירל פּערל, רובינען, סאַפירן, שמאַראַגדן,
בריליאַנטן, בראָנזעלעטן און רינגען.
מיט פאַלש־פאַרמעג,

דיך כשופדיק באַצווינגען —
שאַראַמונדראַ.

ערגעץ מוזן נאָך זיין, פון די שימל־ביכער
אַרויסגעלייענט,
אַזעלכע ווי דו:
פאַרהאַרעמט, אָפּגעשלאָסן, פון שאַנדאַלירן באַשיינט,
אין פּאַלאַץ־הייכן פון יעוונוכן באַוואַכט,
אַ פּרינצעסין ווייט אין אַ שלאָס פאַרגעסן,
צי אין אַ קלאַשטאַר אַ נאָנע,
אָדער אַזוי אַ שיינע זונה,
צי אַ פּאַסטושקע אין פעלד,
נאָך ניט אָפּגעגילדט,
און פאַר אַ קיניגין געקריינט;
ס׳מוזן נאָך זיין אָרעמע מיידן,
וואָס חלומען אין בגדי־מלכות זיך צו קליידן,
צו קענען פיבערן־צויבערן, ווי דו,
האָבן ס׳מזל געהאַט מיט זיבן חנען אויפצושיינען,
זיין פון פּאָעט־יונגען אויסגעזונגען,
ווי דו פון מיר — אין אַ האַרץ־צעבריט ליד.

כ׳האָב פון טויזנט און איין נאַכט, ביי אַ פולער לבנה,
דעם שונא פון רוחות אויף להכעיס,
אין אַ גלימער־מעשׂה דיך פאַרטראַכט —
שאַראַמונדראַ.

מאַנהעטן־אינדזל

מעטראָפּאָל־שטאָט!
וועלכער קינסטלער קען אויף קאַנווע פּינדזלען,
מאָלן, פון דעמערן אַרויסהילן אין אַ זוניקן קאַיאָר־אויפרור,
צויבער־סוד פון די בריליאַנט־בליצערס, וואָלקנקראַצערס?
ווער איז בכוח דיך צעשימערן,
אַריינוויברירן העל־קאָליר, איינשאָטענען, דימענסיאָנירן,
בערשטל־שטריכן זאָלן פּערספּעקטיוו ניט פאַרפלאַכן —
אין אַ תחום מיט ים און טייך איינאינדזלען?
די הענגלבריקן צעשטרעקן
איבער וואַסער־טיפן מיט שווימענדיקע שיפן —
אויפן שטאָל־געפלעכט, לאַסטוועגן, באַנצוגן,
באָסעם און אויטאָס הין און קריג יאָגן?

שטאָט, לויט געאָמעטרישן פּלאַן געבויט,
אויף פעלדזיקן פונדאַמענט הויך־גאַרנדיקער כרך,
מיט קראָם און גלאָזיקע ווענט פיל־פענצטערדיק צעבלענדט.
צערעשסט און פאַררוישסט מיט געבראַזג,
די באַגין־יאָרן פון דיין געשטאַלט:
רויערד, וואַלד־פלאַקסן און ווילד־געוויקסן,
ווען אינדיאַנער מיט פייל־און־בויגן, פון באַהעלטענישן אָנגעפלויגן,
אויף צעבריקעטע פערד מיט גליִענדיקן ברען,
פלעגן אויף לויער־וועגן מיט גאַווער־סלינע
אַרויסגעוואַלדיקן אַ פלוך,
און צילן אין שונא —
פון וויטע קאַנטן אין אָקרענטן, איבער כוואַליענדיקן אָקעאַן,
מיט שפּיז און שווערד צו די ברעגן אָנגעשווומען,
ס׳לאַנד צו פאַרנעמען.

וועלכער רויטער מכשיפה פון יענער תקופה
קען געלונגען מיט וואַראַזשענדיקן פלוידערן
דיין „אינדיען־טשיף" אין די פעדערן
פון טויטן־שלאָף אויפברענגען,
אַ ווילדער, פון געפילדער פאַרלישעט —
ר'זאָל קוקן, גאַפן, פייפן, באַפעלן,
הערצלד־סקווער־פאַרקער אָפשטעלן,
צעדולט פלאַפלען, פון גורט אַרויסקניפלען,
ס'ביסל אָן־גלאַנץ־זילבער־מינץ,
פאַר דיר מזומן אויסגעצאָלט,
מיט קורצזיכט־ראיה באַטראַכטן די מטבע,
וועגן אין האַנט, אויב ניט גרינג,
פרוון מיט די ציין,
הערן דעם קלאַנג אויף שטיין,
צי ביים פאַרקויף ניט אָפגענאַרט?

שטאָט! מיט צירקל־ראָד, עוועניוס,
קוואַדראַט־און־ברייט־גאַסן —
אויף זיי אָן סוף אין זיגזאַג־לויף,
פון ווייסע און טונקעלע ראַסן,
מיט טענות ומענות אין פיל לשונות.
פאַרשימלט, גראָ־גערינען, ווערט דער באַגינען.

פון נעפל אַרויס טומלט אָן אויף אַספאַלט־ראָגן
דער מילך־וואָגן,
זון־שטראַלן פאַלן אויף די הויך־פאַלאַצן,
באַגילדיקן די טורעם־שפיצן, דעם דלותדיקן העק, ביים איסט ריווער־ברעג.

צינדיקן די דורכוואַרף־בריקן,
ווי מאַשינען מאַטאָרדיק סאַפּען, יאָגן קרים־קראָס,
אויפן אָנווייז
פון גולם־גלאָצענדיקע סיגנאַלן,
וואָס בייטן זיך שנעל, לויטן מעכאַניזירטן באַפעל.

אויס טענעמענט־הויז,
פון אַלאַרמיקן וועקן אויפגעשראָקן, שפּרייזן אַרויס
ברואים ניט דערשלאָפן און לויפן אין געאייל
צום סאָבוויי־הייל
אַראָפּ די סטאַציע־טרעפּ.
עקספּרעס־באַנען יאָגן אָן, שטעלן זיך אָפּ אין געטומל,
פאַרשלינגען מענטש־געזעמל,
ווי צעבליצטע שלאַנגען־ווערעם
מיטן ענג־געדרענג,
אין די ערד־געדערעם די מיילן פרעסן,
בראַזגיק־שרייען —
אַרום די פאַבריק־גאַסן און צו ווייטערדיקע אויסגענג,
דעם המון אויסצושפּייען.

פון צפונדיקער בראָנקס אַרויס,
ביזן דרומדיקן ים־ און האָדסאָן־אויסגוס.
אַרויף און אַראָפּ, אין דער לענג און ברייט,
פון נאָענט און ווייט,
שפּיטעט אַרום אַן ערב־רב צום באַשאַף

מיט האַמערקלאַפּ אין שאָפּ.
ס׳בלוט צעיאָגט פאַרן שטיקל־ברויט צו שקלאַפן.

ווער קען פון מחשבה פאַרטרייבן
און ניט באַשרייבן די מראה פון דער בויערי —
אויף טריט און שריט באַטרונקענע, אָפּגערונט־געזונקענע.

און אין בראָד און אין וואָל־סטריט
די פינאַנץ־ציפערן שווימלען אויף די טאָוולען
ליפערן דערהויבונג און קראַך
אין אַ צעפינקלטער שפּראַך.

שטאָט צעוואַכט ביי נאַכט.
אין די הוליע־טעמפּלען מאָנסטער־קלעזמער רימפּלען,
פענצטער רופן מיט ליכט־בלענץ־ווונק
צו טרונק און טאַנץ.
אויף טיימס־הויז־שילד, מיט לויף־אותיות אילומינירט,
ווערן סענסאַציעס פּאָלירט־געשליפן;
צייטונג־יונגען מיט אַלאַרם אין שטורעם
צעטראָגן איבער גאַס
ס׳טאַבלעט־בלאַט פריש פון פּרעס,
מיט צעשריגענעם וואָרט פון זנות און מאָרד.

נאָך שפּעטן זייגער־קלאַנג
ווערט שיטערער דער גאַנג.
אויף די נעאָן־שילדן לעשן זיך די געוואַלדן.
אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון דער „איסט־סייד”.

אַן אַלטער רב
פּעדערט זיך, בית־מקדש־בראָך באַוויינעז,
אויף נידעריקער שטול,
מיט אויגן פון טרערן פול.

און להבדיל:
אַ לומפּן־טרעמפּ פון „בויערי־זומפּ"
אין געוואַקל גייט אַרום פון אַ שענקל,
פאַלנדיק פון די פיס,
און זינגט הייזעריק אַ ליד;
אַ זונה שרייט און שעלט —
איר געוויין און קלאָג וועקט אַ נייעם טאָג.

ניט מיט פויקן־טאַצן

ניט מיט פויקן־טאַצן,
נאָר פון גרימיקן צאָרן פאַרביטערט,
און מיט ציינערדיק קריצן,
פיר אַרויס אויס דלות דומפן,
דעם טעמפן ערב־רב
פאַרמאַטערט,
געזקנט, פאַרטריקנט,
ביין און הויט איינגעשרומפן,
פון קברות־דירות. גריבער נאַסע,
אַרום די זומפן, וווּ די שרצים ווימלען.

טרייב זיי אַרויס פון די איינפאַל־שטיבער
פיר זיי אַריבער די שטאַכייטן,
מיט ביימער פאַרגרויזלטע,
צו פענטהייזער מיט בייטן פאַררויזלטע,
פון רייך־באַוווינטע, אַליין געקרוינטע,
וואָס מיט כל־טוב זיך זעטיקן
און וועלט פאַרבלוטיקן.

באַפעל דעם המון צו טראַמפּלען צו דער שוועל
פון די מאַמאָן־טעמפּלען,
שריי אויס:
ס׳איז דאָ גענוג שפּייז פאַר די הונגעריקע,
אַ קלייד פאַרן גוף,
אַ היים ליכטיק געראַמט,
אַ ציכטיק בעט פאַרן שלאָף,
אַ היילונג פאַר דער קרענק.

אַ שטיל לעבן
טאָג און נאַכט,
פֿאַר אַלט און יונג,
אָן נוקלעאַרער שרעק,
אָן מאָרד אין הורט.

שדים־יאַריד

בײַ אַ כּתּה משחית־רוחות איז אָפּגעמאַכט:
אין זייער ווײַסטער שליטה בײַ נאַכט
צו גילטן געשטאַלטן
פון געשפּענסטער־פייגל,
מאָנסטער־געפליגל
וואָס קראַקען און פאַרצוקן.

גרויסע מאַסע פלעדערמײַז,
פון פינצטער־נעסטן אַרויס,
טראָציק צעפלויגן,
מיט פלעמלעכע בליקן,
איבער מדבר־ווײַזן מיט ווילדיקע גראָזן,
אַרום געבוש און דאָרן
הויך געוויקסיק אויפגעגאַנגען —
די פליפייער־פליגן אײַנצושלינגען.

ס׳ווערט פון טונקל־שטוביקע
איבערגלויביקע געזאָגט:
בעת די דאָזיקע, אין זייער פּרעספלוג,
שטילן דעם הונגער
מיט טשירפּענדיקע גרילן, שלימאַקעס, זשוקעס: —

דאָס איז די צײַט, פאַרן קטב־מריח,
דער הוטא־משיח פון דבוקים, מזיקים,
פאַר די אויפגעהיטשעטע זומפּיקע פלאַנצן
מיט זײַן מטושטשעטע כּתּה אַרומצוטאַנצן.
אין אַזאַ נאַכט, ווען הימל־ליכט

איז אין פֿאַרלעש, און ס'קוואַקען די פֿרעש,
קיניגט דער שׂר־שד —
און ס'נעמט זיך ניט אָן מיט געוויין,
אַ הייסע תּפֿילה צו גאָט,
פֿון גרויסע צדיקים אַפֿילו —
ביז ס'וועקט ניט דער רוף פֿון האָן,
און ס'גייט אויף די זון.

אַז ס׳איז געווען באַשערט

אַז ס׳איז מיר פּאַרט געווען באַשערט
פון רבונו של עולם
דורכצוּוואַנדלען דעם חיות-חלום אויפן ערד-פּלאַנעט
זינדיק איינגעשאַטנט —
זאָלן כאָטש מיינע רייד אַרויסגעקווענקלט,
זיין אין אומקום-צייט
טיף דורכגעטראַכט —
ניט פאַרטונקלט מיט טמא-אימה פון חושכדיקער נאַכט.

אַז ס׳איז מיר געווען באַשערט
דורכן אייבערשטנס פאַרקינדן,
לאַנדן אויף ערד —
האָט געמעגט זיין פאַר מיין דורכלעבן,
אַן אַנדערע תקופה אויסגעקליבן —
כ׳האָב געדאַרפט קומען אין אַ פּעריאָד
ווען צייט-טושן וועלן רציחה-זאַט פאַרוואַשן.
ווינט פון עפּנס פאַרשוווּנדענע
וועט האָבן זינד אַנגעצונדענע אויסגעלאַשן;
אַ זמן צעיובלט, אין זון-זריחה געטובלט,
מיט גראַזגעוויקס לעמל און טיגער, וועלן זיך פּאַשען
אין נצחונדיקן טאָג,
אונטער דער השגחה פון אַ קינד...

כ׳בין אָבער אין שרעק-טרוימען געקומען,
אויף דער נידה ערד,
וואָס טוט גיהנומדיק פלאַצן ווולקאַניש אויפבליצן,
מיט חטאים פון רשעים,

ווי בני־אָדם דעם אמת צעשקרן,
פאַרלאַקירן מיט פּאָליטור דעם אומוואָר.

אַז כ׳וועל האָבן פון זיי אָפּגעגאַנגען
אויף יענער זייט צום הימל
וואָס וועל איך מיט זיך ברענגען?
אַ פּאַק מיט שרעק,
אַ זאַק מיט קללות און יללות,
אַ ליפּ־פאַרבים,
אַ נשמה־ריס,
אַ ניט אָפּגעשטאָרבן פלעמל
אין פאַרגלייזטן בליק
און תרעומות
אין פאַרגליווערטן בלוט.

דער בעל הגולה זאָגט:

אַז איך בין ווערט, גואל ישראל,
עולה זיין אויף פּאַטער־ערד,
ווילדגראָזן אויסקאָרניען פון רגב,
זאָמען פאַרזייען,
זיך מזווגן מיטן נגב,
זוניק צעטליִעט, מיט זאַמד פאַרווייעט —
שיק אין דעם איינגעטריקנטן מקום, האַר,
גראָ־זויסע וואָלקן־שוואָמען,
אין די אייבערשטע ימען געטונקען,
געפירט פון ווינט דורך דיין האַנט,
מיט גוסרעגן די פאַרראָסטע ציִה אָנצוטרינקען.

טו באַטריפן טוויִק דעם אויפשפּראָץ.
ביי די זייטן פון באַפּרוכפּערטע בייטן וועל איך טאָפּטשען,
איטלעך ביטער־בלעטל, סם־שויטל אויסרייסן.
נאָך דער שכחה פון דער לאַנגער תוכחה אָפּזיפצן און שעפּטשען:
זאָל מעלה זיין בתמימה מיין פרייד־געוויין,
ווי גערויש צווישן די ברויט־זאַנגען,
גאָלד־קערנערנדיק אויפגעגאַנגען.

בלאַנקע שווערד פון שונא־שכן זאָל דאָ ווייכן.
אַ זריחה זיין איינגעהויכט:
אין די פּיברעס מאת די וואַניק־גראָזן
אין די אָדערן פון די האָניק־רויזן,
אין דער זריעה פון צניעה־בלומען,
אין בריליאַנט־גליטער פון גאָלד־בלעטער,
אין פויגל־טשוויטשער,

אין גריליקן טשירפּ פון גראָזן־קוויטשער,
אין זמרדיק ליד דורכגעזעלט: —

טאָג און נאַכט
אָן אימה און מלחמה־זאָרג,
זאָל זי איבער טאָל און בערג אַרומשוועבן.
יעדע שעה — פאַרשווונדן אין די אפּק־ראַנדן,
זיין זאָל אויקגעבלענצט מיט שלווה און רו,
בעת געתבואהט אויפגיין
ווערן משיח־רייד פון זעער־לייט,
אין עתיד־לבוא איינגעזייעט.

אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט

פון די פּאַשאַנאַדן

דורנאַ־לי!
כ׳בין אַרויס אין בענגאַלישן כאַלאַט,
פון מיין איינגעשאָטנטן הויז,
מיט שטילן טראַט ביי נאַכט,
די בליטשקע־טאַרבע אָנגעגורט.
אַוועק ביי וואַלדיקער ריטשקע, אויף לבנה־סטעזשקע —
זיך איינגעאיכט,
אין געבליאַסק פון די שטערן,
סודות אלוהי געוואָר צו ווערן,
מאת די מעשׂה־מרכבה, גורלות, מזלות, איבער די הימלען צעטריבן,
איינזאַמלען אַ תשובה דורך שיין,
צו מיינע איינגעפינצטערטע שאלות.

געדוכט האָט מיר:
אין דער רעיונדיקער פורכט,
באַגלייט האָט מיך דיין נפש־פלאַטער און ציטער,
ס׳זאָל מיר היימלעכער זיין —
דורנאַ־לי!

אונדזער צונויפבונד איז פון מועדים
מיט זין־פעדעם דיין געשפינט.
אַ פונק־פלי־געדאַנק,
אַ זעלשטראַל פון וועלטאַל,
ווי אַ בענק־שטריקל,
אין ביידנס הערצער פאַרקניפּט.

כ׳בין אַריבער מיטן טאָרבע־זעקל דאָם ספיקות־בריקל,
איבער תהומות, מיט תחתון־חלומות;
אויסגעשעפּט, אין השכות פאַרזונקען,
צו אַרמילום און לילית זיך אַוועקגעשאָנקען.
כ׳בין אַרוים אָן טרוים, צעבראָכן און אַלט,
צום זהר־צעפינקל,
אוצרות פון קאָסמישן שיינען איינמאָנען.
געגאַנגען אָן פאַקל, איבערן חושכדיקן גרענעץ־בריקל,
געזען כוכבים, כדורים, אין אייביקן גלי־געפלי צעצינדן,
ערגעץ נים צו לאַנדן,
און לאַנג אין מרום געקוקט,
ביז פון הויערן מיד געוואָרן,
מיטן בליק מאַט, פאַרטרערט,
צו מיין שטוב זיך אומגעקערט,
פון נאַכט־שיכרות מוח אויסגעוואַשן.
געוועזן ניכטער,
ווען די אוניווערס־ליכטער,
האָבן זיך איינגעלאָשן גאַנץ פרי —
דורנאַ־לי!

סאַשאַ

פון די פּאַשאַנאַדן

לאָמיר, סאַשאַ,
מיט זעל־געפלאַטער,
אויפגיין אין אַ ליד,
ווי רויש פון בוים־בלעטער,
וואָס ווינטלען אוים אין אַ קדושה
דעם טבע־סוד, צום מאָרגנרויט
אין אַן אש־להבה צעגליט.

כ׳וועד געטריבן פון שטוב,
האָבן דיך צום טייכל באַגלייט
און ביידע, נאָך טבילה —
אָפּצוגעבן אַ לויב
כביכול, וואָס האָט אַלץ באַשאַפן,
באַשערט און געפירט
אונדזער צונויפטרעפן
אין איין אָפּלויפנדיקער צייט.
שיקן אַ שבח־תפילה, אין זוניקן אויפבלענד,
דעם, וואָס האָט אונדז מיט אַ סתר־כוח אין אַן אומזע־קשר
צונויפגעבונדן —
אַ מאַגנעטיש־פּאַטעטישע אומרו
אונטער דער הויט אין בלוט,
וואָס ציט צו, איז אין דיר
אַ פרומע שיינקייט פון אורמאַמע,
אַ נאַכשאַטן פון אַ בענקעניש.

אַפילו דער שׂטן ליליתדיק אויפגעמונטערט,
האָט אַ כּישוף איינגעפלאַקערט,
אין די געבליטן.
בתוך ציגײַנערישן שויבער,
ליגט מטרוניתיש איינגעפלאַנטערט,
אַ חוה-תּאווה
דײַן צורה און מראה
פאַרשיכּורט —
געטלעכס און סאַטאַניש אָפּגעשפּיגלט.

לאָמיר, סאַשאַ,
זיך טראָגן אין קאַיאַריקן אויפטאָגן,
צו אַ וואַלד אין זוניקן גאָלד,
מיט פייגל אויף צווײַג,
זינגענדיק צעטאַנצט,
האָבנדיק דעם מאָרגן באַגריסט
דאָרט אָן לשון, מיט פּאַשאָן,
אונדזער גלוסטונג צו לוסט,
האָבן כאַטש אַ ביסל
געלאַשן.

אָנגעגורט די לענדן

אָנגעגורט די לענדן,
אין האַנט דעם שטעקן,
וואַרף זאַק אויפֿן רוקן,
מיט די שירים ספּרדיק געבונדן;
טראָג זיך איבער די הויפֿן,
פֿאַרצרהט, אָנגעכמורעט,
אַ טומאַן פֿאַר די אויגן,
האָר ניט געשוירן, איינגעבויגן, שפּלדיק פֿאַרלוירן.

שלאָג אָפּ די שוועלן,
קלאַפּ אָן אין די טירן אָן מורא,
באַט אָן דיין סחורה צו פֿאַרקויפֿן —
אפשר וועסטו אָנטרעפֿן בלינד,
דיין שאַפֿן וועט אַריינפֿאַלן אין אימיצנס הענט,
וואָס וועט די ברילן אויסווישן,
וואַרפֿן אויף דיר אַ בליק אַ שאַרפֿן,
נעמען דעם בוך נאָענט צו זיך,
די בלעטער מישן,
ווערן פֿון אַ מזמור פֿאַרכאַפּט,
האַבנדיק אַ מטבע דיר אַריינגעשטופּט,
אויפֿציטער דערפֿילן —
עפּעס פֿאָרט איז אין דיין וואָרט פֿאַראַן,
וואָס קען בלוט פֿאַרקילן,
מאַרך צעהייצן, מוח אויפֿבליצן...

ניט ווי ס׳געזאַנג פֿון משורר-יונג
ביים לאַגון פֿון פֿאַרכישופֿטן שוואַן,

וואָס שטייט שפּעט ביי נאַכט,
קעגן הימליש ליכט, טיף געריירט,
און מיט האַרצבריי דעקלאַמירט
צו דער איינגעשאָלטענער זי —
דער צויבער זאָל זיך פון איר אָפּטאָן...
פּאָר די פּאָר שורות קורץ,
אין אַ סאָנעט, מיט נשמה אַריינגעגליט,
צו דער פּרינצעסין אָנגעשריבן,
האָט מען אים כבוד ניט אָפּגעגעבן: —

דעם טרובאַדור אויף היפּאָ־שקאַפּע,
פּעגאַסוס פּאַרשייטן
ניט געזעצט רייטן,
אַ מוזע־צווייט געשפּרייט
אויפן העליקאָן, פאַרן פּאַראַגאָן־פּיטן,
וואָס האָט חלומדיק אין די הייכקייטן געשוועבט
און זיין באַגער צו איר,
מיט צער,
אין אַ קרוין־קראַנץ פון לבנה־שיין פאַרוועבט...

אָנגעגורט די לענדן, מיט אַ זאַק אַרומגעבונדן,
גיי אַרוים צום ים־ברעג מיט נעפּל אָנגעשלאָגן,
ווו די כוואַליעס זענען צעשוימט.
דיין שאָטן־פריינד אויפן זאַמד,
וואָס שלייכט זיך דיר תמיד נאָך,
איז אין וואָלקנרויך אַנטרונען.
אַפילו דיין הויז אַ פּאָר שפּאַן אַוועק,

ווערט פֿאַרערפֿלט, ניט צו געפֿינען,
און פֿילסט זיך אַליין,
פֿאַרוואָלקנט אין שרעק.
וואַרף די שירים זעל־דיבורים
אין אָקעאַן אַריין
אין די ימי בראשית באַהאַוונט,
שטורמיש צעדאַוונט.

כ׳זאָל זיין צעפליגלט

כ׳זאָל זיין אַן גוף צעפליגלט,
צום ווייטסטן שטערן
אַוועקגעוואָגלט;
עולה-זוערן, איבערן רעיון-גבול,
אויף קבלה-שמות פון חז״ל זיך הייכן,
האָבנדיק אין פלאַטערדיק שוועבן,
אַ פאַרבלענדטער אומגעשטערט,
ווי דורך אַ נס, מיטן נפשדיקן אויפריר,
צום אויפשיין פון אור-הגנוז זיך דערהויבן —
וועל איך זיין צו דיר נענטער, ווי פון דר׳ערד?

מיט אַ נשמה-ציטער,
קלעטער איך,
איבער מהומה-וואָלקנס, וואָס פאַרשווינדן,
און פאַל מיט אימה קריק
אין פלאָנטער-פענטעס פון די שטריק
צום תחתית צוגעבונדן...

כ׳זאָל קענען
פון חלל לערן,
אַהיימברענגען די פאַרלוירענע טעג,
צו ווידער-געדויערן
אָנגעוווירענע צייטן צעשפרייטן —
זיי וואָלטן, האַר,
פון דיין פייערדיקער השקפה דורכגעצונדן,
אַן שפור, פון שׂרפהדיקן צער פאַרעברט ווערן...

ווי אַ בער אין היבאַרנירטן שלאָף,
זדראָכבענדיק פון חושך זיך אַרויס צו וועקן,
אַזוי איך,
— מיט פינצטער-בליקן,
וויל אין די כוכבים געפינען פאַר זיך ליכט...

איך, איינזאַמער יחיד,
באַגער לויפן פון זיך איבער אָפּגרונט-טיפן,
שיינען איבער רוים-פּלוינען,
ווו ס׳זענען איינגעגליט דיינע טריט,
אויפן נצחדיקן שליאַך,
מיטן יש מאין-צעפּאַך,
איבער מרום און תהום.

כ׳וואָלט וועלן פרום אין אַזאַ טרוים פאַרגיין,
שאָטן-בלענד נאָכשלייכן,
אַ צייכן זען — אַז ביסט געווען,
ס׳ליכט אַרויסגעהויכט,
כל-עולם צעלייכט,
וויסן, אויפגעגאַנגען אין פלאַם,
אַן רויך, איז רוח אלוהים,
צו העכערן, אויסברייטערן, פאַרטיפערן די ווייט,
צעוויברירן די צייט.

ס׳גייט אויף אין מיר, האַר, צו דיר,
ס׳געבעט שעפּטשעדיק שטילע:

כ׳וואָלט וועלן, מיט דער תּפֿילה
מיטפֿליִען,
זיך נשמהדיק צעזייען
אַרײַנגליִען אין די שטראַלן,
וואָס מעסטן מיט בלענד-געשווינד-גאַנג,
די אָנסופֿיקע לענג
פֿון הבֿל און תּבֿל.

ניט מקנא...

דער, וואָס פינצטערניש אין זיך טראָגט, טראַכט:
— ס׳האָבן אַלטע לייט
ניט פאַרשפּרייט מיסטישע רייד,
מיט פאַרגלאָצטע אויגן,
אַז אין מיטן נאַכט האָט געטאָגט,
און מלאכים זענען אָנגעפלויגן,
און גוטע בשׂורות אָנגעזאָגט.

פאַסטעכער ניט געשווירן,
אַ שטערן האָט אויפגעלייכט,
וועלף פון די שאָף געוויכט,
ווען איך בין אין אַ סטאַדאָלע געבוירן.

צו מיין אָפּזיין,
פאַרבלאָנדזשעט און דערשראָקן,
וועט מען אין „בלינדער־נאַכט", אַ דאַנק־געדאַכט,
ניט צעקלינגען אויף די תיפלה־גלאָקן.

ווי מיין לייב אין שטויב וועט רוען,
וועלן נאָנעס, אלמנות און זונות פאַר מיר ניט קניִען
פלאַפּלען, פּריפּלען און זאָגן:
כ׳בין אָרויף פרום, אין אַ פלאַם־וואָגן,
אַ גאָט, אין הייליקע וואַסערן געשמדט.

כ׳וויל ניט בלייבן געצלעך גרוים,
געקרייציקט, פאַרשקציקט,
האַלב חרוב — אַ שתי־וערב

אָרום וואַלד,
אַ וועלטסרעטער און מלחמה־פעלדס היטער.

פאַר מיין זעל,
איבער אַ קלויסטער־שוועל
וועלן שלעגער, קריגער און פאָגראָם־כאַם,
זיך ניט באַווייזן
ווי פאַרן יויז,
אין בתולה־מאַמע־שוים
מיד־מאַטע מיט חרטה,
און מאָרגן, ווי נעכטן — מאָרדן, רויבן,
שלאַכט ווידער אויספעכטן.

כ׳וואָלט מוזן זיין פון שטאָל און אייזן,
מיט נעגל צוגעשלאָגן צו ווענט און קלאָץ —
ס׳פאַלש מאָדליען און לויבן אַריבערטראָגן.
ליבערשט צווישן רוחות און שחת
נאָך פייער־שמיץ,
געפּראַזשע און דראָזשע,
מיט אויגן, וואָס טרערן, אַ זקן־גרויער,
אין טרויער,
זיין גרייט ביז בלינדקייט,
די ברען־סאַזשע,
פון רשעים, בעלי חטאים,
אויסן גיהנום־קוימען קערן.

זאָל זיך דיר אויסדאַכטן

זאָל זיך דיר אויסדאַכטן:
איבער נאַכט האָט דיין שטערן אויפגעלאָכטן.
אין יעדן שייבל פון אַ פינצטער שטיבל
האָט געפלעמלט אַ ליכט,
אַן אילומינאַציע לכבוד דיין יובל.
דיכטער־טעכטער פון די צוועלף שבטים,
גראַציע־מיידן אין זיידנס און תכשיטים,
טוען פון תרגום־ספרים דיינע שירים זינגען;
פון עלדאָראַדאָ־הויפן
קומען פּאָעטן צו לויפן,
מיט בלומען־בוקעטן;
און ווערסט געפירט פון פּעגאַסוס מיט דער מוזע,
אין אַ גריכישער שלייער־יופּע,
אויף אַ חופּה־וואָגן צום פּאַרנאַסוס,
וווּ ביי לבנה־שיין,
וועט כהן־גדול דיך מיטן רוח־השירה־אידאַל
מקדש זיין.
וועסט ניט טראַכטן
מער פון ביטערן נעכטן —
האָבן פון האַרץ אים אַרויסגעריסן.
ערגעץ אויבן אַן, אין אַ דעווינע־קרוין,
אויף צו להכעיס דעם שונא
שלינגסט ניט מער די הונגער־סלינע;
ווערסט רגע און מינוט אין פולסירנדיקן בלוט יינגער.
מ'איז דיך מקנא, וואָס ביסט נהנה פון פלאָדן־ברויט,
וויין קאַרשן־רויט,

אין בעכער אָנגעגאָסן,
טעם־גן־עדן צו געניסן.

טוסט טרינקען און אַ שיכור־שמייכל שענקען
די שאַנסאָנעטקעס אין פּאַלאַטקעס פון די פּאַראַדיז־טאָלן,
וואָס טאַנצן, מיט אייג־פּלעמלעך ווונקען,
חנדלעך שיקן,
פאַנטאַזיע צעשפּילן.
דיין שטורעם־ליד
ווערט בקול־רינה
פון טרובאַדור
באַגלייט אויף גיטאַר־סטרונע.
מיטן אַמאָר־וויבריר פון אהבה און תאווה צעגליט,
פאַרן יונגן דור געזונגען.
טראַכט ניט,
אַז באַלד וועט לעשן זיך דיין ליכט,
זיך זעצן אויפן קבר־גרוב דער סאַזשע־שטויב
מאַת פאַרגעסענעם נאָמען;
ריח פון פאַרוויאַנעטע בלומען
פון טויטן־בייט וועט צעטראָגן דער ווינט;
פרעג ניט צי געלוינט —
נעם אָן פאַר ליב שעפּטש פון די ליפּן,
וואָס אין הארצן־ווונד
טריפן מוטנע טראָפּן.

בלאָנקענדיק אין שואה

פון ציקל ר׳ איציקל בעל־מגיה

בלאָנקענדיק אַרום אין שואה
פון עולם התוהו,
ווו ס׳הויערט דער גרימצאָרן —
בין איך אַריין אין אַ מקום־קדוש
פאַרלאָזטן, וויסטן,
געשענדטן, האַלב אָפּגעברענטן.
טיר און פענצטער אויפגעבראָכן,
ווענט און סטעליע,
חושך טריב, מיט שפּין־געוועב.
צווישן האָרבע קוילשטיקער,
אַ יידיש וואָרט געטאָן זוכן —
אַ פאַררויכערטע רייניקייט,
פון געפלאַקער אַנטרונען.
וואַלגערנדיק געפונען,
האָב איך, בעל מגיה,
טינט און פעדער אין חורבה,
אַרויסגעזעקלט,
דאָס ספר צעוויקלט,
די יריעות צעשפּרייט —
זענען די אותיות ווי פייערפליגן,
אַרויסגעפלויגן —
צעלאָזט זיך איבערן תפילה־הויז,
שוועבנדיק אַרום מיט אַ בינען־געזשום,
פאַרטויבנדיק די קלויז.

אויפגעשראָקן שווינדלען בלוטפלעקן.
כ׳דערפיל זיך אומפרום אין קלעם.
כ׳וויל פוסטן מאָגן פאַרפאַסטן,
מיט געוויין אין מקווה זיך טובל זיין,
די נשמה ריינקן, אָפּצאָלן חוב:
אין פינצטערן מוח די מחשבות־זרות
וואַנזיניקן, פייניקן —
אַן אומהייליקס, אַ גרויליקס,
גייט אויף פון שברת־הלב.

אַ בעל מרה־שחורה, מיט אימהקער מורא
טראַמפּל איך אַרום מארץ לארץ,
אין צעשיטערטע מעת־לעתן,
מיט אַ בליעל־גאַל
אַ כפירה־שטעמפּל אויפן געוויסן.
טו אַרומגלותן פאַרשאָלטן, נאָכגעשאָטנט.

מיט ווילדן געשריי, איך עבד אבוד,
האָב פּוגע בכבוד געווען אין מלכות־אלוהי,
בין פאַרקללהט אַן זינען אַרומצושפּאַנען.

אין שאול־טאָל און איבער בערג געקלעטער,
פון געוויטער צעריטלט,
די פּאָלעם צעצויטלט פון ווינט —
בייטשן און פּאַטשן
אין פּנים מיר די זינד.

יללה־שאלות יאָמערן אין מיר.
כ׳שפּיר נשמה־פּאַסן זיך רייסן.
יאָכץ פון לעפץ קומט זיפציק אַרויס,
מאת פאַרדראָס דורכגעפּרעסן,
פאַרביטערט, דערשיטערט.
אַ בייזער אויפזאָט פון פאַרסמטן בלוט.
נעפּלרויך פאַרדאַמפּט די הייך,
איינטונקלדיק די אומקום־היים
אין אַ צווישן־טאָג־און־נאַכט פאַרפלוכט.

כ׳טו וואָגלען פאַרויס צו זען:
ווען כ׳וועל זיך אַ מאָל אַריינגלגולן אין אַ קו, אַ לעמל,
אַ הונט, אַ פערד,
וועט אייביק דער צער און אימה פון דר׳ערד,
אין ראיה־פלעמל,
פון חיה און בהמה אָפּשפּיגלען.

מיט אַלע פורעניותן געשלאָגן,
וועל איך זיך תמיד,
אין דער תוהו אַרומטראָגן,
פון אומצוכט פאַרגערוכט,
ניט בעטן צו ווערן פאַרשניטן,
אין אַ הייסער גסיסה פאַרגיין,
נאָר מיט יסורימדיקן פלאָגן,
זיך יאָגן אין האָגל, רעגן, אויף שדים־וועגן,
טעמנעדיק שוויגן.
אין האַרץ־געשוויר —

פילן דורך נשמה־וויבריר,
דעם תהום־קראַך אונטער זיך.

מיט שאַרפֿן ביסטרע בליק
ביים איך איין האַרטן זעמל,
אַ שטיק פֿאַרדאַרט שימל־ברויט,
מיר צוגעוואָרפֿן —
בלייבט עס ליגן אין מאָגן,
ווי אַ שטיין און שפּאַרט.

כ׳בין ניט בכוח פֿאַריאָגן, וואָס מוח פֿאַרטראַכט —
געדאַנקען אָנגעקליבן אין עמקות פֿאַרזונקען,
שגעון אין געהירן אַרומגעטריבן.

ווי לאַנג נאָך מיטן דעך פֿאַרקאַלעמוטנען,
פֿון טבע די שווידער־סביבה?
וויפֿל תקופֿות דאַרפֿן זיך ענדערן,
מיט חריפֿות וואַנדערן,
טיף, אָן סוף עגמת־נפֿש איינקאַרבן?
נאָכן שטאַרבן,
איך, ווערעמדיק געשטאַלט,
וואָס ברענגען אויף יענער וועלט,
אויב כּף הקלע ניט גרייכן?

אַ סטייע גרויע פֿייגל,
מיט צעשפּרייטע פֿליגל,
געטריבן פֿון רוח, יאָגן מיך נאָך.

נשמות איבער וועגן אַנגעפּלויגן,
זוכן זייער גוף.
מיינען, איבערגעלאָזט ב׳געאייל,
אין שלאָף אויף אַ ווייל,
פאַרגעסן, ס׳בלוט פון זיך פאַרגאָסן.
אַ כליפּ פאַרשלונגען — און אויסגעגאַנגען.

אונטער סטרא־אחרא־שליטה — קופּעם טויטע,
די ערד צעבערגלען.
קליפּות זיך צעגאָרגלען,
גיסן אויס צאָרן, שטורעם נישט שפּאָרן.

איך, בעל־מגיה, שטיי אין פאַרלאָזטער קלויז,
פאַר דער צעשפּרייטע יריעה,
די אותיות מרובעות פאַר די אויגן —
ווי פייער־פליגן צעפלויגן.
אויפן פאַרמעט בלויז זשאַווער־צייכנס פון געוועזענעם אות,
די בלוט־פלעקן זינדיקע רייד וועקן,
שטאַמלען זיך אַרויס,
פון מיר, בן־סופר,
אַ כופר בעיקר מיט נחש־סם, נשמה־קוויל,
אויף שאול־שוועל פון עולם השקר.

ראַדאַ

ראַדאַ!
לאָמיר ביידע, מידע
פון חלומדיק אַרומשוועבן,
צעשווימענע אין ים, אַקעגן די שטראָמען פון לעבן,
מיט אויפגעברויזטן שוים —
זיך אומקערן אַהיים...

פאַראַן אַ מינוט וואָס דערמאָנט,
מאָנט אונטער דער הויט ביים בלוט,
ווי ביי יענע פיש,
וואָס אין ווירבלדיקן כוואַליע-געדויש,
ווייט פון אויפברי-אָרט,
אין די צעשטורעמטע אָקעאַנען,
דורכן גאָלף-לויף באַנען זיך פאַרן סוף צוריק
צום ווידמונג-ברעג.

מיר מוזן אין צייט אָפציִען פון אַוועקוועג אַצינד,
איידער ס'חיות ווערט אויסגעברענט.
ס'צאַנקט נאָך ווי אַ קאַניץ אויפן שקיעה-שליאַך-גרענעץ,
אַן איינזינקענדיק ליכט.

מירן פליִען איבער די פאַליעס פון נאַכט,
אין שטראָם צום אויפטראָג פון טעג,
וואָס בליִען זיך אַרויס אין שטראַלנדיקן אויפשיין,
אין מזרח-זוים,
אַ צייט-צווייט פון דער זון.

לאָמיר ניט מיט אַ זינד־שולד
האָבן אין תחתון־וועלט פֿאַרזוימט
ווו די בעלי־חוטא אומפֿאַרבושהט
צו שחיטה מיט עוונות אויסגעפּאַשעט,
ווערנדיק רויך־קרבנות
צו עבודה־זרה אַרויפֿגעפֿלאַמט,
בעת אַרומפֿליגלען אין רוים,
זיך איינשפּיגלען אין דער ווייט,
אַן קרעכץ צוריקוואַרפֿן אַ לעכצבליק שאַרפֿן,
אויפֿן אָפּצי־וועג, צום אויפֿבלי פֿון טאָג,
נענטערן זיך צום טבֿילה־טייך פֿון זון —
אויספּלום פֿון אור־הגנוז־טרוים...

לאָמיר ביידע, ראַדאַ ליבע,
באהבֿה זיך אַריבערשיפֿלען אויפֿן שמאָלן קאַאַן,
מיט שטופּ־שפּאָן אין די פּויסטן
פֿון די צעוויגטע הענט.
קומען אָן זינד אַהין,
אין אַ לבֿנה־נירוואַנאַ פֿאַרזינקען,
פֿאַרן אויפֿשיין פֿון פּרי־גלי.
מיר וועלן די צדקה־לאָדקע ניט אין טרויערן שטייערן.
ביי די ברעגעס פֿון תהום, איבערן חלום־ים,
טיף און אָן סוף צעשפּרייט,
ווו ס'באָדט זיך ביי טאָג און ביי נאַכט
ס'הימלישע ליכט,
ווו ס'חיות, פֿון באַלאַסט פֿאַרוויסט,
טוט זיך פֿון עבֿירה־שטויב אָפּשווענקען.

לאָז מיך טרוימען

לאָז מיך, האַר פון מוח און שאַרבן,
אַרויסרויכערן ס׳שטאַרבן,
תחתונדיקע חשכה;
אַריינטרוימען קאָסמאָס-זריחה
פלאָם-שטראָם —
אָנסופיקן שיינזייל
אין נצחדיקן געאייל.

זיין אַ ליכט-בלענץ
פון צעשטערנטער נאַכט,
אויף בוים, בלום און פלאַנץ;
אין אוניווערס-צעפּראַל —
אויפשימערנדיקער שטראַל
פון אַ קאַיאַר-זשאַר,
אור-צעשוווּנג
אין דער לענג און ברייט
פון דורכזיכטיקער צייט —
ווי עמוד-אש צעטאָגט —
כביכוליש אַנטפּלעקט,
קדושה-בלענד,
שכינה-שאָטן פון רגעם און מינוטן,
אין אפס איינגעשפּינט,
ניט תופס צו זיין.

איידער שווידערדיק שטאַרבן, האַר,
לאָז מיך גיכער ווי אַ שחר
אַרומשוועבן אין די רוימען,

נאַכט־חשכה צעזדראָכען ;
און בעתן געוואָגל —
מיטן שיין־פליגל,
אויפטאָג־זריחה
צעפּאָכען.

אייביק דויערן,
קיומדיק הויערן,
און ניט פאַרדאַרבן
זיך איינצערן,
אַן ערדס קרבן —
ווערעמדיק ווערן.

פאַרפירער

זאָלן דאָ פון ווייט
מיינע אָנגעהייצטע
בלוט-צערייצטע
צעריטשעטע רייד,
אַרויסגעגרוילט,
ווי שווערע האַמער-העפּ,
מיט כוח-זעץ
איבער צעגליטע שטאָלן,
פאַלן אויפן סטאַלין-קאָפּ
מדוח-געץ, פאַרהאַסטער,
איינגעפּוילט אין משוגעת-גלויבן.

אַ הייפל פּריסטער, גענעראַלן,
אין ערפל-טרויער,
נאָכן מגושם-גראָבן
אויף פּעדעסטאַל דערהויבן,
בעל-פּעור;
אין אימת-מוות ביי זיין חיות
וואַלגערנדיק זיך אין שטויב,
מיט הימללויב צום גרוזין-ראַזבון,
געמאַכט אין די מרומים שוועבן,
דעם זקן פון פּאָקן געשטופּלט,
באַהאָנגען מיט מאַרשאַל-מעדאַלן,
וואָס האָט שקלאַפן באַפּוילן,
ס'בלוט פון אומשולד לעבן,
מיט יסורימדיקע גרוילן-מיתות,
אין חושך-תפיסות האָבן פאַרצאַפּלט.

שחת־ראָבן, אומקום־טויבן,
פאַרן גיהנום־טויער
מיט צעפעדערטע גזל־פליגל
צעפּעכערן זאָלן ס׳עזאזל־פייער
פאַר דעם סדום־כאַם;
מחבלים אָנגעשיכורט מיט סם שאַרפן,
אים, און זיינע מנובלים,
אין שייטער צעפלאַקערט וואַרפן.

מיין וויסטע קללה צעכעסטע
אַ באַגלייט די נבלה־לייט: —
וייער דוך פון טשאַד־געדוך
מאת די עיפּוש־ריחות מיט חשכות
ווערן זאָל דערשטיקט —
אין וועלטס געדוירן —
פון זכרון אָפּגעמעקט.

מאַך מיך אויפגיין, האַר...

מאַך מיך אויפגיין, האַר, אין אַ טרוים
איבערן צעוויגטן ים,
פאַר נאַכט מיט פלאַמיק ליכט אָנגעצונדן.
האַלט ניט קריק מיין פאַנטאַזיע,
אויף ערד מיט זינד באַשווערט,
דעם וויזיע-בליק,
די עמאָציעס מיט אומזע-שטריק,
צו גראַוויטאַציע צוגעבונדן.

צעפליגל מיין זעל אין פאַראָוונט-שעה,
אויף וויבראַציעס פון קלעזמער-שפיל,
אַריבערפליִען די שקיעה-זשאַרע,
האָריזאָנטאַל-שוועל,
פון אונטערוועלט
אין ערפל איינגעהילט.

אויף פידל-מעלאָדיעס,
פליייט-פאַליעס,
כאָר-געזאַנגען,
אין די וויטקייטן רייטן,
עולה-זיין דורך רוים און צייט,
צו זהורית-מלכות-ספירות.

מאַך מיך אויפגיין, מרום-שׂר,
אין פורפור-גלי פון דער סימפאָניע,
וואָס איז ביים עקטאַג פון מערב-ברעג,
מיט צעברענטער זון אין אָקעאַן,
ווי אַ תפילה צעגליטערט...

לאָמיך אַרויפציִען,
מיט רוח הקודש אין דער הייך,
ווי אין אַ גאָנדאָלע פון אַ באַלאָן,
אויף עבאָ און ווייאָלאַ־טאָן,
באַגלייט צו איינגעדעמערטער ווייט,
אין בין־השמשות צעלאָכטן,
זיך אַריינזיכטן אין נעילה־שיין.

אין מיינע תהילות,
ווי אַ פייער־פויגל,
אויף כרוב־קרילעס שוועבן,
זיך דערהייבן איבער די כמאַרעס,
אַריינפלעכטן מיט די זמירות,
ווי אַ טרוים אָן אַ תהום.

אין אַן אומרו־געפלי
בתוכן הימל־בלאָ, טיף,
ווי אַ פאַרלוירן פלעמל,
פון אַ קוואַסאַר אין געלויף
אַרויסגעבוירן,
בלאָנקענדיק אַרום אין נצחדיקן ווירוואַר,
אַ שטערן־נשמה אין אַ פוסטעדיקער שממה.

זאָל אויפגיין האַר מיין זעל
אין געשאַל פון קלעזמער־שפּיל,
זיך אַריינדיכטן אין פאַרשיין —
איבערן צעברויזטן אָקעאַן פאַר נאַכט,

אויפגלִיען
און זיך איינטלִיען אין מאָרגנרויט
פון מזרח־זייט די פריצייט,
אויף איינגעהושטן אָנגעליישטן טאָגשטעג,
צעוואכט:
דעם איבעריקן חלום בשלום
צו דערצִיען,
פאַרפרומט אין דער פרעמד,
ביז ס׳סאָנאָריש פאַרקלינגען און כאָריש זינגען,
וועט מיך ברענגען
צוריק
צום ים־ברעג איינגעדעמערט
צעשימערט מיטן שקיעה־ליכט.

פינטאַר פילאָזאָף רעדט

פון די פּאַשאַנאַדן (נאָך פּאָוסטן)

איך פינטאַר, עזות אָפּגעהילטער,
אויסגעשפילטער נאַר,
וואָס האָב ס׳חיות אָפּגעפינצטערט מיט אַ קסאַנטיפּע,
בין אַרוים אין אַ בייזער שעה לתרבות רעה,
מיט פאַרוויאַנעטער זעל,
אַריבער די גיהנום-שוועל,
שוין טיף אין דער זיקנה שפּעט,
פון דער לילית-קליפּה,
ווי אַ באַטרונקענער לוט, צו עוונות אַנגעדעדט.

פילֿיפּאַ — ווייב!
דער פלאַקער אין דיין לייב מאַכט מיך שיכור.
איך פילאָזאָף, מיט גוף אַלט איינגעשפּלט.
ווער יונג אויפגעטייפלט,
מיט אַ פּאַשאָן ניט צום לעשן.
שׂטן-גלוסט צעגליט, בלוט צעברים.
כ׳בין ווי פאַרמשקהט.
מוח וויל ניט וויסן, וויפל טאָג-בלעטלעך
און יאָר-צעטלעך פון לוח אָפּגעריסן.

די פון אונדז בײדנס אָפּשניט-צייט,
כ׳טו איבערהיפּן.
מיט געפלאַטער און צעמישונג אין קאָפּ,
קלעטער איך איבער דיינע גאָרן-טרעפּ, וואָס סקריפּען,
פון הארץ-קלאַפּן — אָטעם ניט צו כאַפּן,
בעתן העכערדיקן שטייגן —

דיין חן און בלענצל פון די אויגן
לאַדן מיך איין.

דער יצר־הרע מיט זיין רצון.
שלאָגט אוים אין דמיון־כמאַרע מראה־בליצן.
און זאָגט:
ס׳איז ניט אַ שטריק־בריק
איבער אַ תהום וואַקלענדיק דורכצוגיין,
אויך ניט אַ טרוים־לוסט פון אַ סאָמנאַבוליסט,
וואַנדלענדיק מיט אַ צעצונדן ליכט
ביי נאַכט אויף אַ שפּוע־דאַך
פון לונאַ־שטראַלן איינגעשלומערט,
אין געפּאַר אַראָפּצופאַלן.
ס׳רעדט מיך אָן די קליפּה־סוטה
און פירט מיך, זקן שוטה, דורכן מעפיסטאָ־טויער,
צו דיר, פיליפּאַ, האַר צעפּאַטלט, גאָלדיק רויט.
פלאַמפּייער־מויד, פאַרפּלייצט מיט תאווה,
צעהיצט פון הייסער זינד,
צו ווערן אין דיינע להבה־לאָקעס,
פון כישוף־גוף פאַרברענט.

די רויטע נבלה

ווער האָט געטראַכט?
על־אָראַדאָ־חלום
פון דלות־עולם
ווערן וועט איינגעפינצטערט,
מאַת דעמאָן־פירער פאַרמאָנסטערט?

האָט זיך ווער געריכט?
אויפגעלויכטענער אָקטאָבער־רעוואָלט,
פון המון־עובד, פייערדיק צעשאַלט,
וועט אַ טומאַן איינהילן,
אוראַגאַן צעשפּילן?

שרייער פון גויט־באַפרייער,
אויסוווּרפן מיט כל־וווּלטאָג זאָט,
מאַרקסיש די צינגער שאַרפן,
נודיען, פאַרטשאַדען:
אויף לבנה,
אַ גן־עדן־קאָמונע
ווילן איינרעדן.

טייוול געכאַוועטע, מיט שטייוול געקאַוועטע,
בלוטיק־בלאָטיק טרעטן פאָלקס געווויסן,
מאַסן־מויל קנעכטיש פאַרשליסן.

אַ יובל־יאָר נאָך מרידה קעגן צאַר,
עיפּוש־נאָך־גערויך:
פאַרנעפּלטער קאָשמאַר.

פאַרדאַמטע קריגערײַ מיטן קאַמראַד פון קיטײַ —
אַ ציניש קריצן — שׂנאה פאַרסמטע.

אין אימה־טומאה,
צווישן די קרעמלין־ווענט,
איז געבליבן אײַנגעבײַזט,
צאַרישער גײַסט,
פון פּאָגראָם, עלילת־דם, זלזולים, בלבולים.
שׂונאים פון פרידן אומעטום,
באַפעלן ציניש פרום תּם־פּאָעטן;
לענין דיסציפּלן,
שלום צו פרײַפלן.
אַליין פאַרלוציפערט, ליפערט מען מהומה־וואָפן,
אויפרײַס־שטאָפן, מלחמה אָנצוצינדן.

ס'ווערט גאַל צעשפּרונגען:
אַ ישׂראל־חייל האָט פּלאַן צעשטערט,
מיט שויץ־קריג און בליץ־זיג פײַנט באַצוווּנגען.
די נבלה־שדים זשאַווער־גאַווער שפּײַען,
קענען מפּלה ניט פאַרדײַען.

מחבליש צעשפּילט —
רײַסן זיך שוין פון דער סטאַלין־בעריאַ־אימפּעריע
רויט־געפאַרבטע שקלאַפן־שטריק
פון די לענדער צוגעבונדן.
פאַרגיפטע פײַלן,
ווי פון בויגן אין וועלטווינדן געצילט,
פאַלן, ווי אַ בומעראַנג, קריק.

ס׳וועדט געשריבן אַ שוואַרץ קאַפּיטל
אין טעגלעך בלעטל פון לוח־בוך:
פּראַלעט־פּאַראַזיטן
האָבן ישעיה־טרוים אין אַ מרידה־תהום אויסגעביטן.

ווער האָט געטראַכט?
סאָציאַל־אויפשטראַל
וועט ווערן פּאַרמאָנסטערט,
אין אַ ברוטאַל־וואַנדאַל־מאַכט איינגעפינצטערט?

ס׳איז ניט ווייט די צייט,
ווען איך, גאולה־לעצטער, מולך־פּריסטער,
בראַדזשענדיקע אין בלוטיקן טייך, פון יידן, קאַמעראַדן,
וועט פאָלק מיט שאַנד־טרערן,
אין יעדן לאַנד דעם מענטאַל־שטויב,
ווי מיסט פון שטוב, אין אַ גרוב פאַרקערן.
הויך אייערע נעמען פאַרשטעלן,
אָפּמעקן אין זכרון אַכזריותדיקע פלעקן,
אויסלופטערן געשפּענסטער־רויך,
פליקן ס׳ווילד־געוויקס אַרום מאַרקס,
אויסקאַראַניען ווונדיקע ליידן־ווייען
און זוימען פון גן־עדן־בלומען
פאַרן הויזפענצטער פאַרזייען.

יולי 1967

עלנטע

עלנט,
ווי דער שכן, בעל־קהלת,
פֿאַרלירנדיק בטחון
אין ביאת המשיח —
זעט דעם גואל ישראל,
אין אַ מפּולת,
פֿון אַרמילוס־רוח,
גוף מיט טריף־וווּנדן,
אין שטריק געבונדן.

ווי דער געפֿאַלענער אין מדבר־שממה
דורשטיק פֿאַרשמאַכט —
באַטראַכט שקיעת החמה,
דערפֿילט דעם סוף;
חיה־רעה, שפּאַרבער און קראַ
לויערן אויף זיין גוף.

ווי דער איינזאַמער וואַגלער,
זעגלער אויפֿן ים, מיט חושך־געדאַנקען —
איבער כוואַליעס צעוויכערטע,
ס'שיפֿל צעלעכערטע,
טוט זינקען.

עלנט,
ווי דער בעל־נדה,
מיט צעפּיבערטע בלוטן,
כריפּעט סאַפּעט,

אין די גסיסה־מינוטן —
שעפּטשעט אַ וידוי,
על חטא.
ניטאָ קיינער ביים בעט,
אַחוץ אַ קאַץ, אַ בלודנע צויג,
און לעצטער זונשיין,
אים פאַרשליסנדיק ס'אויג.

ווי ווינט־געוואַי
מיט פּראָסטיקער קעלט,
צעוויטערט איבער וויסטעניש פון וועלט —
אַזוי מיין איינגיין צעשווידערט,
אַ צעפלויגענער אין טרוים,
וויל אָנכאַפּן אַ שטראַל,
אָנהאַלט פאַר זעל, וואָס נידערט,
פאַלט אין אַ פינצטערן תהום.

דורנאַ־לי

פון די פּאַשאַנאַדן

דורנאַ־לי!
קום אַרויס פון דיין פּאַטערס הויז,
אַן אַ וואָל,
אין דער לאַוועגדער־געבלימטער אַקסלשאַל —
באַגעגענען מיך אויפן מערב־שטעג,
וווּ ים און הימלזוים איז אין זון־שקיעהדיקן פאַרפּלאָם.

אַ בינטל וויאָלעט־שטראַלן
אַנשטאָט אַ פינדזל,
וועל איך טונקען אין גלימצערדיקן פאַרגיין;
אויפן הינטערגרונט פון האָריזאָנט
אַ פייערדיקן אינדזל מאָלן,
און אין מיטן — דיך, אַ פרום שימער־געשטאַלט,
אין זומער־אָוונט צעדאַוונט
אַקעגן אוקינוס.

כ'וועל אַרויספינקלען,
ליכטיק,
דאָס אינטימע תמימות פון דיין נשמה,
דעם שמייכל און חן־רייץ,
אַרום דיינע מויל־ווינקלען.

מיט רוחני־שמיר,
אַרויסנשמהן פון דיר,
דאָס איינגעסודעטע,
אָפּגעהיטע, צעבליטע.

זאָלן לייטן זיך פרומלען,
מורמלען אַ מנחה־געבעט
פאַרן איינגעהייליקטן פּאָרטרעט
אין אָפּשיין פון זון
בעתן פאַרגיין.

קום אַרויס פון דיין פאַטערס הויז,
פאַר נאַכט,
מיט בלומען־קאָרב איינגעזוניקט,
האָר צעשויבערט.
אויף מיין פּאַליטרע,
שטראַליק געליישט,
איינגעמישט אין פאַרב די שכינה,
און מיט גרויס כוונה,
אויף וועלטס־קאַנווע,
פון אינערלעכן גלי,
כ׳וועל דיך האָבן אַריינגעצויבערט —
דורנאַ־לי!

פראַגמענטן

I

איינגעצערט
פאַרפרומט צעפלאַמט,
שעפּטשע שטיל
אַן אבלה־תפילה,
אוים טיף פון זעל אַרויסגעשפּאַרט.

ס׳וועט וועלט מיד,
פון אַ צעגוואַלדיקט ליד,
ווילד פון מויל אַרויסגעשרילט.

II

יאָג ניט, ווינט, מיט געפּאָך,
אַנגעצויגענעם זעגל
פון מיין שיפל,
ווי אַ וויגל צעהוידעט אויפן בעי־טייך.
נאָך וואָס טרייבן אַצינד בלינד,
מיט געוויטער־פליגל,
אין די חושכן אַוועק,
איבערן ים־אויסגוס צעשוימטן,
מיט אַ פּחד,
צו האָבן אַ שטורעמיש געדיכט,
אין שרעק פאַרטראַכט?

III

כ׳קען דאָך אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט,
מיט אויג פאַרגלאָצט צו די הימלען,

שטאַמלען,
בענטשנדיק ס׳גאַלאַקסישע ליכט,
פרום, ווי דער בעל־שם,
חצי־חודש לבנה־שיין,
מחדש זיין,
פאַרנעמען שטום
גאָטס גרויסקייט,
וואָס האַרצט זיך אַריין
טיף צעכוואַליעט,
און אַ שתיקה קדושה,
מיך פאַרלוליעט
צום אייביקן אַרום.

דער מלחמה־העצער

ווי אַ בלודנע צויג
מיט בלאָטער־פּלאָג
קאַוועטשעט צו אירע קליינע,
פון צעשפּאַרטן אייטער
מיט איר סם זיי אָנצווייגן —
אַזוי ער, דער בן־זונה,
ביטער, אין אַ מאַניע ווילד צעריטשעט,
קאָרמעט אָן וועלט מיט אַ רעל־שׂנאה,
אַ ליגן ניט געשטויגן,
פון זיינע בלוטן, גרויל און גאַל פאַרזאָטן.

ווי אַ היפּאָ אין אַ קאַלאַמוטנער זומפּ,
פאַרשווילעכט מיט שרימפּ־גרעזלעך איינגעוויאַנעט,
כרוקעט אַרוים וואַסער־בלעזלעך —
אַזוי זיין סם־מויל, בייז אין כעס צעסלינעט,
גיפטיק ווי פון שלאַנג,
טוט פון פעך און שוועבל אַ בלבול אויפטורעמען,
פעבל צו שלאַכט אויפשטורעמען...

דער מלחמה־וועקער
אומוווירדיקער פאַרשוין,
פון שׂנאה־סלינע שיכור, אויפגעבראַכט,
וויל מיט געבריל,
פון געהירן־נעסט אַרויסגעהאַסט,
אָנהייצן המון־עולם,
אויפרייצן אַ ווילדע קנאה־בלינד,

דורך משחית־כלים
אין אַ שלאַכט —
צו האָבן שׂונא אין אייגן לאַנד
מיט אַטאָם־פלאַם פאַרוויסט.

אינפּערנאָ

ס׳קען זיין, אַז פאַרן געבוירן
פון דער ערד,
איז נגזר געוואָרן,
פון בני־אָדם דעמאָניש בגילופין,
מיט אַטאָמישע וואָפן,
דעם צעוועדעמטן פלאַנעט
האָבן שוואַדיק צעשטערט.

אַ פייער־מהומה,
אויפן קאָסמישן יאַריד,
פון שׂטן־שד צעגליט,
שיכור, מיט אַ גיהנום־פלאַקער,
איבער די כל־עולם בלויזן,
וועט זיך פלוצעם באַווייזן,
אין דער קאָלאָסאַלער וויסטע אַרומצוקרייזן —
אַ ווולקאַניש צעברויזטע,
זאַווערוכע רציחה,
צעליאַרעמט, אויפגעשטורעמט.

אַ געוואַלט־שׂרפה אין אַ ווירבלדיקער הקפה,
פון משחית־ווינט מיט שטיקגאַזן צעבלאָזן,
איבער רוים און תהום, אַ תופת־פלאַם —
תבל־נעבל אין די מידבריות דורכפעכטן,
שטאָק־פינצטערניש פאָספאָריש באַלייכטן,
מעפיסטיש עיפושדיק צעגרוכט —
אַ הדלקה פון טויטע,

אַ ברען־יללה אַ רויטע,
אין דער אפלה אַריינגעפלוכטן.

אַ גערימשעריי־געוויין,
פֿאַקלדיק אין אַ יסורים־זשאַר,
וועט אויפגיין צום מרום־שׂר.
ווי אַ כוכב־לכת
וועט דאָס משלחת־שני
אין חשכות איינגענאַכטיקט,
זיין מיט איר זריחה־מערכה,
ווי אַ לבנה,
פון שדים צעליכטיקט.

אַ צעצונדענע וואַנד
אין חלל אַרומגעשליידערט.
ווענוס־לייט, מאַרסיאַנער און יופּיטאַנער
וועלן באַטראַכטן זי אין די נעכט,
אַ לונאַר־ליכט,
זיך באַוויליקן,
ס׳גרויליקע מיט אַ שבח פֿאַרהייליקן.
ווי וועט אין די פינצטערע טעג,
כביכול אויפנעמען,
ס׳פֿייערדיקע מיסבאַשאַף אין אַרבּיט־לויף?

זייט בראשית אָן,
נאָך „ברא״־צייט,
אַ כדור־האָרץ,

מיט כל שרץ — בני־חיים־ברואים,
פאַרטבעט און איינגעמוראַט
אַ כל דאלים־גבר —
געפּאַר פּאַר קיום,
יעדע מינוט אַ ווייגעשריי
פון פאַרגאָסענעם בלוט.

אין שׂטן־גאָרטן,
ווילדער עקזיסטענץ־געראַנגל,
פון חיות־רעות פאַרציקט,
אַ פייער־קוגל מיט וויכערס,
אַ בליץ־שטורקאַץ,
מיט מענטש־זינד צעברענט,
איבערן כף־הקלע־תהום,
אַ זכר אלוהים —
צעוואָגלט איבערן רוים.

דער שוידערטאַנץ

אויף מיט־נאַכט קוים דערוואַרט —
האָבן ניט־גוטע,
פאַר די טויטע אויפן בית־עולם־פעלד,
ס'לבנה־ליכט פאַרנאַרט —
צו אַ רעוואָלט, די שוכני־עפר,
בלוטיקע אומגעבראַכט,
נאָך יאָרן געדויערן, פון שלאָף טיפן אויפגערופן.

זענען אויס די קברים־בעטן,
שכן מיט שכן, גוף־סקעלעטן,
פון עם־הספר אַרויסגעקראָכן,
אין שאָטן פון ירח־אַפּגלאַנץ,
געלאָזט זיך אין אַ קנאַכענדיקן קללה־טאַנץ.
צום געביל פון הינט,
יללה פון ווינט,
פלייטפייף פון שדים־לייט,
אין אַ בהלה־אַנלויף פון מלאכי חבלה,
רויטע בני־סוטה, פון הרי חושך געקומען,
מיט פלאַמען אין די לאַפּעס,
טשאַדענדיק דומפּיקע רויכן צו די הייכן.
האָבן עולמות דערגרייכט,
פאַרשעלטן אַדווישעמס וועלטן,
אויסלעשן מיט רוח־פלוך,
ס'אַסטראַל־ליכט פון ביינאַכט.
אָפּלן פינקלדיקן שיין
מיטן גנעפּלדיקן געוויין,
אויס גיהנום־קאַרצער,

מאַת איינגעוויסטע רשעים־הערצער,
געביסענע פון הידרע־שלאַנגען
מיט צעפּאַלטענע צונגען, וואָס שוימיקן אַרויס אַ סם,
פון שׂר־התחתון אין ימי־קדם אָנגעזאַמלט.

אַנגסטיקן געוואַלט געוואָלט אָפּשפּיגלען פון וועלט,
מחשבה־זרה פון כביכול רעאַליזירט,
איידער ס'טאָגט,
ווינד־וויי געשריי,
ניט דערקלאָגט, געפילמט און רעקאָרדירט.
שדם אָפּשפּעט פון גאָט,
אין שפּעט חושכדיקער שעה.
פאַטאַלער אויפטו.

אויף פרשת־דרכים

שוין יאָרן־לאַנג, בעת גלותדיקן וואַנדערגאַנג
איבער די ערד־שטחים,
אין אַ סטאַנציע, פאַר נאַכט,
צווישן אורחי־פרחי און עדה,
אויף פרשת־דרכים,
האָבן מיר זיך באַגעגנט.

איך, פון אַ תפוצה־הורבה, מיט צדה־טאָרבה אויף פּלייצע,
זי, אַ חלוצה מיט ציון־זאַק אויף זיך,
פאַרשטויבט, מיד.
ביים ערשטן קעגן־בליק אַ געהיים פיינלעכער צעוועק,
ביידע דערפילט, טיף אויפגעבריט.
איך, פון ברוסטס שנעל פולסנדיק שפּאָרן,
בין בלאַס געוואָרן,
זי, היים פון אויפברויז, ווי אַ רויז צעפלאַמט.

צוויי זעלן פול יוגנט,
צעהיצט, פאַרשעמט,
און זיך צעפרעגן,
אומגעזעגנט,
אין פרי טאָג־אויפשלאַג אויף שיידוועגן אַוועק,
זי, צום האָריזאָנט פון צוגעזאָגטן לאַנד,
איך, צום מיראַזשיקן רעגן־בויגן־בלענד
אין אַקסידענט.

וואָס וויטער אַריינגעלעבט — מער באַליבט
ווערט איר געשטאַלט פאַר מיר.

אין פֿאַרנאַכטיקן דעמער,
כ׳זע זי מיט זון־שקיעה באַלאָכטן.
דערשפּיר
אַ ניט־פֿאַרגיי־בענקען
אין נשמה־טיף אויפֿגערירט.

התראה

גליבּ ניט, הערש ליבּ:
אַז אין חלל־ווייט צווישן זונען,
ווּעסטוּ די געטלעכקייט געפינען,
דאָרט אַרויסמתפללן נשמהדיקן פּאַרדרוס
אין פלוּם פון די בלוּטן איינגעזאָטן.

אין אַרוּמוואָגלען —
ניט באַלויכטענע, שטוּרמיש געעקטע טעג,
פון שרעק אַוועקגעיאָגטע,
אין טרערן־כמאַרעס אויסגעווייקטע,
רויט־פאַרפלעקטע,
פאַרן כּביכול אָפּשפּיגלען.

גליבּ ניט:
אויף הימלישן שטעג אַרוּמגעטראָגן
וועסטוּ צוּ מלכות־ספירה זיך דערשלאָגן,
ווו דער באַשעפער פון כּל עלמא
מיט ביליאָנען גאַלאַקסים פון שטערן
וועט דיין השתפכות־הנפש דערהערן.

אין אוּמגעהייער שטחדיקן אינצווישן,
בעת דוייערדיקן אַרוּמוואַנדערן,
בתוך אוּמענדלעכן תבל,
פון איין סיליעסטיל־געפלאַקער צום אַנדערן,
דעם אדוישעם אַרוּמזוּכן,
ווערט בטחון פאַרווייעט פון אוּמהיימלעכן הבל,
אין ספיקות־חשבּוֹנוֹת אויסגעלאָשן.

אויב אין האַרץ,
זענען ברענענדיקע ווונדן,
טו נישט אין די עולמות פֿאַרפּלין,
זאָלן זיי אין דער טמא־מהומה אויף אדמה,
דאַמפּיק אַרויסבריען.
דאָ ביסטו מיט גשמיותדיקע צוויטן,
צוגעבונדן,
פֿון איר מקור־שטאַם אויסגעקנעטן
אין אַ צלם־אלוהים.

איצט, צעדונערטע וואָלקנס אין זיך צעבליצט,
פֿון ריזלדיקן דם־הייסן,
טו פֿון איינגעקערקערטער שתיקה,
מיט געוואַלד זיך אַרויסרייסן,
שריי־אוים דורך הויכהילך־ליקע,
דעם שקרדיקן פֿאַרראַט,
ביים פֿאָבליק־טויער פֿון הויפּטשטאָט.

דיין גרים־געבריל,
איז פֿאָלקס־שטים
פֿלאַמיק אויפֿגעברויזט,
אַ שאַרפֿטראַף אַרויסגעקלאָגט:
זאָג —
עם־רב האָט אין וואַלטאָג,
ניט געשיקט אייך אין קאָנגרעס,
מדינה־שׂר, אין ווייסן פּאַלאַץ איינגעהויזט,

צו ליפערן פון וואנזין קאַנאָן־קרבנות
לוציפערן און זיינע זונות.

פון וועלכן בייזן רוח
אַ משיח געזאַלבט,
מיט כליון־כלי־זין,
פון שטאָל און אייזן,
דורך מפּלות,
אוים מחלות, אפּלות און דלות,
המון־עולם אויסלייזן?

במקום פאָלק אויסבלוטיקן,
מיט טויט־סם אָנזעטיקן —
שיקט עבר־לים אַקער־געצייג,
פאַרן שניט — סערפּ און קאָסע אויסגעשמידט,
תבואה־זאָמען צו פאַרזייען,
ברויט — מעל צו מאָלן,
הונגער צו שטילן;
בויט שפּיטאָלן,
גענידריקטע פון נויט טויט באַפרייען.

זאָל טויט־שד
ניט שאַרפן די שווערד,
שפּינען אַ חלום —
זען די ערד גיהנומדיק פאַרלענדט,
אויסגעברענט,
אין אָרביט־זאָנע —

אַ חושכדיקע לבנה,
מיט שוידער־קעלט,
פון שחת־וועלט,
אַרומשווימענדיק אין רוים־ים —
אַן איינגעפרוירענע פּאַרע,
אַקעגן צעבליאַסקעטער קאָסמאָס־מראה.

זאָל קריגס־שׂטן־שאָטן,
אין וויעטנאַם,
מיט זיין איינגעשחורטער צערויכערטער מאַכט,
ניט פאַרטונקלען ס׳שטערן־ליכט
פון אונדזער פּאָן;
פאַראומרייניקטער געוויסן —
פאַרברודיקן אירע פּאַסן,
ווינט־צעוויכערטע, דורכגעלעכערטע.

שאָל מיט באַנומענעם בת־קול
צום קאָנגרעס פון קעפּיטאָל,
געוואַלדיק אַרוים פון איינגעבלוטיקטער זעל,
אַ צעפיבערטן געשריי,
פרעג די לייט פון פּענטאַגאָן:
מיט וועלכן רעכט זיך באַנוצט
זיין אשמדאי־פּאָליציי אין סאַיגאָן?
אויף וואָס פאַראַ אָפּמאַך געשטיצט —
צעפינקלען צעפּעכלטע שווערד,
אין אַזיע־ראַנדן
ס׳פּולווער־פאַס אָנצינדן?

יוני 1966

אַסטראָלאָגיע

מיט נשמה-אימה,
בשעת שקיעת החמה,
האָב איך אַריינגעשפּאַנט אין קוני-איילאַנד,
צום לבנה-הייזל פון אַסטראָלאָג באָראַכין,
ס'מזל מיר פירשפּרעכן.

דער זקן מיט ווייסער באָרד,
גראַע-לאָקן, אין אַסקעטיש געזיכט
צער און עגמת איינגעפרוירן —
האָט מיט בליק פאַרשוואומען מיך באַטראַכט,
געפרעגט מיין נאָמען, ווען געבוירן,
אַ דריי געטאָן ס'גורל־ראָד,
מיט אַ גייסטער־שפּרונג,
אַסטראָן־רייסטער אויפגעמישט,
ביים אָלימפּ-לאָמפּ שאָטנדיק צעשיינט,
די ברילן אויסגעווישט,
און פון מיסטישן בוך געלייענט:

„פּאַרטונקלט איז דער שטעג
זון-זינק-שליאָך,
פון דיינע אָפּגאַנגטעג
ווען וואָך.
ווילד-כימערענדיקער געפּעכט
בלוטיקער שטראָף אין שלאָף,
פון די אויפגעצערנטע
ניט-צעשטערנטע נעכט.

ביסט פון קינדווייז אַן אַ שפּל,
אין אַפּל-לייד געקליידט,
שיין פאַר זיך פאַרלוירן,
תמיד פון ספקות געפּרעסן,
הימלם טויערן פאַר דיר געשלאָסן.

דיר דאַכט: אַריבערן האָריזאָנט,
פון דעמער פורפורדיק צעצינדט,
פּיפּסט פּרי-שימער-ליכט.

דיין ראיה דאָ, אין שקיעה,
איז מיט אַ נעפּל פאַרצויגן
די דמיון-טויבן, ווי ראָבן אוועקגעפלויגן.

טונקסט פּען אין ווונד-טינט,
זעל-גיפט אַרויסגעטריפט;
ס'אויפגערייצטע אות,
וואָס באַנוצסט אין תוכחהדיקער שריפט,
קריצט זיך אַרויס, ווי פון אַ כאַאָס,
וואָלקן-שטורעמדיק צעבליצט.

מ'נשמהדיקע וואָס באַשרייבסט,
מיט הילכיק דונערן פאַרטייבסט.
טרייבסט אַנגסטיקע רגעס, מינוטן,
פון פולסיקע בלוטן.
אין דמיון פאַרבאָרגן,

זעסט ס׳חיות אויף תליות דערוואָרגן.
דיין נפש־נעסט איז פוסט, וויסט״. — — — —

דער זקן מיט געבויגענעם רוקן
האָט נאָך עפּעס אַרויסגעלעפּצט,
שווער אָפּגעזיפצט, ס׳ספר פאַרמאַכט
מיט ברכה צום אַטלאַנטיק־רוישן מיך אַרויסבאַגלייט.
אַ וואָלקן אין דער הייך האָט, ווי רויך, זיך צעשפּרייט,
און ס׳איינציקע שטערנדל אויסגעלאָשן.

כ׳בין ביים אָקעאַן־ברעג אויפן ברעטער־גאַנג אַהיים אַוועק: —
אין וועג זיך דערמאַנט:
לאַנג אַ מאָל,
מיט יוגנט־פלאַם,
נאָך אַפּראַדיטעס פּריאַיקן אויפקום,
בין איך אַריין אין טונקעלן כישוף־שריין,
פון אַ ציגיינערין, אַ פאַנטאַזיע־שפּינערין,
פאַר אַ זילבערשטיק,
פון דלאָניע־צייכן און פּנים־שטריכן
ביי אַ קאָניצם צאַנקענדיק סאַזשען —
מיין עתיד־גליק אַרויסוואָראָזשען.

האָט די צויבער־מלכה פאַרדריפּקעט,
מיט שאַרפע גערוכן אַ לולקע געפּיפּקעט,
אויף הענט־פלאַכן געקוקט און געזאָגט:
„ווי די זון אין צעבליסקעטן לאַגון,
איז דיין פוטורעס אסטראַל־שיקזאַל צעבלענדט.

פֿאָרטונאַס אוצרות אַן אַ שיעור זענען אָפֿן פֿאַר דיר.
דאָרט בלישטשעט דיין קרוין מיט בריליאַנט־בראַנד־שיין.
אויף איר הויז־ווערענדע קוקט אַרוים מיראַנדע
אַ מויד אַ בלאָנדע: —
ביים הימלראַנד מיט מאַרגנרויט
אין אַ ראַנדעוווּ־שעה
צו שליסן מיט דיר אַ לעבנס־בונד"...

אַזוי האָט הופֿאַ־מכשפה אַ חלום וויזיע אַרויסגעזינען,
וואָס כ'האָב ביזן וויאַנען, ווי מיט ליכט אַרומגעזוכט,
און מסתם
אין אַן אומגרייך־טייך,
אין געפֿלום
אָקעגן־שווים —
אין אַ חושך־תהום צערינען...

ניט שווייגן

אזוי לאַנג אויף מויל הענגט ניט אַ שלאָס,
געמיט איז אויפגעבראַכט,
בלוט צעקאָכט,
געוויסן באַשווערט —
לאָמיר אַרויס אין גאַס אַ ריזן־מאַסע צעשפּאַנט,
אונדזער שטורעמדיקער ווערטער־פלאַס —
אַ פאַרגאַלט וויטריאָל־געוואַלט
אין יעדן ווינקל פון לאַנד
ווערן זאָל דערהערט
קעגן גרוילמאָרד אין וויעטנאַם.

דעמאָנסטראַטיוו, אין געהולך
זאָל צעשריגענער אָפּהילך,
וועגן די מלחמה־קרבנות,
שוידער־רעיונות,
האַרציק טיף,
ביי נאָענטע באַטראָפן, אַרויסרופן.

מיט פאַרדרוס און כעסיק אויפרעגן,
פאַרביסן ביטערדיק פאַרשעמטע פרעגן:
מיט וועמען האָט יו־עס אַ בונד געשלאָסן?

אַ יונטאַ איינגעדמטע אָליגאַרכיע־באַנדע
פירט די דיקטאַטור־גרענדע.

פאַרוואָר, פּלוטאָקראַטיע שטיצן?
טיראַן־גענעראַלן, פון קאָק־קים מין אין סאַיגאָן,

טשיי־קאַ־שעקס אין טאַיוואַן,
אַלם מלוכה־מושלים אין פּאַלאַצן באַזעצן,
פֿאָלק צו באַצווינגען?

מיט רוף־קולות ביז הייזעריק פֿאַרשמאַכט,
לאָמיר אויפֿרודערן, פֿאָדערן,
אַהיימברענגען די קריגס־יונגען פֿון שלאַכט —
ניט ווי „קאָרב־העלדן" —
אָן הענט און פֿיס,
קריפּלם מיאוס צעשאָסן,
אונטער זיגשילדן,
איבער די גאַסן טראָגן.

די מיט צעשמעטערטע געהירן,
אין אַ טויט־ווײַסטן קאַסטן,
אויף טרויער־וואָגן פֿירן.

זאָלן פֿרומע וועגווײַזער,
שלום־שליחים,
קהל־זאַלן דינגען,
געבעט־הייזער באַלייכטן,
עולם אײַנזאַמלען תּפֿילות אָפּריכטן.

גלחים, קאַרדינאַלן,
פּריזדוועקער,
שמשים באַפֿעלן: —
אין קלויסטערס, קאַטעדראַלן

גלעקער צעקלינגען,
כמורעס אונטער די הימלען צעוויגן,
אימה־שרעקן אויפצוּוועקן.

מאַכטהאָבער מיט מאַסקע אויף פּנים,
זענען אויסן אין וואַלטאַג
די שטים־לאַסקע פון נאַראָנים.
זיי קלאַפּן אין די טירן פון שטיבער,
פאָרן איבער געמאַרק,
מיטן צוזאָג פון גאָלדענע בערג.

מעגן מיר זיך לאָזן פאַרפירן,
פון קאָנגרעס און סענאַט־לייט
מיט פאַלשע רייד?
אַזוי לאַנג אויף מויל הענגט ניט אַ שלאָס —
אין האַנט אַ לא־תרצח־טראַנספּאַראַנט.
לאָמיר אַרויס מיט וואָרט־פּלאַס,
קעגן גרוילמאָרד אין וויעטנאַם.

ס'איז ווינד־ווייִ און שאַנד דאָרט צו הערן,
מיט סם־שוים אויף ליפּן:
„יענקי, גאָ האָום"!
און ווערן פון באַוויינער —
טאַטעס, מאַמעס, זקן און קינד,
איבער טויט־אָנגעשוואָלענע, אין מלחמה געפאַלענע —
מיט שטיינער, קללות, יללות, חרמות, באַוואָרפן...

פֿאַר וועלכן לונאַטיש מאָנסטערישן צוועק,
אַוועקרויבן יונגלעבן,
קרבנות בלינד צום קריגס-מולך פֿאַרלענדט,
לאַנד-פֿאַרמעג,
אויף אַטאָמישער איינוויסטעניש פֿאַרשווענדט?

שטורעם־געוויטער און זעפיר־ווינטל

ערגעץ ווו אין לאַנד,
שטורעם־ווינט
אין פלי־בריחה,
מיט שטויב־אָנרויב,
רודערט,
פאַרכמאַרעט זון־זריחה.

רוח־כוח,
ברעכט צווייגן,
חרובט הויז,
וואַך־טורעם־דאַך,
צוים, פלויט —
דעכעט אָן דעם טויט.

בעת אַרומשיבן,
טוען די דרעש־פליגל,
רציחהש געטריבן,
אין גלימער זיך פאַרוויגן,
ווו ווויי־געיאָמער,
קולות און יללות ליגן איינגעשוויגן.

דווקא ביי אונדז,
און מואנט קיפקאַ־טאָל,
האָט אַ זעפיר־לינד,
ווינט־מפיל־קינד,
אָפּט מאָל שטיל,
אין דעמער־שימער

פון פאַרנאַכט,
אויף אַ רגע דויערן,
פון געוויטער־טראַכט
זיך אַרויספאַרלוירן.

געאיילט, פאַרשייט, געשטיפט,
פאַרשושקעט צווייגן אין וואַלד,
געשורשעט די בלעטער,
צעריפּלט מיט לופט־כוואַליע,
תבואה אין פעלד.

געגלעט אָונטשפּעט
רויז, בלום, פלאַנץ,
איינגעטראַנסט אין לבנה־בלענץ.

אויסגעפּלאַפּלט בראשית־סוד
פון שטערן צעפינקלטע
צו שאָטנס פאַרטונקלטע.

אויפגעמונטערט שתיקה,
מיט צעבלאָזטן גראָז־גערוך,
און יאַסמין־ריח.

אַליין האָט ס׳עופל רוחל
אין צעבליטן צווייט,
זיך פאַרפלאָנטערט אָן רויש,
אויסגעצאַנקט אין ריקע־טייכל
מיט מורמלדיקן געפּלויש.

בדידות ביים ים

ווי אַ קאַפּריזנע קינד,
וואָס מינט, וויינט,
ס׳טעלערל פון הימל מאָנט.
שטיי איך פאַרן דאַיִקן אָפּזיין,
מיט חידות, בדידות, פול שרעק, ביים ים־ברעג,
טו זיך פאַרטיפן אין מיין נעילה־תפילה.

פון גשמיותדיקן אויסגעטאָן,
אין בין־השמשותדיקן הויערן,
פיל איך זיך פאַרלוירן.

כ׳טראַכט:
אויסגעשטערנטע נאַכט,
איז טיפער אין אוניווערס איינגעשליפן,
ווי טאָג מיט צעלויכטענער זון.

בעת צו אַרויפקייט אָן ענד געוועגדט,
נפש צעפלאַמט, הארץ פאַרקלעמט,
אין אימה איינגעהילט,
באַפאַלט מיך אַ מחשבה —
אַז פאַנטאַזיע פאַרפליט,
ווי קוואַסאַרס זענען אין להבה צעגליט,
ווערט מיר היימלעכער?
דערשפיר זיך פרומלעכער,
מיט יראה פאַר דער מראה־אלוהים?
בין דאָרט ניט נע־ונד,
מער געגעגנטערט צו גאָט?

חכמת חז״ל
פון הייליקע שריפטן
צווישן טאָוולען אָנגעוואָרפן,
וואָס כ׳פלעג זיך אין זיי גריבלען,
מוח שאַרפן,
ליגן אין זעל־תהומות —
פאַרוואָרלאָזטע שיימעס.

אַ בעל־אומרו, אַלט, גראָ,
פול פיין און צער,
גאַר איך מיט אַ כרוב, אַ שׂרף,
אַ סעליעסטיאַלע בריאה
אין מיין שקיעה
זיך באַהעפטן —
ניט ס׳סקוטשנען זיך אומענדיק אַליין.

זענען אויך ניט די, מיטן דיסטאַנץ־בלענץ,
איינזאַם, אין זייער צאַנקנדיקן אויספלאַם?

אַז איך, בן־עפר, טו מיט שטראַל־לויף,
אויסמעסטן אין חלל וויסטן,
אַ געווויסע ווייט,
פון פאַרטייעטער אומענדלעכקייט;
מיט ציפער און נולן,
אויסרעכענען דויערצייט
פון ברען־מאַטעריאַל,
בדמיון די גרויסקייט אויסשפינען —

קען איך בענקעניש בעתן זינקעניש שטילן?
אין די חשקים שׂר־המקום געפינען?

אַז ס׳שאַטענען אין חזיונות דורך פון אַנדערע וועלטן,
מלאָכים־געשטאַלטן,
צי משונה־שׂנאה אַפן,
אוים רעיונות, מאת חשכה אַרויסבאַשאַפן —
איז מיר ניחא?

בעתן אָפּלויף פון יאָרן
געטאָן אין די מרומות אַרומהאַוועץ,
וועלנדיק דערביווען,
צום כביכול־סוד,
אַריינגעשטראַלט,
אין אור־הקדמון פון דער וועלט.

געגלוסט באַגרייפן דעם עתיק־טרוים,
אַריינגעוועלטיקט אין רוים:
ס׳אַרויסרופן פון כאַאָטישן תהום,
אורזין פון באַגין;
באַנעמען חכמת היצירה,
די נאָך פּטירה;
וואָס באַדייט אין חלל
ס׳וואַלגערן זיך פון אַסטראַלן,
די ברקים אין מרחקים,
דער פייער־טראַף פון באַשאַף?

ווער מיט טיף־דעת־קנייטשן,
איינגעהכמהט אין שטערן,
קען פֿאַרטייטשן דאָס קאָסמאָס־כּתב?

כ׳ווייס, כ׳וועל שוין אַזוי, אַ גרייז,
מיט שווערן געמיט, אין געוואָגל אַ מידער,
דעם פּרוזדור פֿון לעבן דורכשלייכן,
איבערלאָזן אויף שטעגל, אין די טריט,
אַ פּרעגצייכן —
איידער פֿאַרזינקען אין תּהום.

אויף מיר און אויף פֿעלדזנשטיין,
שלאָגט אָפּ לבֿנה־שיין.
צום רויש פֿון אָקעאַן לאַנגע שעהען באַנגע,
טו איך בכּוונה זיך איינהערן.
שחר־שטערן קומט אויף און פֿאַרשווינדט,
קאַיאַריש שאַריען טומ הימל צעגליִען.
ס׳טאָגט —
בילי־טרילי־קוואַדריליאָן
אַנצאָל־מאָל.

ס׳פּליט פֿון ערגעץ אַ מעווע אָן,
קלאָגט אַ צעשריגענע בייז, זוכט ים־שפּייז,
פֿון די כוואַליעס אַרויסגעשפּיגענע.

איך שטיי אַליין,
פֿון זיך ס׳ערדיש אויסגעטאָן,

ווי אין דויערן אַריינגעפּרוירן.
אַ שטיק פינצטערניש בלייבט אין מיר ליגן,
לייזט זיך ניט אויף אין זון־ליכט־רויט —
איז מיט ביטערניש איינגעשוויגן. טאָג־שעהן פאַרגייען,
כוואַליעס רוישן, דעם ברעג וואַשן,
זון־שקיעה אין זיך צו לעשן,
מיר צו פאַרטונקלען די ראיה,
איינבלינדלען מיט נאַכט,
פאַרסורימען מיט צער.

פֿאַרן שטאַרבן

פֿאַרן שטאַרבן
ווינטש איך נאָך אַ מהומה־פלוך
ניט פֿאַרזוימען פֿון די אינער־פֿלאַמען,
וואָס גיהנומדיק דערקוטשען,
אַ בריִענדיקן אַרויסריטשען
צו די אוממענטש־ערל־וויסטיקע,
שאַלקהאַפּטיק־גיפֿטיק סוואַסטיקאַ־קערלס,
וואָס צירן זיך מיטן האַקנקרייץ און טויטן־שאַרבן.

ס׳רייסט זיך אַרויסצוקוויטשען אַ שׂנאה
צו די ווילדע בני־אשמדאי־זונה,
ברונהילדע־ און זיגלינדע־באַנדע,
היהש היעניש פֿאַרדאָרבן.

ס׳בייסט מיך מײַן קללהדיק מרוקען,
אַרײַנטשוויקען ווי אַ בליץ־בײַטש,
אין שוואַרץ פֿאַררעסטן האַרץ פֿון הון־דײַטש,
טײַוול־מחבל, רוצח־קנעכט,
וואָס פֿון „יודען"־פֿײַערן, רויך און טשאַד,
האָט צום וואָטאַן־שד אין וואַלהאַלאַ־גן־עדן
אַ קרבן געבראַכט.

מײַן כעס־פֿאַרדרוס קען בלוטיקן האַס ניט זעטיקן.
כ׳מוז אים אויף גליִענדיקע אינפֿערנאָ־שטיינער שאַרפֿן,
מיט צײַנער־קריץ דעם נאַצי־פּריץ,
אין פּרצוף וואַרפֿן.

פון זידלרייד אין גרוילן איינגעזאַלצן,
בלײַ־קוילן אויסשמעלצן,
און הייסערהייט נאָכן זאַט,
אויס אַ האַרמאַט אין זיין שיידל צילן.
אַ משוגעת אין אים הייצן, שלענג אָנרייצן
מאַרך צו זייגן, געהאַרך פּאַרטויבן, שלאָף רויבן,
רוקנביין בייגן,
אָניאָגן זינד־מוראס,
נאָך־דורות פאַרפינצטערן בלינד.

אַז יאָרן שפּעטער וועט אַ הון־זון זיך דערוויסן
דעם חטא פון זיינע פעטער,
זאָל ער פאַר שאַנד זיך שיסן און שליידערן פאַר די הינט.

פאַרן שטאַרבן ווילט זיך אַריינקאַרבן,
מיט ביטערניש און דונערדיקער ציטערניש,
אַ קללה צווישן הימל און ערד,
מיין תוכחהק דברן ניט צו פאַרגליווערן,
די שׂרפענדיקע בהלה פון די מלאכי חבלה ניט צו פאַרגעסן.
זאָל אין דער גסיסה דער פלוך ניט האָבן מיך פאַרצערט,
און נאָך יום המיתה באַגראָבן ווערן אין דר׳ערד מיטן סם
איינגעפרוירן אין מיין שפיכת־הדם,
נאָר מיינע פיין־וויען אין אַ געוואַלט האָבן אַרויסגעשאַלט,
פון ברענענדיקע יסורים
פאַרן טויט זיך באַפרייען.

ירושה־טרער

כ׳שטיי ביי נאַכט,
מיט נשמה־קלעם ביים ים
אין אימה,
באַטראַכט מיט פלאַטערניש
ס׳ליכט־געזעמל
און פרעג:
וואָס פאַרא ווערט
האָט די ביטערניש מיט בלישטשעניש
פון אויג אַרויסגעטערערט
אַקעגן צעשטערנטן הימל?

איך פון ווייטן העק
אין די קאַרפּאַטן־בערג,
בעתן אַרומיאָגן איבער שטעט,
אַ בלאָנדזשענדיקער אין וועג
מיט מיין שאָטן אין ברייטאָן
צום אַקעאַן־ברעג זיך פאַרטראָגן,
בין דורך יאָרן אַלט געוואָרן.

דער פלום־צעגום און אָפּפלום
ציט צו ווי אַ מאַגנעט.
רויש פון אורבאַגין,
שטורמיש צעזידט, פאַרמיסטישט מיך
במחשבה מיט אַ רוח אלוהים,
טיף איינגענשמהט אין גוף,
אַ לבבי התלהבה

צו צעפינקלטער מרכבה —
ביז מיין איינגעגעפלטן סוף.

אויסגעלאָשן נאָך תהום־ירידה,
וועט בלייבן אַ חידה,
מיין וועזנדיק געוועזן זיין.
ס׳געוויסער איינגעימט,
ווי כסדר, אָבער און ווידער,
נאָכן פאַרלאָזן, זיך אָנשוועלן,
מיט כוואַליע־פיוגעס די ברעגעס וואַשן,
ווינט מיינע לעצטע טריט —
אין זאַמד פאַרבלאָזן.

ס׳חיות אין מיר
איז מרירהדיק פאַרסמט.
די טרער, אַקעגן לבנה צעשטראַלט,
פאַרבלענדט די ראיה
און אַראָפּ פון וויַע פאַלט,
ווי ביים פאָטער אין זיין קינה,
צי ביי דער מוטער אין איר תחינה.

שׂטן האָט געזיגט

שׂטן האָט געזיגט —
רמ"ח־אבֿרים אין מיר צעקריגט,
בלוט אין האַרץ פֿאַרבריט,
מוח צעגליט,
מיך אויפֿגעשריגן,
מיט אַ ברילן — ווייטיק איינצושטילן.

אומרו־געוואָי
אויף שטורעם־פֿאַליעס,
רוגזהש אָנגעשלאָגן,
האָט איבער וואָגל־וואָלקנס מיך געטראָגן,
מיט האָגל־רעגן מיך באַשפּיגן,
צעפֿינקלט אויג פֿאַרכמאַרעט,
איינגעטונקלט —
אין מאַרך־געשפּין שרעקן פֿון נעכטן
אויפֿצוּוועקן.

צום ליד אין חשכות איינגעבליט,
דאַרף מען מענטאַל־ליכט,
אין אים זיך האָבן איינגעטראַכט
עפּעס קלאָר צו דערגראָבן.

שׂטן־שד האָט געזיגט,
אויף טאָרנאַד־פֿאַליעס מיך געוויגט,
ווייטיק שטילן, בראַנדוווּנד קילן,
ס'אומרו־ברילן אין ווינט־געוואָי פֿאַרשפּילן.

מיט אַ קולותדיק מרוקען
קען מען אַרויספּישלען
פון זומפּן פּערל-מושלען —
ווי זשאַבעס קוואַקען?
ווער דער, וואָס איז בלינד,
ביי אָנגעצונדענע לאָמפּן
זען זיין שאָטן אויף דער וואַנט?
דער דרויסן איז פאַרמאָראַזשעט,
מיט קרעמאַטאָריע-אַשן אָנגעסאַזשעט.

שׂטן האָט געזיגט —
רמ"ח-אברים אין מיר צעקריגט,
הארץ בתוך פינצטערנישן פאַרפּירט,
פאַרפּלאָנטערט אין כופר-נעצן.

באַגלייט, נשמה מיינע

באַגלייט נשמה מיינע,
געשעדיקט און באַליידיקט טיף,
דעם מרה־שחורה־גוף.
איינגעהאָרבעט, אָנגעטאָרבעט,
מיט צער,
פון גלות אָפּריכטן,
אויגן אויסגעלאָשן —
אויף אַ חלבנע ליכט
טו בעטלען אַ גראָשן
אין פאַרוואָגלטער ווייט,
צו צינדן אַ יאָרצייט
נאָך די מעת־לעתן
אין עבר־חושכן איינגעריכט.

ערגעץ פאַרשאָלטן,
אַ פאַריאָגטער, אָן אַ משגיח,
ווערט משיח אויפגעהאַלטן,
נישט צו שטאַרבן,
אַ געבונדענער קרבן.
אים דוכט:
אַ קליפּה איז צעלאַכט,
צאַפּט אומקום־יסורים פון אים.

זעל, אַ צעווערעמטע
פון ספקות־מאָיל
ביים ברעג תהום,
מיט סאַטאַנישע רעיונות —

האָב הרטה אויף די עוונות.
לאָז איבער אין דער פינצטער,
די מוראדיקע געשפּענסטער,
וואָס האָבן איבער דיר שליטה,
קום זוכן אין מזרחדיקן אויפוועק
דעם מאָרגן־טרוים
פון עתיד־טעג.

דברים היוצאים מן הלבּ

מײַנע צאַרטע רייד
זאָלן זײַן, ווי אויף סטרונעס,
שטילע ניגונות אויסגעשפּילט,
ווערן מיט געפֿינקל,
אַ לייכט-פֿינטל פֿון וועלט —
אין טונקל-כמאַרע אײַנגעהילט;
פֿאַר דעם בלאָנדזשעדיקן נע-ונד איבער שואה-שטעט,
ווי אַ שטראַל זיך אַרײַננעסטלען
אין זײַן פֿינצטערער זעל;
אויסגעלאָשענע חלומות צעשאַריען,
פֿאַרוועלקטע נשמות אויפֿבליִען;
אַ טרייסטוואָרט פֿאַר די געפּלאָגטע,
צעקלאָגטע מיט אימה,
איבער צעוויכערטער מהומה,
מלחמה-גרוילן, וואָס ס׳דם-הנפש פֿאַרקילן.

מײַנע דברים היוצאים מן הלבּ,
זאָלן זײַן, ווי פֿון פֿאַסטעך-יונג,
אוים ליפּן און צונג, דער צו נעילה-פֿייף,
וואָס האָט צעעפֿנט די רחמים-טויערן,
פֿאַר סליחה און מחילה,
פֿון הערצער מיט ווונדיקע יסורים אײַנגעפֿרוירן.
און ווי אַ פֿלאַנעטישע הדלקה —
אין עולם-התוהו וואַנדלען;
צו דעם נוטה-למוות-קראַנק,
זײַן אַ בלענץ פֿון זון-פֿאַרגאַנג,

אַריינגעשמורעט אין קאַלעמוטנע ראיה
ס׳שקיעה-ליכט.

מיינע שׂפתי-הלב,
בעט איך גאָט, זאָלן זיין,
פאַרן עם-עולם,
נביאה-חלום,
וועקן פון טראַנסיקן שלאָף,
פאַרגלוטטע מתים,
צום שאַל פון שופר-רוף,
אין די טליתים
אקעגנשלייכן משיחן,
בעת זיינע קרנות-השכינה
וועלן באַלייכטן די חושך-ערד.

זאָל מיין שטילע אַרויסגעהאַרצטע תפילה,
אין צייט איינגעשוואַרצטער,
פאַר די ערלים,
בני הצלב,
ניט זיין דברים-בטלים,
ווי פון אַ שוטה,
ווערטער טויטע, וואָס צעפליִען,
אין די הרי-חושך-ערטער,
ווי פלעווע אין לופט,
צעבלאָזן פון ווינט,
אָן שום האַפט-קראַפט,
קעגן רציחהדיקער זינד....

מיין דממה-דקה-קול,
זאָל האָבן שליטה,
איבער די בעלי-חוטא,
וואָס צעווירבלען אַ געוואַלט-גרויל,
איבערן לייב פון דער וועלט.

אַ פייער־מאָנומענט...

פאָלגט נאָך מיינע אַבלדיקע טריט,
מיט געבויגענע קעפּ,
באַגלייט לוויה־טעג,
פארלוירענע אין שרעק.
טרויערט אין זיי אַריין מורא־געמיט,
קלאָג נאָך לעבנס פארצוקטע.
יאָרן צעפליקטע,
צו קבורה אין אַ טאַטשקע כ׳שלעפּ,
אויף פארשאָטענער, אומגעטרעטענער סטעזשקע,
אין צייט פארסמטער,
מיט רויכיקן טשאַד, מאת בני־אָדם אויסגעפלאַמטע.

פון כעס וואָס זידט מיט אויפגעברויזטן פיין,
לאָזט דעם שוים ניט איבערן מויל,
מיר וועלן אויפשטעלן צום גרויל אַ מאָנומענט,
אויף קיזלשטיין, אַ פייער־געוויין ריזיק גרוים,
מיט רויך־שוידער שוואַרצן,
פאַר די פארקוילטע בני־תורה,
איינגעגביאהט אין משיח־חלום,
אויף שייטערן געברענט,
אַקעגן צו שטאַרצן דעם צלם מיטן יויז,
עבודה־זרה אין פעלד,
צעשפרייטנדיק רחמנותדיק די הענט.

זאָלן מיט קראַקעריי,
מרה־שחורה קראָען דורכפּליִען,

בתוך גראָען וואָלקן פאַרשווינדן,
מיטן שנאָבל אין ווירבל-נעפּל בליצן אָנצינדן.

אויף בוימצווייגן, ווו אבלות טוט בליִען,
ווען קאַיאָרן שאַריִען,
זאָלן זינגפייגל שווייגן.
פאַרן שקיעה-ליכט פאַר נאַכט,
קינה-גרילן,
עמקותדיק ליטורגיע נאָך רגעדיקע הפסקות —
מיט זעגפליגל אויסשפּילן.

באַגלייט אין טלית און אין תפילין,
די לוויה-טעג באַצוווּנגענע,
אין פּחדנות פאַרגאַנגענע;
פאָלגט נאָך מיינע אָבלדיקע טריט,
מיט רויט-פאַרלאָפענע אויגן,
קעפ אַראָפּגעבויגן;
גייט נאָך, לעבנס פאַרצוקטע, יאָרן צעפליקטע.
אימה-זעק, אין אַ טאַטשקע אויף סטעזשקע
צו קבורה איך שלעפּ.

קומט אין גליִענדיקן זאַמד,
ווו ס'קראַקען די ראָבן —
אַ קבר דעם עבר אויסגראָבן.
מיט ציין פאַרטשעמעט,
אויפשטעלן אַ פייער-מאָנומענט,
אש-תמיד-געוויין,

קעגן צלם מיטן גולם־יויז, פרינץ פון פרידן,
וואָס פאַרגיט די זינד צו ערלים מיט בלוטיקע הענט,
האָבנדיק מיליאָנען יידן, קליין און גרויס,
אין קרעמאַטאָריעס און אויף שייטערן געברענט.

יאָלאַנדאַ

פון די פּאַשאָנאַדן

יאָלאַנדאַ!
כ׳בין אַרויס שבת־צו־נאַכטס,
מיט אַ פּורכטיקער קדושה
אין זיך צעגליט,
אויסצודיכטן אַן אַסטראַל־ליד,
און דערזען דיך, אשה,
אין אַ זיידענער קימאָנע,
אויף דיין הויז־וועראַנדע,
פאַרבאָדן אין לבנה־ליכט —
אַ סעליעסטיאַליש געשטאַלט,
ווי אַ געמאָלן מאָנאַ־וואַנאַ־בילד.

האָט מיין בלוט, אהבהש־אָנגעלאָדן,
אַ תאווה און להבה האַרציק צעשפּילט,
ווי אַ טרובאַדור פון ערגעץ־לאַנד,
מיטן צימבל אין האַנט,
סטרונעס אָנגעצויגן,
פאַר דיר אויסערענאַדן,
אַ בענק־געזאַנג,
וועגן אַ חלום פאַרפלויגן ווייט,
פון צעפליגלטע ליב־טויבן נאָכבאַגלייט.

אָפּגעוואָרפן די שימל־יאָרן —
כ׳בין יינגער געוואָרן.
נאָר עפּעס אַ ציטער־צער
פינגער איך אַרויס פון גיטאַר־סטרונעס.

דער וויבריר דערוועקט אָן אַ שיעור הזכרות,
פון פאַרשווּנדענעם לעבן,
עוונות און מחשבות זרות,
איינגעגראָבן אין עבר־קברות.

די אייבערשטע השגחה,
האָט מיט אַ חשכה און זריחה,
אונדז צעשיידט —
כאָטש אַ רוחני־קנויט־געפלעכט,
אין אהבה־ליכט,
האַלט אונדז ביידע שטייף צוגעבונדן.

ביי אַ הבדלה מיט אַ רויכיקן פלאַם,
פאַר חצות אָנגעצונדן,
וואָלט איך געגאַרט אַרויס־המבדלען,
בקול רם לבטלה
איבער אַ כוס יין־שׂרף
דעם בין־קודש־לחול ;
ווי אַ טריבער מטורף,
אויסטרינקען דעם געברען,
אין אַ שיכרות פאַרזונקען ;
פון צעפינקלטע פענצטער־שויבן
פאַרלוירענע פייער־פעדעם אויפקלויבן
און מיט געמורמל פון די ליפּן
אַ שנור פון האַרץ צו האַרץ פאַרקניפּן —
יאָלאַנדאַ !

לונא דו, דיין שכינה־ליכט,
טוט שפּרייטן געהיימע נשמה־נעצן,
צו פאַנגען פאָעטן אַוועק פון דר'ערד,
וואָס רייטן אויף וואָלקן־פערד,
אַמאָר־סאָנעטן צו זינגען.

אַ געטלעכע צעשימערט,
אין רקיע־פּראַכט,
מיטן בלענד פון ירח־שיין,
ליכטיקסט דו אין מיין פינצטערניש אַריין,
ווו ס'איז צעבריט די לבבי־וווּנד.

ניט פון פּען, געטונקען אין שוואַרצער טינט,
נאָר פון פלאַמען,
וואָס קומען אויף,
פון נפש־פלאַקער טיף,
צעבלאָזן פון ווינט,
געשטאַלטיקט זיך צו דיר מיין ליד —
גינגאָלד־בלאָנדע
יאַלאַנדאַ !...

אין מיין שטעטל סקאַלע

אין אונדזער שטעטל
ווערט ווייסער באַרג איבערן הריגה־פעלד,
בעתן זונאויפגיין, פורפורדיק באַלויכטן.
זיין הירעגליפן־כתב פאַרצייכנט ס׳מערדערלעך פאַרניכטן,
פון גרויס און קליין,
אין דער הוניש־הייעניש בהלה.

די מצבה־עברי
איז אַ מעשׂה פאַרמחבלט,
מיט שטריכן און פיגורן, וואָס שטורעם־רעגן דורך יאָרן,
האָט אין זאַמדיקן שטיין איינגעגראַבלט —
צום זכרון אַ טרויער
פאַר די איינגעקברטע אין פינצטערן זשוויער.

די פאַרטויבטע צום ווינטס ווייגעוואַי,
צו געוויין פון ריטשקענדיקן רויש אין שאָטן־טאָל;
בלינד צום גרויל, אין מאָנומענט איינגעקריצט —
זענען באַרויבט פון זע־און געהער־חוש,
זעל־ברי־געפיל, אין האַרצן איינגעהיצט.

אַ מאָל אַ שאַרע־כמאַרע פון ווירבל אויפגעטריבן,
טוט אַ צעביישטן בליץ,
אַ דונערדיקן קנאַל,
פאַרן גייות אַ סיגנאַל —
אַז זייער בייזע יוכע־רציחה,
איז מיט קללות און יללות אין וואָלקן פאַרשריבן.

די געשמדטע לאה,
פון זינען אראָפּ, אַ ניט אויסגעשלאָפענע,
אוים איר כאַטע אַן אַנטלאָפענע, איילט אַהין.
ס'ציטערט איר ליפּ,
בעת געוואַקלטן צוגאַנג, געביסן ווי פון אַ שלאַנג,
שווידערט איר לייב.
שטייט פאַרשטאַרט אַקעגן באַרג, מיטן בלוטיקן זון־צעברען,
צערייסט אויף זיך דאָס קלייד,
ברומט ווילד אויף ניט פאַרגעבענער זינד,
און פאַרשווינדט אין חושכדיקן וואַלד.

ס'צעפלאַקערטע כתב,
דערמאָנט ניט באַצאָלטע שטראָף,
פון באַרויבטן לעבן, אין צעאַקערטער ערד איינגעגראָבן.

עולם־התוהו־לייט, בלאַנקענדיק אין דער שואה,
האָבן ס'שטעטל דורכעאיילט
און מיט אימה צו וואָגלענדיקע דערציילט:
ר' שלמה הזקן אין טלית און קיטל,
דאָרט אויף אַ שטעקן אָנגעשפּאַרט,
איז ביי נאַכט די לבנה מחדש, זאָגנדיק רבנן־קדיש,
תהילים אַ קאַפּיטל,
אַ שיר המעלות,
און וואַרט עד עלות השחר,
ווען האָריזאָנט זיך צעצינדט
מיט אַן אש־להבה אויף דער מצבה,

לייגט תפילין, קען דעם שטורעם אין זיך ניט שטילן,
שרייט צום גואל שמע־ישראל.

ס׳ווערט געהערט:
דאָרט ווו ס׳איז אויפגעהורבעט,
פון איינגעמקברטע גופים,
געשוואָלענע ערד —
די יויז־מאַמע פון תיפלה־טומאה,
מיט תרפים,
קומט נאָך חצות אַרויס,
באַלעסטיקט פון אַרויפגעוואָרפענער זינד,
יללהדיק וויינט, קלאָגט אויף לבנה וואָס שיינט.

ער אַליין — נוצרי־ייִד — אַלט, גרוי,
פון צלם אַראָפּ גענידערט,
שלייכט זיך אויפן בית־עולם אַרום,
שעלט די שתי־וערב־וועלט,
ווינטשט זיך מיט די עזונות באַשווערט,
איינזינקען אין דער ערד.

מ׳זאָגט:
פייערדיקער צער
איז קאַיאָר אין זאַמדיקן באַרגשטיין,
פון זוניקן שיין,
ביז לעתיד לבוא איינגעטאָגט —
אַ פלאַמיקער פריגעשריי פון שדי
אין טויטן־טאָל.

ווינטן טוען זייער געיאָמער איבערדרעשן ;
די ריטשקע נעבן דער קברות־סטעזשקע,
יאָגנדיק פון דער הויכקייט אַראָפּ,
טוט אימהדיק רוישן ;
די יאַסטרעב און ראָב זענען צעשריגן
מיט אַ ווילד־ווײי־קראַקעריי.

ווער איז דער זקן?

ווער איז דער זקן, טאַרבע אויף רוקן,
תנ"ך אין האַנט, אין געוואַנדער איבער לענדער?
שפּאַנט מיט זיין פאַרמעגן צו פינצטערע מקומות
הוסטנדיק, פּאַסטנדיק דערשלאָגן,
פון בייזע חלומות געטראָגן,
בעתן וואַגלען,
אויף סכנות-וועגן,
ווו רוחות פליגלען אין געוויכער וויסטן,
צו שחת-לעכער, שאול-נעסטן.

אין געדאַנקען פאַרזונקען,
שווייגנדיק שטום,
צעשויבערט, אויפגעפיבערט,
שטעלנדיק טריט, ווו טויטן-צווייט בליט.

הימל ניט אויסגעשטערנט,
מיט כמאַרעס און בליץ צעצערנט,
יאָגט מיד, דער פאַרצאָגט געפּלאָגטער עטעץ-ייד,
אין אַ נאַכט אָן אַ שמין ליכט.

אַ פּיִאווקע מיטן דם-צעבריט אָנגעפּויעט,
ווי אַ וואָרעם ס׳האַרץ אויסגעהוילט,
גנויעט —
זעל איינגעגרוילט אין אַ ציטער,
אויגן פאַרלאָשן, גוף פון געוויטער אויסגעדראָשן,
פאַרצערט, איינגעדאַרט, הויט און ביין.

אַלץ געוואָרן,
רוקזאַק וואַזשעט אַראָפּ, האָרבעט איין.
פאַרשווייגן ליגן דאָרט אין שממון די יאָרן,
פון צער־קאָשמאַר איינגעדראָזשעט.

אַז משיח זאָל קומען,
וועט פון מרה־שחורה אויסגעלייזט ווערן,
דער קרוע־בלוא מיט אַ גלות־שפלות־גאַנג.
צו ערגעץ ווייט?
וואָס טרעט אויף טויטן־צוויט,
אין קברות־פעלד,
אַ חוני־המעגל,
שפּאַנט, מיט תנ״ך אין האַנט,
זוכט אַ תהום
זיך צו וואַרפן,
מיט וויין־געוואַלט:
ס׳זאָל כל עולם דערהערן,
קריעה רייסן,
לאָזן אַ קללה פאַלן,
און מיט טרערן ס׳לעבן פאַרגאַלן.

אין אַ לבנה־נאַכט

אין אַ לבנה־נאַכט,
אָב־צייט,
פון אַ מעטעאָר־יאָר —
בין איך אַרוים חצות צום ים,
געוועז גערן צו זען,
שיסנדיקע שטערן,
סטעלאַר־פראַכט אויפשטראַלן,
אין בלאָלעכן אויסשפּרייט,
ווי אַ פינקלדיקער רעגן פאַלן.

כ'האָב געטראַכט:
אין אָקעאַן מיט די טיפע תהומען
וויפל פון די אַסטראַל־פלאַמען,
האָבן זיך איינגעלאָשן?
דערפאַר ס'אייביק זידיק רוישן.

איינזאַם אויף דער ערד,
רגשנותדיק־פרום,
האָב איך געגלוסט, מיט געבענק,
זעלפונק אַריינצוצילן אין חלל,
אַרויסמתפלל זיין אַ לבבי־ברי,
אומרו איינצושטילן.

כ'שטיי ביים אַטלאַנטישן ברעג,
און פרעג:
וואָס וואַנדער איך אַרום דורך די נעכט?
לויף צום ים,

פלי במחשבה,
אין הימלישער מרכבה,
שפּין אין מוח,
דעם בראשיתדיקן באַגין.

ווּ אין דער הייך,
צווישן ניט־פאַלנדיקע שטערן,
זאָל איך אַריינדאַווענען אַ געבעט,
פון שפּלדיקן פלאַנעט, אויסגעלייזט צו ווערן,
געפינען אָנהאַלט אין וועלט?
ס׳חלומדיקע אָפּזיין זאָל ניט צערינען
איידער אין רוחניות זיך פאַרלירן,
ווי ווינט־געוויין איינפּרירן —
אין די פייערן פון קאָסמאָס־פלוינען
אויף אייביק זיך אַריינוווינען.

זיצנדיק אין אָב־נאַכט,
איבער אַ ספר פאַרטראַכט —
וואָס טורעט פּלוצעם אַן אייפער אין מיר אויף,
יאָגט מיך אַרויס פון הויז,
זען מעטעאָרן, אַסטראַלן,
אין ים אַריין פאַלן?

כ׳הער דעם רוח־אלוהים, אין געשוועב איבערן ים.
באַגער מיט התלהבות־הלב,
אין חלל אַריינמתפּללן אַ הלל.

מיין ראיה אריינגעחושט
אין צעלויכטענער רקיע.
אויפפלאַקערדיקער פונק
טוט אַ ווונק און זיך לעשט.

כ׳דערפיל אַן אימה
אויף דער אדמה:
איז שנעל אויפפלאַם און אויסברען
מיין העל מזל געווען?

כ׳שטיי ביים ים,
זע מעטעאָרן זיך צינדן,
און מיט שרעק,
כ׳פרעג:
האָט ניט דער כוכב,
איינער, מיינער,
ערגעץ פייערדיק געצילט,
בתוך די חושכן פאַרקילט?

און איך, יחיד,
ווער אין אַ בלינדן פחד
איינגעהילט,
טראַכט:
וואָס פאַראַ שייכות
מיט מיר,
האָט דאָס פאַרלאָשענע ליכט?

אַהובה

פון די פּאַשאַנאַדן

אַהובה!
פון דיין פייכטן אויגן־גלאַנץ,
לוסטפּייערלעך אין אַ טאַנץ,
לייכטן אוים אַ צניעות דורכגעפּילטע,
מאַמע־בושה און חוה־ירושה —
תאווה ניט געשטילטע.

אין דיין תמימותדיקן חן,
אונטער דער הויט טיף
פון אויסגעטאָקטן ווענוס־גוף,
איז איינגעכישופט אַ שאַרם,
טוט נפש וואַרעם צעטליִען, האַרץ פאַרבריִען,
מיט אַ נאָגנדיקן פּיין.

וויפל מאָל באַזעלט
האָב איך אין רעיון, בדמיון, בתוך פּאַראַדיז־טאָלן.
בעת שיין און שאָטן, ראַפאַעליש דיך געמאָלן,
פון צווישן בלומען און געבליטן אַרויסגעהעלט,
בענק־גלי נישט איינגעשטילט?
לורנאַ לי!

מיר איז באַשערט,
אַ שטראַל אין נשמה, ווו אימה לויערט,
זאָל זיך האָבן אַריינגעבויערט.
גוט, כ׳בין נאָך ווערט
ביי גאָט ס׳ביסל ליכט,

וואָס דרינגט און צאַנקט אַריין,
ווען וואַך, אויך אין חלום ביי נאַכט.

ס'איז דעם אייבערשטנס ווילן,
מיך אין דער חשכה
מיט אַ זריחה פאַרבלענדן,
בלוטן צעשפּילן,
אַ ברכה דיר ווינטשן, בענטשן,
ווי ווערסט זיך קערן און ווענדן.

אין דיין פלעמלעכן בליק,
רוט עפעס צויבערנדיק פאַרשייט.
אויך אַן ענוודיקע הייליקייט,
יראה, און טהרה,
אַ פרומלעכע ליבשאַפט־קראַפט.
זיי ווייסן:
ביסט ביי מיר אין אַמאָר־קעמערל פאַרשלאָסן;
כ'זיץ איינגעבויגן,
טו רעג־געפילן איינשטילן,
עולמדיקע גלוסטעניש פאַרוויגן —
לורנאַ לי!

אַ רעווע טאָן

ס׳ווילט זיך, חוץ לדרך הטבע, אַ רעווע טאָן,
אַ חיהשן בריל, איבערן אַפּעקס גבול
זעניט־הייכן דערגרייכן.

ס׳כאַפּט מיך אָן אַ יגון־שגעון,
איינער אַליין,
אַרויסריטשען אימה,
ווי אַ בהמה פֿאַר דער שחיטה,
אַ חרטה פֿון זיין,
אַרויסקוויטשען.

ס׳גלוסט זיך באַפֿרייען פֿון אַ שווערער לאַסט,
אַ בריל טאָן —
די פֿאַרע, ווי אַ כמאַרע, זאָל פֿאַראיקליפּסן די זון,
ווען האַרץ איז פֿאַרקלעמט, גאָט אָפּגעפֿרעמדט.

איך שטיי אין וועלט־ערבה צווישן טאָג און נאַכט,
טראַכט מיטן ריטש, זעניט דערגרייכן,
און אַריבעריאָגן,
צו אור־מחשבה זיך דערשלאָגן.
אַ שגעון כאַפּט מיך אָן,
אַליין, אויף פֿיין לאַנג אויסגעפּלעמלט,
אַ רעווע טאָן אַן אַרויסגעווילדיקטע אימה,
ווי אַ בהמה פֿאַר דער שחיטה.

ווער איז דאָס רוחל?

ווער איז דאָס רוחל
מיט פּחד צעפּאַכעט,
פֿאַר מיינע אויגן פֿאַרטערטע,
פֿאַרלאָפֿן רויט,
אין אַ צעשטערטער נאַכט אָן שלאָפֿן?

לעשט אויס דעם קנויט אין קאַניץ,
מיט אַ געגעץ
מאַכט שוואַרצע קונצן אין דער פֿינצטער,
אַרויסצורופֿן מורא־געשפּענסטער,
טויט שווידער־בילדער אַרויסהילן,
הינט צעבילן,
צעפּייפֿט ווינט,
פֿאַרשווינדלט מינוט פֿון צייט,
צעשפּרייט לייד.
געהאָרנט, צעצערנט,
שמייסט מיט רוט, אין גיהנום אויסגעגליט,
איז זינד ניט מוחל.

ווער איז דאָס רוחל,
וואָס בייסט, רייסט, שינדט די הויט?
דאָס חדל־שדל
מיט ראיה־בליץ פֿון אַ קאַץ,
נעמט מיך דורך,
צעוויברירט מאַרך:
איבער הויפֿן אַרומצולויפֿן,
וואַרפֿן שטיינער אין שויבן,

רו רויבן פון פאַרגעסענע,
אין חדרים פאַרשלאָסענע,
צו דערמאָנען,
פאַרן אַוועקגעגזלט לעבן
דין-וחשבון מאָנען
פון די עזאָזל-לייט.

ווער איז דאָס רוחל
וואָס האָט מאַכט טאָג איינחושכן אין נאַכט?
דעכעט אָן אַ פחד,
דעם שׂכל צו פאַרלירן,
טוט דם-התמצית איבערריערן,
פאַראומערט מיך מיד,
צעיאָמערט ס'ליד.

אין קברת־עולם־טאָל

אין קברת־עולם־טאָל,
ביי נאַכט,
פון לבנה־שטראַל באַשיינט,
זיצסטו אויף אַ צעפּוילטן פּניאַק
און צימבלסט אויס מיט פינגער־ציטער
אויף גיטאַר, צער און פּלאָג.
פון שרעק, רויך, וואָלקנדיק אַוועקגעשוועבטע,
טעג דורכגעלעבטע.

באַגלייטסט מיט אָבל־ניגון,
סאַווע־יגון, וואָס פון אפלה,
נבלה באַוויינט.

ס׳זשומען זשוקעס, טשירפּען גרילן,
אַרום מתים־קשאַקעס;
בליצלען פייער־פליגן;
אַ פלעדערמויז פון אַ חושך־לאָך אַרויס,
מיט פליגל־שאַרך פלאַטערט דורך —
סימן עזאזל־מזל, פון פאַרלאָפענער צייט.

איצט, ביים חיות־ענד,
אָן נוצן,
ווי אַ שישקע, צי אַ האָלאָוועשקע פון אַ קוסטע,
אויף ערד וויסטער אויסגעברענט,
וואַכסטו און טראַכסט:
וואָס איינקריצן אין מצבה־שבח נאָך זיך,
ווען וועסט זיין טיף אין עמק אַוועק?

ביסט זיכער: ס׳וועט עבר־חשכה
אַרויסטונקלען נשמה־וויכער
פון יעדן אות,
אַפילו ווען זון־זריחה
וועט טוי צעפינקלען
אויף קבר־גראָז?

אַן אויסגעפלאַמטער, פיין פאַרקלעמטער,
ניגונסט נאָך אויף ערד־ערבה,
דעם יגון פון סאָווע־געוויין,
ערגעץ אין אפלה.

ערד

פון דעמאָניש־סאַטאַנישן פּלאַנעט
טוען פייער־רויכעס,
אין תבל אויפגיין,
וואָלקן־ווינדן, אָנגעצונדן.

ערד —
פון משחיתים צעשטורעמט,
מיט מתים פאַרווערעמט.
באַשאָסן, אויפגעריסן און צעשטערט.
אין חללדיקער השכה טוסט אַרביטנדיק שוועבן,
אונטער ס״ם׳ס השגחה,
גרויל־ווידערקול־געהאָרך,
פון אימהדיק ברילן,
טויט מאָרך פאַרקילן.

וועלכער זקן מקונן,
אין די הויכע פלוינען דערשלאָגן,
וועט פון פעלדזיקן לבנה־שטיין
אַראָפּקוקן,
ליטורגיעס אומענדיקע יללהן,
הערן, ווי זשומענדיקע בינען — שטערן —
קלאָגן איבער חרוב־נעסטן,
וואָס אין סאַזשע־אַשן פון פינצטערניש זיך לעשן?

ערד, פלאַקער־געשריי,
שרפענדיקע שוועבל־ווירבלעריי,
בתוך קאָסמישן רוים,

פאַרשאָלטן פון ניט־גוטע,
אונטערן טייוולס שליטה —
ווער, אַ בעל־אונן, אומגעוואַשן,
וועט זיצן אויף אַ לבנה־פּליטע
פון קיזלשטיין,
מיט צער גלאָצן
אויף דיין גלימערדיקן אויפשיין?

ס׳מוז רוחות־שׂר,
האָבן פון לאַנג אָן געווען
מיט גאָט צעקריגט,
צו האָבן אין זיין דאָמעין
בייזע כוחות צעוויגט.

ער שיקט ראַקעטן,
שׂרפענדיקע סאַטעליטן,
להכעיס־סיגנאַלן,
מות־שטראַלן,
פלאַקער־געוויין,
מאת שאול תחתיות פון מענטש־חיות־פּיין,
אין אַרויף לוויהם,
מיט גראַ־רעה זאַווי,
פון מלאכי־חבלה,
שדים, עבדים,
אין זיין אַשמדאי־ממשלה.

ערד —
וועלכער קלאָגער.

קינה־זאָגער,
מיט אויג באַטרערט,
וועט הערן שטערן, ווי בינען, וויינען
אין קיטור־עשן, פון חושך זיך לעשן?

פאַר וואָר, איז מיר אָדם־בריאה
באַשערט
אַ תוכחה־נביאה
אַרויסצוזאָגן,
נידערן אין כף־הקלע תהום,
אויפשוידערן פון אַרויסגעשפּענסטערטן טרוים?

יעדע מינוט פאַרשווונדענע,
איז דורכגעווייקט אין בלוט.
מיט רויט־צויטן פון טויט,
אין מלחמה־מהומה,
איז מיין נשמה אַ געבונדענע: —
שטייף אין גוף פאַרצויגן.

אַ פּאַרע פון ביטערזאַלץ,
גייט אויף אין האַלדז,
באַפּייכט די אויגן,
האַרץ־ווונד מיט ווייטיק ברענט,
גורט פאַרגלעזערן קוק,
צעטרערט מאַת שרעק,
מאַמע ערד...

כדור הארץ אין רויך געוויקלט...

כדור הארץ, אין רויך געוויקלט,
דיאַבאָליש צעוואַקלט,
מיט אַטאָם-שטויבן
אין וואָלקן-כוואַליעס אויפגעהויבן.

גייסטער פון וויסטער עפר-שאול,
אין אַ גיהנום-טשאַד
פון לוציפער-מויל אַרויסגעפּיפּקעט;
מלאכי-חבלה צעפּעכלען די אבלה:
געוויכער, אַרויסגעוויטערט פון אבדון-לעכער,
עיפּושדיקער איבל, שוועבלגאַז-געשוויבל.

ערד צאַפּלט, מפּילט אוים נפילים, שד-גלגולים,
איינגעגנעפּלט.
דעמאָן-חיות פון תחתיות,
צעפּלאַקערטע בהלה-רוחות
מיט שוואַרצע רויכעס
לעשן צעפּינקלט ליכט,
פאַרטונקלען נאַכט.

וויפל מאָל, חשמל,
אָבער און ווידער,
וועט נאָך דאַרפן,
אַ ניט מידע,
די פעלדזיק-זשאַווערדיקע גרידע,
שווידער פון זיך אַרויסוואַרפן?

אַ צעפּראַזשעטע, איבערגעפּלאָדזשעט,
מיט פּראַים, האָמאָ־ראַפּאַקס־אָנגעוויקס,
ברואים־טמאים,
סטרא־אחראס האַס צו קילן —
פאַר אור־השכינה
אויף דער קאָסמאָס־בינע,
אַ זשאַרענדיקע גלי־טראַגעדיע,
אין חשכה איבערשפּילן?

אַרויסשחורן פון שחת
אַ להכעיס,
מיט אַ דאַמפּיקן זאָט,
אַ טייוול־פּאַראַיבל
אַרויפגעפּיפן צו גאָט,
איינסאַזשען די שטערן
הימל מיט אַ חשכות־געדיכטעניש נערן?

ס'שווּיפּטשעט אויף געפּייף,
קולי־קולות פון אבלות,
אויסן שאול,
אין תבל,
דעם הבל
אין פּוסטע מילן איבערמאָלן.

אין סמאלם רשות בתוך רוימיקן צעפּראַל —
איז בלוטיק שרייענדיקער דורכפאַל,
אייבערשטנס טעות,

אין אוניווערס-געווירבל,
שכן-שד טוט דעם עמק-הבכא באַוואַכן,
און אַקעגן גאָט,
זיין פינצטערניש אַרויסלאַכן...

אוריאלס קינות

אַ ציקלאָן-טומאַן איינגעשחורט,
האָט מיין חיות דורכגעזויכערט,
ווינטיקע שרעקן, אונטערן פענצטער ביי נאַכט,
פון שלאָף וועקן,
גראָען אַריין רויכעס אין די חושכדיקע שעהען.

האָבנדיק אַפילו די אויגן פאַרמאַכט,
שוועבן פאַר מיר דורך געשפענסטער,
אין דרייען איינגעבויגן.

נעפלדיקע רעיונות,
געשטאַלטיקן זיך פון מחשבהדיקן כאַאָס אַרויס.

איינגעהילט אין שמאַטע-קליידער,
מיט אַ געל פאַרשפּעטע שוידער-לאַטע,
וואָגל אַרום אין עולם-השקר,
טראָג בלוטיקן גלות אויפן הויקער.

יאָרן אויסגעמאַטערטע
וואַזשען אַראָפּ שווער-צענטערדיקן קאָפּ;
אומרו-קראָ, שוואַרץ צעפליגלט,
שנאַבלט די צויטן פון האַרץ-קנויט,
איינגעאָבלט אין רויטן זאַפט,
נאַגנדיק מיטן פלאַם דעם רוחני-נאַפט,
פון דמיקן צעזאָט,
יסורימדיקן צער,
אַנרויכנדיק אַ טשאַד.

כ׳וואַנדער פון שטאָט צו דאָרף,
וואַלגער זיך אין די גאַסן,
אַ זעל-קלינג-שאַרף
שינדט פּאַסן.

כ׳טרינק גאַל-טאָקסין,
פאַרוואַקסן, ראיה אויסגעלאָשן,
ניט געוואַשן,
ווי אַ משוגענעם לויפט מען מיר נאָך.
מיר איז נמאס אויף עבודה-זרה-במות דעם אמת זוכן.

יעדעס אות פון דברי הימים,
איז אַ דֶבֶר-קבר, אונטער בלוטיקע צלמים.
ווו איך שטעל אַ פוס, ווערט ער אין אַ זומפּ פאַרזונקען.

וואָס האָב איך אַוועקצושענקען,
דעם חיות-לאָמפּ, וואָס איז מיר מאָוס מיאוס?

אַז כ׳וועל אין די הרי-חושך אַוועק,
וואָס וועל איך איבערלאָזן נאָך זיך?
נשמה-פלאַם?
איבערגעבערענטע גרוילן?
נפש-סם?
אַן קנאַפל און אָן זוילן,
בלאָטיקע שיך?
מיט געוואַלט פאַרטויבטע
אָפּגעלעבטע שעה?

אַ וואָרט צעציטערט
פון די לעפּצן אַרויסגעביטערט?

וואָס קען איך איבערלאָזן דער וועלט?
דאָס שואה-בילד,
גיהנומדיק געמאָלט?
טונקען ס׳פּענדזל אין פליסנדיקן בלוט?
די ברענענדיקע פאַרבן,
וועלן אונטער דער האַנט אָפּשטאַרבן.
דעם ירושה-חלום, אור החיים, שלום-קיום,
וואָס כ׳האָב אין בוזעם,
מיט קדושה געכאָוועט?
הייליקע ווינטן זאָלן
מיט בת-קולות די יללות,
איבער עולמות צעטראָגן?

שפּעט ביי נאַכט

ווען מיד פון אויפזיין שפּעט,
כ׳לעש אוים ס׳ליכט אין שטוב,
לייג זיך אין בעט —
דרינגט אַריין דורך פענצטערשויב,
חושכדיקע נאַכט —
אין שלאָף מיר פון זינען
מאָנסטער-חלומות אויסצושפּינען.

מאַך איך װאַך אויג צו,
אַ מכשפה איז דאָ:
דאַר און קוואַר, צעאָדערטער האַלדז,
פאַרטעמפּטער קוק,
בייז צעגלאָצט,
זיצט אויף איינגעזומפּטן פעלדז,
אַרום איר ברואים טמאים:
זשאַבעס קוואַקען, וואָראָנעס קראַקען,
אַ סאָווע טרויערט, און אימה לויערט.
אַ קליפּה, אין אַ שוואַרצער יופּע,
אויף בלוטיקע פים, בלאָטיקע שקראַבעס,
מיט שטריקל געבונדן,
איינגעדראָזשעט אין אַ שוידער-סקרוך,
האַלט אין לאַפּע אַ פאַקל אָנגעצונדן,
וואָס קאָפּטשעט, סאַזשעט,
שעפּטשעט אַ קוידער-לודער שפּרוך,
וואָרפנדיק זיך אין קדחת.

מאַניעט אַרויס מיט אַ הוסטעניש
פון צעברעגטן שוועבל,
אויס אַ דזשאַנגל־וויסטעניש פון דערנער,
שדים, רוחות, דבוקים, מזיקים,
אַן אינקובוס־לאַבוס, מחבל מיט הערנער.
הילט אַפּ אַ שפּיגל איינגעדעקט
אין אַ כמורע־שמאַטע־טוך,
ס'אַנטפּלעקט זיך אין טונקל אונטערגעמאַזשעט גלאָז,
אַ יאַסטרויב־פויגל,
ציפּט מיט רויבשנאַבל,
דעם פוך אַרויס פון די פליגל.

לילית־טעכטער,
מיט הירזשענדיק געלעכטער
פון צעקרימטע פּיסקעס,
סוטהס אין מאַסקעס צעפּלאַמטע,
בלענדן־אויף און פאַרשווינדן.
טייוואָלים, חללים, מיט רינצלדיקע שטערן,
פון צעבלוטיקטע אויגן קאַפּען היים, טראָפּנווייז טרערן רויטע,
שלייכן זיך צווישן טויטע,
אויף סטרונע־כלים אָנגעצויגן,
באַגלייט פון גרילן, אַ יגון־ניגון שפּילן.

איך, זקן, אויפגעשראָקן,
ווי פון דור־הפלגה, אַ האַלאַדריגע,
אין טראַנטעס צעריסן, אָפּגעשליסן,
וואַקל זיך אין גאַנג,

פאַרבלאָנדזשעו מיט שפּלדיקער זעל,
צום חושך־טונעל פון שאול,
ווי פון עמעץ געזופן.

אַזוי נאַכט נאָך נאַכט,
ווען כ׳לעש אוים ס׳ליכט,
ווער איך אין אפלה פון אַ געשפּענסטער־שפּלה פאַרפירט.
רעיונות אָן אָנהאַנג זיך מישן,
שווים אַרום אין האַלוצינאַציעס.

מיט פאַרכאַפּטן דעך אויפגעוואַכט,
אַן איינגעמאַטערטער,
פון שלאָף אַ פאַרציטערטער,
הויב זיך אויף,
וויש חושך־שרעק
פון די אויגן אוים,
זע די פענצטער־שויבן צעשיינט,
קוק אַרוים:
טויבן זענען דורכגעפלויגן.
איינע, אַ יונה, אָנגעבלאָזן
אויפן פענצטער־געזימס
אַ קינה וואַרקעט און וויינט.

למאי?

למאי זאָל אַ נאָך־זיין,
פון אונדזער לעבן ניט בלייבן
ביים פאַרגיין?
אין אוניווערס אַרומשוועבן אַ רוח האלוהים,
נאָכן אומקום?
מיר זיינען ווי די ברואים טמאים —
עלעהיי דאָס אומפּליי,
בהמה אָן נשמה.
בחיר היציר
ווערט פאַרטונקלט אין שממה
נאָך אַחרית הימים.

מיט וואָס איז מען מיט מער חשיבות
ביים אלוהי־עולמים,
וואָס האָט מחשבות אונדז געגעבן,
מאַרך אין מוח צו פאַרשטיין,
אַ פּחד אין זיך פאַרוועבן
צו געדענקען —
אַז ביים פאַרגיין פון עולם הזריחה
וועט מען אין חשכה
פון שחת פאַרזינקען.

ווו קומען אַהין די וואָס ווייסן,
אַז מיטן גופס פאַשאָן־פלאַם,
ווערט נפש, ווי ביי די ווידמעגישן,
אויף אדמה און אין ים אויסגעלאָשן?

ווי פון עמעץ געהייסן, אויסטרוימען זיך
אַ ברואה-געבלי,
אין בלוט און פלייש געטלעכער אימאַזש,
מיט זעל ווי קויל-אויסגלי אין אַש.

בעתן לעבן, פאַרקערקערט אין אַ גוף,
געדאַנקלעך טיף,
דעם כל-עולם אין זיך פאַרוועבן;
זיין נאָר אַ מיד פאַרפלויגענער,
אין קורצער צייטאָפּשניט דורכגעצויגענער,
אונטער הימלישער פּראַכט,
ווי אַ מעטעאָר,
פליִענדיק אַ צעפינקלטער אין אַוויר,
אָן שפּור איינפינצטערנדיק אין טונקלעניש פון נאַכט.

דער שאָטן

דער שאָטן, פאַרשאָלטן,
שלעפּט זיך מיר נאָך,
וואַרפט מיך אַריין אין אַ מרה־שחורה.

פון בורא אַ טונקל נישטיק באַשאַף,
צו האָבן מיך געהיט,
די טריט נאָכגעגאַנגען.

אַ פאַרפאָלג־נעגאַטיוו,
אָפּצופילמען פון מיר באַוועג און ריר.

וואָס ביסטו אויסן געווען, כביכול,
מיט ווייניק שׂכל מיך אויפצוברענגען?
חידות־סודות נישט אָפּהילן,
אַ גלות אָפּריכטן,
פון מוראדיק טראַכטן בלוטן איינקילן.

צו וואָס דאַרפן אַ צייט־געפלעכט,
פון טעג, נעכט און יאָרן דורכמאַרשירן,
אַרויספּאָטאָסטאַטירן פון זיך אויף אומהיימלעכע וועגן
און אייביק פרעגן:
זענען די חזיונות און דמיונות בעת די אָפּלויף־ימות,
וועלכע טויכן ווי פון שבחה־שלאָף אויף,
צו צעמוחן זיך אין חלומות
ס׳חיות איבעררײַשן, בתוך חשכה זיך איינלעשן —
לאָזן אַ פוסטעניש אין גולמדיקן גוף?

די שעהען פון מעת־לעת, וואָס פליִען אוועק,
פאַרבלוטיקטע קראָען, אָנגעזעטיקטע.

פאַר וואָס, רבונו דעלמא,
האָסטו מיך נישט מיט מער חושים דערגאַנצט? —
אַ זיכערן בטחון איינגעפלאַנצט,
אַ שאַרפערע ראִיה אין אויג טיפן אריינגעשליפן: —
ניט צו פילן זיך ביחידות אין התבודדות,
מיט מיין דלת־אמות שכן־אָפּבילד,
אַ נאָכקרים, שטום איבער מיר וואַכן?
מיט אים איינזאַם ביים אָקעאַן־ברעג שטיין,
אָקעגן לבנה, צעווינקטע שטערן,
וואָס פאַרגעהיימיקן די נאַכט;
דעם ים־רויש הערן;
באַגרייפן אין וואַלד־פעלד
דאָס שטילשווייגן,
ס׳ווינטלדיק פייפן,
ס׳צעוויגן זיך פון בוים־צווייגן.

אַ קרעכץ רייסט זיך אַרוים:
מיין ווידערקול,
קראַנק אַוועקגעטראָגן,
אין אַ בומעראַנג צוריקגעשלאָגן.

אויסגעפלאַמט און אָפּגעפרעמדט,
בין איך אין די אייבערשטע רוימען געקומען,
אַ גאָט אויסצוטראַכטן,

תפילות אַפּצוריכטן.
געטאָן זיך אַריינטבלן אין די נעפּלען,
אין זונליכט זיך איינגעאיכט,
איר בלענד אין זיך פאַרשפּינט.

געפינט זיך אין אומפּורעם
פון סעלעסטיאַל־שטורעם,
אַ ליכטלעך ווערעניש,
אַן אייביק געדויערניש,
אַ כּאַאָטישע צעשטערעניש,
אין פינצטערניש פון געהיימע שממה־טיפן —
וועלטס אורגעשטאַלט?

בין איך פון השגחה אויס חשכה געוואָרן אַרויסגערופן,
שטיין פאַרן אוניווערס־נס —
אַ שטומפּיקער גולם?
איז עס חלום צי וואָר, וואָס איך זע?
למאַי נישט געטאָן מער שׂכל,
אין מאַרך־מוחל מיר אַריינשלייפן,
אויף אַן אופן, כ׳זאָל תופס זיין
די טיפעניש פון תהום, הבל־פּוסטעניש פון רוים?
ס׳מורמלען, פלאַפּלען, בייז־רוישן פונעם ים?

אומרו וויסטלט אַן אַן אימה.
כ׳ווער פאַרבליפט פון זיין צו גאָרנישט באַהעפט.
אַ דענק־חיה, וואָס טראַכט פונעם אהיה אשר אהיה,
טו איך איבערזיפן, עפעס אָנצוטאַפּן,

שכינה־זיו אַריינשעפּן,
דערוויסן די רעטענישן,
איינע אין דער אַנדערער איינגעשלאָסן.
זיך אַליין אַנטפּלעקן,
ערדישן פּחד פאַריאָגן,
שירות־ותשבחות זינגען
— צום געטלעך אויסגעאַנטן
דאָס צעפּלעמלטע אין די האָריזאָנטן,
וואָס ווערט אויף און אונטערגעגאַנגען?

אין שעה פון רחמים

פאַר נאַכט, אין רחמים-שעה —
ווי פאַרבלאָנדזשעטער פויגל,
מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגל,
אַ פאַרזינדיקטער ער,
פון אומעטום פאַרשטויסן,
דומעט אין דרויסן
פאַר דער נעסט פון אַ זי
אויף שוויפּטשענדיקן לשון בעט זיך ביי איר —
אַזוי איך,
דער וואָגלער פון אַ ווייטער שטאָט,
אין טרויער פאַראומערט,
הויער פאַר דיין הויזשוועל
אין פאַרוואַקסענעם גאָרטן
שעפּטשע אין דער שטיל:
— עפן אויף די טיר.

כ'פיל, דאָ וועט זיך פאַרלירן ס'לויערן,
פון נאָכפאָלגנדיקן שאָטן,
רויבנדיק מיין רו.
אָפּוואַשנדיק וועג-שטויבן,
וועל איך אין אַ ווינקל פון דיין שטוב
מתפלל זיין פאַר גאָט.

מיין נשמה איז פון אימה אַ פאַרפרוירענע,
ווי ביי אומהיימלעכער טויב,
מיט קרילעס אונטערגעשוירענע —
אוממעגלעך זיך צו וואָלקנס דערהייבן.

ס'פאַרשלאָסן האַרץ זאָגט:
— אין רשות פון דיין נחמה,
וועל איך קענען מיין צער אויסגיסן,
וואָס האָט זיך וואַנדערנדיק איבער בערג און טאָלן,
אין מיין נפש געטאָן אַריינגרווילן.

איך זוך דעם זיווג,
וועלכן כביכול האָט פאַר מיר אין דער וועלט באַשאַפן.
אויב דו ביסט די באַשערטע,
אַ הייליקע אויך אָפגענאַרטע,
טו איך האָפן:
וועסט נישט דערווידערן פאַר דיר
מיין שרעק אויסצופלווידערן.

זיי ניט מבטל מיינע רייד,
לאָז אַריין מיך, מידן אורח פון ווייט,
אין דיין גבול געפינען אַ רפואה צו מיין זעל.
נאָר טאָמער בין איך זיך טועה —
טרייב מיך אַוועק צום געוואָגל צוריק,
פאַררינגל די לאָדן און טירן הינטער מיר.
איך וועל אָפּקערן, זיך דערשלעפן,
צו אַ הויך־גראָזיק ווילגאָטנע אָרט,
ווו אַקעראייזן האָט נישט דערגרייכט,
און וואַרטן אויפן סוף,
פון מזל אָנגעצייכנט.

ס'איז נאָענט די צייט

די וואָס האָבן לאַנד געחרובט,
קנאה־שׂנאה אָנגעהעצט, אַטאָם־וואָלקנס צעבליצט;
און די טמא שתי־וערב־לייט —
קרייץ־ריטער פון „הייליקער שלאַכט",
יעזויִטן אין צאָרן צעגליטן,
קאַרדינאַלן, מכפּרנדיקע פון קין־זינד,
ראַדיקאַלן מיט פאַלשע מאמרים,
כזב־דיבורים און גרווילמאַכט,
מדוחים, מיט בלוטיקע הענט
האָבנדיק אמתדיקע מדריכים פאַרלענדט,
אַלע וועלן ווערן גערופן צום פּמליה של מעלה,
און פאַר צעשטערט לעבן אויף דר'ערד,
חשבון אָפּגעבן.

כ'שטיי מיט אומפאַרשלעפערט האַרץ,
פיבערדיק פאַרפלאָנטערט,
אַקעגן שקיעת החמה,
קוק צוריק אויף מהומה־טעג, אין אימה פאַרגאַנגען.
אַ לאַנגן וועג דורכגעשלייכט, חלומות געוועבט,
אין אַסטראַל־הייכן געשוועבט.
וואָס דערגרייכט, ביים עק־ברעג?
פינצטער־שחור, דורכגעברענטע הבל־לעכער.

פאַר מיר זעצט זיך די זון.
ס'ווינקט אָבער אָן זינקשיין מיט פייער־סיגנאַל:
ס'איז קרוב די צייט פאַר חרב־מחבל, צלם־לייט
און אַנדערע דאָרט מיט שקר־וואָרט —

אַלע מיט בלוטיקע הענט, וועלן מוזן צום משיח-רעוואָלט,
פֿאַר צעשטערטן לעבן, דין-וחשבון אָפּגעבן.
גרויל-פּייערן אין לאַבירינט-מויל
זענען מיט אַ טשאַד צעברענט.
ס'שלאָגט אויף אַ פלאַם-פלוך-שטראָף,
פֿאַר ווערעמדיקע נשמה און גוף
פון ברואים רשעים,
צעיאַטערנדיק מיט חמה,
אדמה-ווונד.

פאַר וואָס, האַר?

פון ציקל ר׳ איציקל בעל־מגיה

פאַר וואָס, האַר, ווער איך נישט שטום?
דערשטיק כריפּ פון צעקרעלט קול אין מיין קעל.
לעגער אַפּ בייז־שאַרפּע צונג פון מיר —
ז׳טוט מיט סם טריפן, גרוילט, שעלט.
מאַך מיך שיפּען, ווי אַ שלאַנג,
צי אַרומלויפן — אַ היה־רעה אויפן עולם־התוהו —
מיט אַ לייבן־ברום.

אַ קללה איז אין מיר איינגעריסן:
נשמה, פון זשאַווער צעפרעסן,
געגאַליקט לשון ברענט,
צעפלאַקערטע זינד — ניט אויסצולעשן.
שטן־פלוך אין אַרויסדעך, פאַרזאָטן אין די בלוטן,
קומט מיט אַ געבריל פון מויל,
און אַ פאַרפינצטערטן אויסשפּרוך.

ניכיי וואָלסטו מיך מיט שאַקאַל־געוואָי באַשאַפן.
ווי זיך אַהין טאָן?
ס׳עפנט זיך נישט גרוב צום פאַרזינק.
וואַרפסט אַפּ צאַפּל און כליפּ.
ביסט ממשיך די הרי־חושך אין גאַנג.
ווי לאַנג אַרומקריכן נע־ונד ווי אַ שד?
זיין פאַרבריט מיט שרעקן,
געוואַלט אין זיך דערשטיקן?

וואָלט איך געקענט מיטן שם-הויה אויפברענגען
פון שאול-התחתון די מיליאָנען אויסגעשאָכטן,
פורכטיק פרום אויסגעגאַנגען —
אויף שקיעה-שליאַך צו די הימלען טרייבן,
מרירדיש צערעוועט מיט קלאָגן,
פאַרן כסא-הכבוד דורכיאָגן.
זאָל געהילך פון אַרויסגעדונערטן פייערוויך
דיין געהער פאַרטייבן.

בין איך נישט געבוירן
מיט אַזאַ הימלישן כוח.
אַ רוח איז אין מיר איינגעפרוירן,
צעצונדן איז מוח.

אין שואה דאָ,
צו פאַרריכטן אַ ספר-אות,
איז נישטאָ,
ס'מדרש-הויז — אַ שממה,
שטאַל פאַר כאַמול-בהמה,
אַ טומאה-תיפלה פאַרן יויז,
שפין- און גריל-נעסט,
נאָרע פאַר מויז און שטשור.

איך, איש עפר,
אַ חוני-המעגל אין געוואָגל,
שטיי אויף אַ בית-הקברות
פאַר מצבה-שטיין פון אַ כרת.

ס'פאַלט די שקיעה־שיין.
מיט פאַרזשמורעטער ראיה איך לייען
אַ מגילה — פייער־טראַף־כתב —
ניט וועגן דער גאולה,
צי אַ תפילה־געזעגנג
צו זון־אונטערגאַנג.
ס'אַ אחד־געוויין צום שם־המיוחד.
אַ מרידה־געוואַלט צעבליצט,
אין גראַניט איינגעקריצט.

האַר!
שפּיזלסט מיך מיט די לעצטע שמש־שטראַלן.
צעמאָזלסט מיך מיט צעפלאַמטן פיבער,
אויף תוהו־וועגן צו פלאָגן.
ערגער — טיפעניש אין זיך אויסצוגראָבן,
מיט אַנגסטן זיך באַשלאָגן.

לאָזסט מיך ניט, אַן אומפאַרפרומטן,
אין תהום־פלאַם
פון כף הקלע פאַלן.

איבער די ליפּן שוימט
אַ חיתוך־הדבור
מיט אַ שטורץ אַרויסגעברומט.
טרעטנדיק אויף קברים,
איז ס'ווײ־ווינדיקע אַש
פון צעפלאַקערט הארץ —

איבערגעבערענטער צער
פון אַ צעדולטן
צו וואָגל פאַרשאָלטן.

שחרית־תפילה

כ׳בין פון הויז אַרוים
צום פרימאָרגן־גלי.
ס׳האָט רוישיקער ים גערופן,
מיטן רוח־אלוהים צעשוועבט איבער אים.

כ׳האָב דאָרט די הענט צעשפרייט
מיט צעפלאַמטער נשמה.
מיך, דעם זעיר־אַנפּין,
האָט געגלוסטביים צעשיין,
מיט יראה־געבעט צו די הייכן אויפגיין.

אַ טונקל וואָלקנדל האָט דורכגעצויגן,
אַ רגע פּגע געוועזן די זון —
איר כבוד פאַרפלעקט.
מעוועס זיבן, פרום צעוועקט,
מיט שרעק פון ברעג אויפגעטריבן,
זענען קוויטשעדיק, צעפליגלט,
צום אויפטאָגן געפלויגן —
דעם צעפלאַמטן האָריזאָנט
אַריבערצויאָגן.

קעגן אוקינוס —
אַ צעבושעוועטער מיט ברויזיקן שטראָם־שוים,
נצחדיקער אומרו —
בין איך געשטאַנען אין כאור־שעה,
מיט צעדאַוונטע רעיונות,
פאַר אדוני־אַדוישעם.

זעל צעתפילהט,
פאַרכוואַליעט מיט הייליק פאָרכטן,
ס׳האַרץ מיט תענוג איבערפולט —
האָב איך אַריינגעאימאַזשט זיך אין רוים,
ביים צעפלאַקערטן הימל-זוים,
אין כל-עולם-חלום;
געוואָרן אַריינגעזריחהט
אין געבלענד פון שם-המיוחד,
איינגעטבעט אין אַלגעשטאַלט,
צעשפּרייט אין צייט פון אומענדלעכקייט.

בעת קאַיאָריקן אויפשיין
בין איך אַוועק צום ים
תפילה טאָן.
זיך געפילט,
אין אַ וואָלקנדיקער קדושה איינגעהילט,
אויפגיין אין תחינה
צו זריחת השכינה —
אין זון, לויטער-שייטער,
ווונדער פון גאָט,
וואָס האָט האָריזאָנט און ים
מיט פּורפּורפלאַם צעברענט.

איבערן טאָג
איינזאַפּן זיך מיטן אוניווערסאַלן פּיין,
און ביים מערב-ברעג,

בשעת חמהדיקן פֿאַרגייען,
אין די שקיעה־שטראַלן זיך איינצערן.

איידער ס׳צעפֿינקלען זיך די שטערן,
ס׳ווערט נאַכט
און ס׳וואָלקנט אָן אַ פֿינצטערניש.

באַגלייט מיך מיטן בליק

פון די פּאַשאָנאַדן

באַגלייט מיך מיטן בליק
אַריבער איינגעשאָטנטער שקיעה־בריק.
זאָל דער אויג־לאַשטש־בלישטש,
אין מיין פאַרגלייזטער ראיה
זיין אַ שימער־פינקל
ביים וואַקלענדיקן פאַרזינק־גאַנג,
צו יענער זייט חושך־נאַכט.

דיין צניעותדיקער חן און פלאַם־ברי,
אַרויסגעהעלט פון גוף —
אין מאַרך, מיט אייביק־שלאָף פאַרזשאַווערט,
ווערן איינגעגליווערט —
מורנאַ־לי!

אַז ס׳איז פאַראַן אַזאַ שפּעט געבעט,
סוף־שעה,
מיט חושים נאָך צעוואַכט —
וועט עס ניט זיין אַ מחילה־תפילה,
אַ חרטה
אויף פאַרגאַנגענע זינד,
נאָר אַ יראה־וווּנטש:
— דער בלענד פון דיינע אויגן.
צום לעצט צוגעוווּנקען —
אַ שמץ ליכט אין מיין מראה
מיט נעפּל פאַרצויגן,

ווי אַ שכינה־מתנה —
מורנאַ־לי!

אויב ניט אַ גלימצער פון אוראָראַ באַהאָרעלים —
זאָל כאַטש דיין זע־גלי
פאַרפרירן אין מוח פון געהירן,
אים איבערצוחלומען,
ניט דאַרפן, אין שאול פאַרוואָרפן, נצחדיק גולמען,
אָן זיוו אין דער פינצטער.

דער באַגלייט פון דיין בליק, כ׳באַגער,
זאָל מיר זיין אַ לאַמטערן־שיין אויף דעמער־בריק —
וואַקלענדיקער אריבערגאַנג צו יענער זייט.

אין שחת, איינגעחושכט אין שימל,
פאַרהוכניעט פון רוחות,
טוען שטערן נישט אויפבלישטשען —
מורנאַ לי!

כ'שטיי ביי נאַכט אַליין

כ'שטיי ביי נאַכט, אַליין
ביים ברעג פון ים
אַ קעגן לבנה־שיין,
צעפינקלטע שטערן,
און טראַכט:
פאַר וואָס האָט דער אומרו
אין שפּעטער שעה
מיך אַהערגעבראַכט?

כוואַליע־רויש, ווינטל־פלויש, ביימער־שורש,
טבע־תפילה הערן;
צום הימל צעלויכטן,
חצות אָפּריכטן?

וואָלט איך פאַרמאָגט
דעם רעיון־בליץ פון בעל־שם,
במחשבה באַנעמען, אין זיך אריינאַימהן,
די מעשׂה־מרכבה
און התלהבותדיק,
מיט ברען, אַ דאַוון טאָן.
חידות אַנטפּלעקן,
אין די סודות־אלוהים אַריינבליקן,
דמיון־באַגריפן שאַרפער אויסשלייפן,
מוחדיק צו פאַרשטיין,
ס'געבוירן ווערן און פאַרלוירן גיין.

וואָלט איך געהאַט
דעם נשמה־פלאַם פון בעל־שם —
געגאַנגען טבילה אין ים,
מצרף געווען דעם גוף;
מיט אויגן פאַרטרערט
האָבן געשעפּטשעט אַ תּפילה,
אַרויסצורופן די גאולה,
דורך שכינה־זריחה אויפריכטן די מערכה,
פון פאַרשאָלטענער ערד:
אַ זעלטענע, אַ צעגלוטיקטע,
מיט ווערעם אָן אָנגעזעטיקטע.
וואָלט איך געהאַט דעם בטחון אין זיך טיף,
אין ביאת המשיח,
און מיט קבלה־סוד
דערנענטערן די געהיימנישן פון גאָט,
מיט הייליקן זיך און פורכטן,
זיינע דרכים פאַרשטיין —
בעתן דורכגיין דעם עולם־התחתון...

ווער וועקט דאָס מיך אויף פון שלאָף
אין שפּעטער שעה ביי נאַכט,
טרייבט מיך צום אָקעאַן
ווען קיינער איז נישטאָ?

ס'ציט צו שטערן, לבנה —
דעם ים־רויש הערן.

עפּעס אַן אומרו אין מיר
טראָגט מיך אויף בײַ נאַכט
און יאָגט מיך צום ים־ברעג.

כ׳קוק זיך אײַן אין הימל-ליכט.
שפּין אַרײַן מײַן אַרויסגעאָדמטע,
צעפּעדעמטע, עגמת-נפשדיקע לייד,
אין די אַסטראַלן צעשימערטע,
מיליאָנען מײַלן ווײַט.

אַזאַ באַגער
נשמהדיק פֿאַרקלעמט:
אויף כל עוונות, בײַם אוקינוס,
אַרויסצופֿינקלען אַ געלײַטערטע טרער.

כ׳האָב אַרויסגעלאָזט זיך אויפֿן ים

פֿון ציקל אינדיע—ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

כ׳האָב אין אַ פֿרי־באַגין
אָנגעצויגן דעם זעגל אויף מיין שיפֿל
און אַרויסגעלאָזט זיך אויפֿן ים,
אין געוואָגל אויף גאָטס באַראָט,
אַקעגן דער אויפֿטויכנדיקער זון —
כדי צושווימען אַ קאַיאָר צום ברעג
פֿון דיין שטאָט,
ווּ דו טוסט אויף מיר זיך ריכטן,
אין דיין קרישטאָל־פּאַלאַץ,
מיטן אויפֿשלאָג פֿון טאָג באַלויכטן —
שאַקונדראַ!

כ׳בין אַרוים אין אַ ווייטן מהלך,
אויפֿן ברייטן וואַסערשליאַך
האָבנדיק בטחון פֿון אַן עופּל־קינד
אין מיין וויגשיפֿל,
מיט פֿליגל־אויפֿצוג געטריבן פֿון ווינט.
כ׳בין געווען זיכער:
כ׳וועל אין מיין זוכן
דערגרייכן דעם באָרט פֿון לאַנד,
ווּ בריליאַנטיק בליסקענדיק־צעשוימט
זענען די ימיקע ברעגן.
ס׳גרינען גראָזן, בליִען רויזן,
איבער וועגן זון־גין־גאָלדיק באַשטויבט.
די בעטלער מיט שפּע־טאָרבעס פֿול אָנגעזשויבט,
זענען באַרייט מיר ווייזן גיין

צום מירמל־פּאַלאַץ,
ווּ די פּאַן אויפן טורעם־שפּיץ פלאַטערט פאַר מיר,
און דו, אין אַ קימאָנע־קלייד, וואַרטסט ביי דער טיר —
שאַקונדראַ !

כ׳האָב ביי גורלות זיך נאָכגעפרעגט ביי נאַכט,
געדרודערט אין פאַרוים.
ס׳איז דער שחר אַ פאַרפּיר־ליכט,
געווען מיר פאַר טאָג.
כ׳פלעג ווי אַ גולם אַ מאָל ווערן,
אין אַ דרימל־חלום
פון זון־שטראַלן פאַרשפּינט.
ס׳שיפל אָן ווינט פון אָרט ניט גערירט,
ביזן אויפלויכט פון שטערן.
נאָר אין לבנה־בליאַסק,
אויף ים זילבערדיק צעשפּיגלט,
ווידער געזעגלט,
איין־אוים אָן ענד רודער געפירט,
צייט פאַרשוועגדט בלאָנדזשענדיק אין וועג.
ס׳האָט ס׳מזל מיך געווייכט,
כ׳האָב דעם ברעג ניט דערגרייכט —
שאַקונדראַ !

אָן אַ זייגער און אָן אַ קאָמפּאַס,
אין אַ טרוים־געשווים,
איז געווען מיר באַשערט,
צו זיין פון דער השגחה געפירט.
פאַרוים איז דער זוניקער אויפגאַנג,

פון הינטן — איר בין השמשותדיקער פאַרזינק,
מיראַזשן האָבן געבלענדט,
די צייט פאַרשווינדלט —
שאַקונדראַ!

אַז כ׳האָב פאַרחלומט איינגעדרימלט
אין אַ פאַרפריִענדיקן שלאָף,
האָט די אַראַראַ אירע צעבעזעמטע שטראַלן
אַראָפּגעשיקט, מיך דורכגעוועקט.
אין ליכט־צעהימלטע נעכט, זענען פונקען צעבליצטע
פון שטערן אָפּגעשנויצטע, אין אַ תהום פאַרפאַלן,
ניט אויסצופּלוידערן מיין מזל —
שאַקונדראַ!

פרעג ניט, וויפל מעת־לעתן
האָבן פון חשבות זיך אַרויסגעריסן,
פאַר מיינע אויגן זיך אַרויסגעבוירן און פאַרלוירן?
ס׳האָט מיך געטראָגן דער בלינדער ווינט,
גענענטערט צו דיין לאַנד,
ווו ביים אויפשטיין און שלאָפן גיין, דו וואַרטסט;
פרעג ניט, וויפל יאָר זענען פאַרלאָפן,
די ערפלען דורכצושיפלען,
וויפל מאָל ס׳האָט געצונדן זיך ס׳קאַיאַר־ליכט,
זיך אויסגעלאָשן,
וויפל נעכט ס׳האָבן זיך איינגעאָפּלט
אין וואַסער־שוים ניט צו זיין אַן אייל פאַרוים?

פרעג ניט, וויפל מאָל ים־מיידן,
אין אַ לבנה־שימער־טאַנץ,
האָבן געמאַניעט —
אין אַקוואַ־געבלענד אַריינצושפּרינגען,
מיט זיי זיך אויסצובאָדן?

צייטן האָבן זיך געביטן,
איידער כ׳האָב דערגרייכט דיין ברעג,
ס׳האָט מיין שיפל זיך צעלעכצט און אָנגעהויבן זינקען.
האָב איך געפּאַר־פונקען אַרויפגעשיקט,
האָט אַ שטאָלפויגל מיין זעגל נאָכגעשפּירט,
מיט שטריק מיך אַרויפגעצויגן,
און במקום צו דיר — מיך אַלטן נאַר,
צוריק אין מיין היים געפירט,
דורך וואַלדיקע זומפּן.
מ׳האָט מיך געלייגט אין בעט מיד,
מיט אַ פיבער צעפלעמלט,
אין חלום־וואָלקנס איינגעדרעמלט —
שאַקונדראַ!

אויף שיפס רוף

איך, דער שכן פון אָקעאַן,
בין אַרויס פון הויז אין מיטן נאַכט,
אין האַנט אַ ראַקעט־ליכט,
אַ וואָרן־צייכן אין טומאַן —
צו שיף מיט געפּאַר־האָרן־רוף,
אַן איינגעבלאָנדזשעטע אין פאַרנעפּלטן ים,
רודערנדיק זיך אַ וועג אין געשווים,
אויף צעוויגטע כוואַליעס.

עפּעס איז אין געפּייף אַצינד
איינגעאימהט אַ קלאָג־שרעק,
וואָס האָט מיך אויפגעטורעט פון שלאָף,
געטראָגן צום שטורמישן וואַסער־רויש.

איצט בין איך אַליין,
ווי דו, איינגעבראָדזשעט,
געפין ניט אין דרויסן די גאַסן,
וואָס פירן אַהיים צוריק,
געקומען צום ים מיט וועלן אָנגעשוואָלן,
דיר סיגנאַלירן,
זיך אָפּצושטעלן ביים אינדזל־ברעג „סענדי־הוק״.

איך, ווי דו, מיט טרובע טריב צעשאַלט,
בין עלנט איינגעהילט
אין אַ נעבולאַ־פּאַליע,
טאַפּ די בלינדקייט פאַר די אויגן,

פייכטע מאַטקייט פון ים אָנגעצויגן;
בלאָנקע אַרום
ניט ווייט פון דער היים,
אין געדיכט אָנגעכמורעטער נאַכט.

דער משפט

פון ציקל ר׳ איציקל בעל־מגיה

אַז עולה זיין כ׳וועל, מיט זיין רצון, אַהין,
נאָך חיבוט־הקבר —
מסתמא שטעלן וועט מען מיך, דעם בעל־דבר,
פאַרן פמליא של מעלה.
מיט הימל־קרעכץ וועט מען איבערקוקן מיין גוטס
און שלעכטס,
אָפּבינדן פון שלייף־שטריקל אַרום די לענדן,
ס׳בידנע תרי״ג־זעקל,
אַרויספאַלן וועט פון צעלעכערטער טאָרבע
מצווה־צוויטן, קליינינקייטן,
וואָס איז אין פנקס ניט פאַרשריבן.
און מיט כביכולס ווילן
אַרויסלייגן מ׳וועט אויף רחמימדיקער וואָגשאָל,
מיין אָרעם פאַרמעג:
ס׳כזית ברויט, איבערגעבליבן,
טלית און תפילין, סידור, תהלים און שוואַרבע,
אַ זשמענקעלע זאַלץ, ס׳טאַבאַק־שקעטעלע פון האָלץ,
אַ געגנדזענע פעדער, סופרישע טינט,
במחשבה די תקווה אויף לעתיד לבוא.

אויב ס׳וועט די חטאים ניט איבערוועגן,
וועל איך איציק בן ר׳ חיים־דוד,
דער בעל־מגיה,
זיך האָבן אָוועקגעשטעלט פאַרן כסא־הכבוד,
אויפוויקלען פאַרן אָדון־שמיאַ די יריעות פון דער תורה,
און פרעגן:

מילא איך,
האָב אין ירידה,
אויף קרומע וועגן געשפרייזט,
אין הייליקע געבאָטן געגרייזט,
קומט ביז בלוטשפריץ פלאַמיקע שמיץ
מיר אָנצונעמען באהבה.
נאָר פאַר וואָס לייגט מען ניט צו „שמד",
און ערגערס נאָך,
וואָס איך, האָב פאַרטיפט אין הייליקער שריפט,
געפונען?
אין וואָרט שמה
אַז ס׳פעלט ס׳הינק-פיסל מאת לעצטן אות,
פון שדי,
איז די יוד אָפּגעשפּרונגען —
ווי לייענט מען דאָס?

שדים אין די טויערן,
מיט ווינטווילד געבייזער,
האָבן פייער־צונגען אַרויסגעשטעקט,
אַ פחד אין מיר פאַרפרוירן.
כ׳האָב שמות אַרויסגעזאָגט,
בנפש-ברען מצרף-גוף געווען,
מיט פינצטער אויג פון פאַרטרערטער ראיה,
ביי אַ קאַניץ-ליכט
אין אַראָפּבויג
איבער דער יריעה,
די אותיות פאַרריכט.

איצט, דאָ אויבן,
נאָכן וויסטן אָפּלעבן,
געביסן פון צווייפל-שלאַנגען,
ביטערדיק דערשלאָגן ווילט זיך פרעגן:
נאָך דעם רויטן פאַרפלייץ,
במקום אַ פּרי על העץ,
געזען כ׳האָב קינדער אויף ביימער הענגען,
געהערט דעם אשמדאי לאַכן:
איציק,
וואָס פאַראַ ברכה דאַרף מען איבער זיי מאַכן?

וויים, בורא-עולם!
דער שׂטנישער שטאָך, שפּאָט און לאָך,
הירזשענדיק צעשׂרילט,
אויפן בייז פון נעכטן,
איז אַ געוואַלדיקער גרייז,
ניט צו פאַרריכטן;
אַ פלוך,
צעטראָגן איבער דער בראשיתדיקער וועלט.

שׂר השמים!
אויף איין צד משקול-שאָל,
לאָז לייגן
מיינע עוונות, ביטערע טענות;
אויף אַנדערער זייט כף-המאזנים —
דיין גרויליק-וויסטע קללהקע חשכה-רציחה.

וואָס וועט איבערוועגן?

פאָלג מיין עצה

פאָלג מיין עצה:
ביי נאַכט שטאָקבלינד צינד אָן פאַקל;
טראָג אַרוים שטאַלטנע שטאָלץ,
בעת ס׳בילן די כלבים,
אין אַ רוקזאַק אויף פּלייצע
דיינע כתבים;
וויג זיך אַריבער מיט פאַרטרערטן בליק
די וואַקלבריק;
ביים באַרגאָפּרים,
אונטער דעם פאַרלאָזענעם שייער,
שלאָג אויף אַ פייער פון איינגעטריקנט האָלץ,
וואָס געפינסט.
ווער איינגעהילט אין רויך,
ווי אַ געשפענסט,
מיט פיינלעכע יסורים,
וועגן די פאַרקלעקטע,
צעפליקטע ספרים,
וואָס דו ברענסט.

זאָל אויפגיין וואָלקנדיק שוואַרץ,
וויי-ווינד
פון פאַרשוואָלן איינגעפאַלן האַרץ,
אַ גאַל-ביטערניש,
אין אַ פלאַקער-קרבן,
צער אויף פּאַפּיר,
איינגעפּענט מיט אָדער-טינט,
וועגן שואהדיקן חורבן;

גים אָן אַ כוס פון לאָגל־פלאַש
מיט יי״ש
און זשלאָקע אוים.

פון אינער־פלאַקער שיכור,
זעסטו איינגעמיאוסט,
דעם יאַריד פון פיטן־ליד:
די טראַף־סטראָף־געזאַנגען
זענען אין ווידער־קולות,
ווי תהילים־תפילות,
גסיסהדיק אויפגעגאַנגען.

די פּאָעטן מיט זשאַווערוואַרג,
פון פּאַרנאַסוס־באַרג, אָנגעריטן אויף אייזלען,
שטעלן אַרויס פון אונטער די תכריכים,
מיט צעשפּרייטע גלות־פּאָלעס,
דעם עם־גולם בית־עולם־פייגן.
שפּאָטן,
קושן אייגענעם שאָטן,
קרעכצן, יאָכצן, זיפצן,
מיט שימלוואָרט אויף איין אָרט טאָפּטשען,
קוויקן זיך מיט חלשות־טראָפּן,
דעם שוויים פון פּרצוף ווישן.

טראָג אַרויס פון חורבה־הויז דעם סאַקווע־זאַק,
הוידע זיך אַריבער די וואַקל־בריק,
מיט דיינע ווערק,

צום אָפּרים פון באַרג, אין וואַלד.
אונטער פאַרלאָזענעם שייער,
שלאָג אויף אַ פייער,
היל איין גוף אין רויך,
ווער אַ געשפּענסט,
ניט צו ווייזן, ווי קאַלט
דו ברענסט ספרים, שירים,
כאור הבוקר, נאָך מיט שקר ניט פאַרדאָרבן —
אַ פלאַמיקן קרבן,
צום רוח מיט סטרא־אחרא־כּוח,
צו זעטיקן זיין לוסט —
אויסזייגנדיק דעם סם,
פון פלאַקער־פלאַם.

דער פּרוש

דעם פּרוש אין קלויז,
פון חלום־שלאָף אויפגעריסן,
האָט אויסגעדאַכט:
געהערט שופר־בלאָז, אחרית־הימים־רוף.
מיט אַ שפּרונג, פון באַנק־געלעגער אויפגעטראָגן,
ביים וואַסער־כּיור נעגל אָפּגעגאָסן,
זיך שנעל פאַרגאַרטלט,
עפּעס שטיל אַרויסגעוווערטלט,
געכאַפּט טאָרבע, שטעקן,
אין גאַס פול זינד,
נאָך מיט אפלה בלינד,
אַרוים עולם וועקן,
די גאולה אָנצוזאָגן.

ס׳שטורעמט דער ווינט;
לילית־סוטה און איר כּיתה
מיט טייפון־פייפן,
פאַרוויכערן דעם וועג,
מאָנסטערן שרעק אָנפינצטערן.
ס׳וויל סטרא־אחרא־שד מיט טאָרנאַד־געשרייען
עת־רצון פאַרווייען.

ביים פּרוש נע־ונד טוט האַרץ פאַרפרירן,
לשון אָפּנעמען.
וואָלט ער געוווסט דעם סוד,
ווי אין ספרים פאַרשריבן —
צו אשמדאי־תהומות ר׳וואָלט די שפילות פאַרטריבן.

איז אָבער אויף לעפצן, פון אייביק זיפצן
שם המפורש פאַרגליווערט.
גייט דער פרוש מיט מוטנע בליק
צו דער קלויז צוריק,
דערפילט אין זיך צער,
און אַקעגן ליכט אויף עמוד צעקאָפּטשעט,
ביקנדיק יראהדיק פאַרן ארון-קודש,
שעפּטשעט ער שטיל:
שויתי אַדוישעם לנגדי תמיד.

ווי די בין

פון ציקל אינדיע—ניו־יארק (נאָך טאַגאָר)

ווי די בין,
אַ צעוועקטע פאַר טאָג,
מיט איר פריַיִקן געזשום,
פלאַטערט און ציטערט אַריין
אַ חיות־סוד
אין בלום,
באַפרוכפּערט מיט אַ זומען־שטויב,
איר פּאַשאָנדיקע שוים
און זייגט די זיסקייט אויס;
ווי רויז און מימאָז צעפלאַקערט,
מיט ריח וואָס שיכורט,
לאָקט די האָניק־שאַפערין,
קאַיאָר צו איר נעקטאַר,
דורשט צו לעשן —
אַזוי דו, כישופסט מיך צו זיך,
דעם רייץ
פון אויפזאָט אין דיין בלוט,
אויסצוקושן.

ס׳שרייען, וועקן, בריִען,
צעצינדענע חשקן,
צעהייצן אַ געגאַר
צום אָריענט־שהרדיקן קאַיאָר —
פון פינצטערניש אַוועקפליִען.

מיין אַהבה און נשמהדיקע תאווה
מיך צעפּלאַטערט
ביי די הייסע וואַסערפֿאַלן;
ווי אָפּגערעדט —
דיך געפֿינען,
מיט לאַשטש און גלעט
פֿון בלישטש-שטראַלן,
ראָזעט-חלומות
פֿאַר דיר שפּינען —
שאַקונדראַ!

אין דער שקיעה ביים ים

אָקעאַן פאַר נאַכט,
פאַרשווענקט ס׳שקיעה־ליכט.
אָדם־געשטאַלטן וואָלקנדיק אין רוים,
ציִען אָן פון אַנדערע וועלטן, טרויעריק־פאַרבענקטע,
אין חלומות איינגעזינקטע,
ביים מערב־זוים, בתוך רויטן טומאַן —
ס׳אָבלען אין פייערדיקס אָפּצוטובלען.
זיי פאַלן אין שיין פון וואַסער אַריין,
פאַרשאָלטענע, ווי אַ רויך אין דער הייך, צעקריכן,
קומען אום.

כ׳זיץ אויף צוגעשווימענעם קלאָץ.
אור־אָבות־אומרו
בשעת בין־השמשות־שעה
האַט אין מיינע מחשבות זיך פאַרקליבן.

אַ ווינטל בוים־בלעטער צעזשווזשעט,
אין דורכיאָגן — אַ מנהה־סוד אָנצוזאָגן.
כ׳דערפיל אַ נשמה־פלאַטער,
כ׳ווער איינגעטרוימט אין זעגל ווייט,
פון ערגעץ פאַרזוימט,
שווימענדיק צום פורפור־ראַנד,
אַריבער דעם פלאַקער־האָריזאָנט.
וואַס וועט עס געפינען
אין יענער זייט,
ווּ הבל איז אין אייביקייט צערונען?

אַ פֿייגעלע איז אָנגעפֿלויגן,
אַ דזשאַב געטאָן אין זאַמד,
און מיט אַ פֿישטש אַוועקגעצויגן.

ס׳פֿאַרפֿייכטלט זיך מיין בליק אין אויג:
וואָס טוט דאָ אַ זשומענדיקע פֿליג,
ווײַנט מיר אין אויער אַריין?

ס׳ווערט אומהיימלעך ס׳זיצן.
ס׳וועקט זיך די וואַסער־מאַכט,
פֿעלדזן צו פֿאַרפֿלייצן.
וועלן שוימען, זיך צע׳ים׳ען.
ס׳טוט ווייט ס׳פֿורפֿורדיק זיך לעשן.
ס׳טונקלט אָן די נאַכט.

האַסאַף דער פילאָסאָף

האַסאַף, מיין שכן, דער מרמר און הימל-שווערמער,
אַ זוכער אין די הייליקע ביכער —
צו דערגרייכן די סעלעסטישע הויכן,
האָט מיט אַ האַנט-ציטער, אין שעה-שפּעטער
דאָס ספר פאַרמאַכט,
פאַרמרהשחורהט אויפגעטורעט,
איז ער אין אַן איינהיל-שאַל,
אַרויס פון זיין געצעלט אין טאָל,
מיט האַרץ צעפלאַטערט,
געקלעטערט
אויפן ראַראַרק-באַרג אין אַ צעפינקלטער נאַכט,
צו ווערן,
במחשבה אויף געהיימע וועגן פון די שטערן —
אין די ספירות פאַרטראָגן,
סודות הבורא צו אַנטפּלעקן;
ספיקות און סתירות, וואָס מאַרך דערדריקן,
נשמה ביטערן;
די סטרא-אחרא וואַנזין-שפּין,
פון מוח מיטן רעיונדיקן טריבגעוועב —
אַרויספּטרן.

דער בעל-חלום,
מיט זיין שווייגן און רוקן געבויגן,
איז אַרויס, מיט שפּאַקטיוו אין האַנט,
אין כל-עולם זיך איינצוקוקן,
פון ערד-זינד זיך דערווייטערן,

דעם שטן-שאַלטער איבער זיין עלטער,
וואָס מוטשעט און דערקוטשעט, פאַריאָגן.

טאָג און נאַכט ביי אַ חלב-ליכט
זיצט ער מיט פאַרטרערטע אויגן,
איבער פאַרשטויבטע ספרים איינגעבויגן,
זיך גריבלט, טיפט,
טוט אָפט די חכמים באַפרעגן,
אויף זייער קלוגשאַפט קריגן.

האַסאַף, דער פילאָסאָף,
מיין שכן, פליִער אין די הייכן,
איז אַרוים צעטומלט-פאַרטראַכט
פון זיין געצעלט אין טאָל,
אין אַן אויסגעשטערנטער נאַכט,
איינגעהילט אין אַ שאַל,
געלאָזט זיך באָרוועס,
איבערן טויִקן גראָז,
געקלעטערט אויפן ראָראָרק-באַרג
צו פאָרשן די גופים-שׂרפים,
אין זייערע אָרביט-מאַרשן,
טיף און ווייט אין דער בלאָקייט איינגעהימלט.

ער איז אַוועק זוכן
די שפורן פון באַגינען
איינצודרינגען זיין בליק,
אין קאָסמישן טרוים,

זיך מתקן צו זיין אין רקיעדיקער הייך,
איבערלאָזן נאָך זיך,
אַ מאורה,
פון דער נשמה־יתירה,
צו די, וואָס אין די הייכן פליִען
במחשבה איבער דרך הטבע —
סוד צו דערגרייכן.

ער איז אַוועק מיט נאַכט,
און געקומען פאַר טאָג צוריק —
די אויגן צו דער ערד געבויגן,
מיט אימהדיקע זאָרגן,
איינגעיִאַשטשערט אין די געדאַנקען.
איך האָב אים נאָכגעקוקט,
ר'האָט זיך אָן אַ זייט ביים פלויט פאַרדרייט,
און מיר קיין גוט־מאָרגן ניט געזאָגט...

ווען דער ערשטער מזרח־שטראַל

פון ציקל אינדיע—ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

ווען דער ערשטער מזרח־שטראַל
גוגט און טאָגט אַריין קאַיאַר
דורך די פענצטער־שויבן,
ווערט האָדל, מיין דינסטמיידל, אויפגעטריבן
פון איר שלאָף.
מיט צעשויבערטע האָר,
פאַרשלאָפענעם בליק,
וואַרפט זי אויף זיך אַ קליידל,
כאַפּט אַ קערבל, און איילט אַוועק
איבערן וואַלד־געווילד — שוועמלעך קלויבן.

עפּעס איז דאָ אַזאַ מאַכט אין באַגינענדיקן ליכט,
וואָס טורקעט זי אויף,
צו זען אין אויפזודראַך,
נעפּלען אַרויפציִען צו דער הייך,
שפּיץ־ביימער זיך קופּערדיק צעגליִען,
אין פעלד צעפינקלטן טוי,
ווי פייער־שפּריצן בליצן.

ס'איז דאָ אין איר אַ דיבוק
צום שאַריִען זיך צעשרייען,
הערן, ווי רוחות־עכאָס —
דעם צוריקשאַל פון איר ווידערקול.

זי פילט זיך ניט אַליין.
איר דאַכט: עמעץ וואַכט,

היט אירע באַרוועס־טריט
איבער אויסגעוואַקסענער זאַנג
מיט פאַרווילדיקטן גערשטן —
ניט צו ווערן אין די פערשטן
געביסן פון אַ באַהאַלטענער שלאַנג —
שאַקונדראַ !

מיין דינסטמיידל האָדל,
איז מיטן זון־אויפשלאָג אַוועק,
אָן זאָרג, זינגעוודיק אין געבערג.
ס׳געמיט פון דער מויד,
איר צעשפּילט בלוט,
ציט צום מאָרגנרויט.
זי ווערט פאַרשיכורט
פון אויפפייערדיקן ליכט,
אין טאָג אַריין צעפלאַקערט.

פון דעם דרינג־שיין דורך די שויבן,
ווערט זי פון געלעגער אויפגעטריבן,
כאַפּט אַ קערבל,
און גייט אויף בערגיגע הויכן, טאָליקע פלאַכן,
פונגוסן זוכן, איבער נאַכט פון ערד אַרויפגעטויכט,
צו מאַכן אַ מאָלצייט פאַר מיר, איר האַר,
דעם עובר־בטלדיקן גרייז,
וואָס דרימלט,
האַלב אין חלום איינגעשימלט —
שאַקונדראַ !

פרי ביים ים

פון צווישן ווענט פאַרדרענגט,
טראָגט עס מיך קאַיאַר,
צום טאָג-אויפקום ביים ים,
מיט אַ וויַיטן בלענדן אָנגעצונדן.

די כוואַליעס — גרויסע, וויַיסע, מיט רויש-קולות —
אין די פריִען,
שפּייען אוים אויפן ברעג,
קריכנדיקע שרצים,
שפּייז פאַרן וואַסער-פויגל,
וואָס אָדלערט אָן מיט צעשפּרייטע פליגל,
שנאָבלט און פאַרשלינגט,
לאָזט ביים אָנבייסן מיר וויסן:
— קווי! קווי! קווי! —
כ'האָב געפעדערט זיך צו פרי.
ער טוט די קריליקעס אַ צעשטרעק,
אַ צעפּאָך גיך און אַ פלי אַוועק —
ליַיכט, פריַי, מיט אַ נאָכגעשריַי.

אַ זעגל פון הימל-שפּיגל און וואַסערשוים,
שטעפּט צונויף אַ זוים ביים ראַנד —
אַ פּאַסמע רויט צעברענט.

איך דערפיל זיך אַזוי געגרינגט,
ווי אַ פעדערל אין ווינט;
כ'בין פאַרטאָן אין אַ תפילה,
און דאָס האַרץ

װערט צעװאַקסן גרױס —
טיאָכקענדיק,
באָכקענדיק,
און צעשפּרינגט
פֿון גאַטס װוּנדער.

נאָכן צעווערק

פון ציקל אינדיע—ניו־יאָרק (נאָך טאָגאָר)

פּאָר טאָג,
בין איך אַרום אַליין צום וואַסערריז,
דעם אָקעאַן אין אָנפלוס־צייט,
צערייצט, צעזידט, אויפגעשוימט,
מיט וועלן אָנגעשוואָלן,
פון לבנה־קראַפט אויפגעהויפט —
שאַקונדראַ!

כ׳בין אַרום מיטן זיידע־שטעקן,
אין דער ציטערנדיקער האַנט.
די אימה פון אַ קינד
אין וווּנדערדיקן קוקן
אויף די כוואַליעס אויפגעאַקערט,
כוחדיק אָנגעשיכורט און שטורמיש צעשרילט.

רוח־אלוקים צעבויטעט דעם ים,
און איבער אים אַ גראָע מעווע־עוף,
פליגלט אַרום,
מיט אַ טריבן שרעקקוק
פון אַ פּרימיטיווו־צעשריגענער טויב,
טויכט אַראָפּ, שווימט אויף,
צעפּאַכעט די פלעדערווישן
איבערן בראשיתדיקן רוישן.

איך,
מיט אַ יראה אָנגעהויכט,

אין זאַמד איינגעטאָפּטשעט,
טראַכט און זע,
ווי ס'צינדט זיך אין שיפּסהעד־בעי דאָס ליכט.
צעווינטלט איז די לופט,
און געטלעך באַהעפט ווערט געדאַנק מיטן פייערדיקן שווונג.
אַ תפילה וועגן דעם פלאַדיקן נס
שעפּטשעט זיך פון די לעפצן אַרוים —
אַ תהילה צו דער צעברוייזטער שירה —
שאַקונדראַ!

ווי די פּאַרפּום־בלום

פון די פּאַשאַנאַד;

ווי די קלעטער־בלום
אַקעגן דער זון
טוט מיט איר פּאַרפום־ריח,
דעם אַרום פּאַרשיכורן —
אַזוי דו
ביסט גורם מיט רייץ און תּאווה,
פּאַשאַן צעפּלאַקערן.

האָר שויבערדיק, געזיכט צויבערדיק,
ראיה־אַפּלען־פּאַקלען פון נאַכט,
שמייכל אַרום מוילווינקל,
טונקל־שאָטנדיק איינשאַטירט.
פּערלדיקע ציין פון צווישן די קאַרשן־ליפּן,
וואָס שנויפּלען זיך מיט אַ געבעט
די רויט־זאַפּטן אויסצוזופּן.

מ׳דאַרף זיין אַ טרובאַדור, שטאָק־בלינד,
צו לידלען און צימבלען אויף גיטאַר
אַ זמר אַ פּוסטן, אָן מחשבה פון זינד,
ניט וועלן צו דיר גלוסטן;
רומפּלען אָן אַלטמאָדע־באַלאַדע,
וועגן ליובען זיך פון טויבן
אין אַ נעסט פון אַ פּאַלאַץ,
ווו איינגעכישופּט אין אַ טרוים,
אַ פּרינצעסין בלייך, גראָ פּאַרזעסן,
קוקט אויף איר באַשערטן אַרוים;

מ׳דאַרף זײַן אַ טומטום מיט זכר־חסרונות,
די געפילן װעלן פֿאַרשפּילן אױף גיטאַר־סטרונעס,
אַ תּם, פֿון ערגעץ אָנגעװאָגלט —
ניט באַפֿליגלט, װי די בין
מיט פֿלאַטערדיקן געזשום, װאָס װערט געמאַניעט פֿון בלום,
אין איר שױם צו פֿאַרזינקען,
און מיט זאָמען זי באַפֿרוכפּערן,
איר תּאװה קילן.

גרויל-חלום

ניו-יאָרק, דלות- און אוצר-כּרך,
פֿון צעמענט, ציגל און שטאָבעס שטאָליקע,
הויכטורעמיק און קאַסטן-פֿורעמיק פּילשטאָקיק געבײַ.
מיט פֿענצטער אומצאָליקע.
גאַזיק, איבל-אָנלאָד, שוויבל-שטאָט,
פֿון מאַסן-מענטש געגיי און לויף אין די גאַסן.
מעטראָפּאָל, אָן רו און שלאָף.
ס'שאַלט אין דיר אָפּט מאָל אויף אַ קלינגען,
אַ שרעקן-פֿייף פֿון פֿייער-יונגען, געפּאַר וואָרנדיקע,
זײַ רעשן, יאָגן אין רויטן וואָגן,
דראַפּען זיך צו הייכן גאָרנדיקע,
פֿון הידראַ-שלויכן מיט וואַסערטושן
די פֿלאַמען לעשן.

שטאָט מאת המון-געזעמל, פּאַרקער-טומל,
מיט בענזאָל-געשטאַנק פֿון אויטאָס,
אַרויסגעפּוקעט, טרובענדיק צעהוקעט...
מאַמאָן-אינדזל, צעפּאַקלסט ס'ליכט בײַ נאַכט,
פֿון שילדן אויף ווענט און איבער טירן,
פֿאַרביקע ברען-קאָלירן,
נעאָנדיק צעבלענדט —
האָסט זיך אין מיר צעבית-עולמט,
וויסטיק אין טיפֿן שלאָפֿן —
סדומיש איבערגעקערט, אַטאָמיש צעשטערט,
אָן מענטשן-מין, יאָג-מאַשין —
אײַנגעאָבלט שטיל.

איך שפּאַן אין אַ טומאַן, די טריט הילכן אָפּ קריק,
פון יעדן פּוסשטעל, אויף אַספאַלט און ברוק.

פאַררויכערטע מויערן, אויפגעבראָכענע טויערן,
פאַרשׂרפעטע שטיבער, קעלער-גריבער.
איך דריי זיך אַרום,
זוך דעם סיגנאַל-פּלאַם ביים עק גאַס —
די שטראַל-גלעזער זענען חושכדיק שוואַרץ,
ווי נאָך אַ קורצשלום פון אַ פּיוז.

אַ ווינטלדיק געוויין,
טוט מיט שטויבן וואָלקנדיק אויפהייבן,
אַן איבערגעבערענט בוימבלעטל,
אַ קויליק צווייגריטל
אויף אַ לאַנג רויט שנירל,
ווי אַ פּאַפּירשלאַנג, אַ טויטנשיין,
ס'חושכדיקע גורל,
פון ערגעץ אַנגעטראָגן.

ס'איז צעפּאַרעט די הימלישע הייך.
אויף הורבעס מיסט — שרצים-קריכער.
אין פאַרבליבענע ווענט —
טונקעלע פענצטער-לעכער.

טייכן פאַרגליווערט,
שיפלעך פּוסטע, פאַרלאָזטע,

שטאַר אָן געריר, מיט עיפּוש־גערוכן.
הענגבריקן פאַרזשאַווערט, איינגעבראָכן.

אין בויערי פאַרוויסטער, לומפּן־גייסטער,
מיט זונות פון נאָרעס פאַרדומפּן אַרויס,
נאָכן אומבאַרענג איינציקע געבליבן,
שיכורדיק זיך וויגן,
פלוכן, פרייכן, עמעצן זוכן,
צו בעטלען אויף אַ טרונק.

קריג־שׂטן צעפליגלט איבער מאַנהעטן,
מיט די פּעכער־צויטן,
וויכערט אָן טויטן־שאָטן, פינצטער־נאַכט,
לאַכט מיט גאַל.
ס'הילכט אָפּ צוריק,
פון חורבה־ווערק ניו־יאָרק,
זיין ווידערקול.

איך קריך איבער ציגלבערג, אייזנוואַרג,
טרעט באָרוועס אויף גלאָז, שפּיגל־בראָך,
בלוטיק,
שפּיר אַ ווייטיק.
כ'לויף, רוף,
פאַרשפּאָטע זיך, פאַל.

כ'וועק זיך דורך פון שלאָף
מיט אַ ספּאַזמישן הוסט.

אין מויל איז ביטער.
אַרויס פון אַ בייז משוגעת,
אַ גרויל חלום־בילד.

כ׳שווידער,
ס׳קלאַפּט האַרץ האַסטיק שנעל.
ס׳איז מיר קאַלט.
כ׳הער פון ערגעץ פאַרגיין,
אַ צעכליפּעט געוויין,
כ׳זע אַ ליכטשיין
אין אַ פענצטער אויפשימערן.

מאַרמאַראַ דער זעער זאָגט

מאַרמאַראַ, דער גרייז-גראָער זעער, זאָגט:
האַקט אויס די לוחות צוויי
פון קיזלשטיין,
קריצט אַריין אין זיי,
מיט פייערשטראַל פון גליִקן שטאָל,
די דברות צען,
און טראָגט מיר צו
אין אַ תכלת-טלית איינגעהילט,
האַרן צעשאַלט.
כ׳וועל אַרוים פון הויז,
מיט וואַנדער-שטעקן,
אין גאָטס שליחות גיין,
די בני עמים וועקן;
וואָגלען איבער שטאָט און דאָרף,
אין טירן אָנקלאַפּן,
דרשענען נבואה-רייד קעגן מאָרד.

צווישן פעלקער שדי-היכל אויפריכטן,
מיט די לוחות תוכן,
די מוחות באַלייכטן.
דורך שם-אַרויסשעפּטש —
באַפּעלן מדברם מיט מים-חיים זיך צעקוועלן.
דאַרנבוש, מיט בלעטערוויש,
נאָך וואָלקנדיק באַטויען —
מיט מאַנדל און טייטל זיך צעבליִען.

מלאָכים־מזלות, שטערן־גורלות,
וועלן אויף די דרכים הישרים פירן,
ניט צו בלאָנקען בלינד,
טאַפּטשען און צאַנקען
אין נעפּל־גאָרטן פון שׂטן,
איינגעבראָדזשעט אין זינד.

אין אַ סוכּה אָן סכך,
ווען וואָלקן וועט מער ניט צערנען,
וועלן די אושפּיזין פון תּנך,
ווי חברים
מיט די גרים, קינדער פון אַלע לענדער,
תּורה לערנען.

אַזוי זאָגט דער גרייזגראָער מאַרמאָראַ, בעל־חזון:
האַקט אוים די לוחות צוויי פון קיזלשטיין,
קריצט אַריין אין זיי
מיט פייערשטראַל פון גליִקן שטאָל
די דברות צען —
אַ בראַנד־אויסגעשריי,
קעגן זינד.

חנה ליבע

חנה ליבע! לאָמיר ביידע, מידע,
אין זון־פאַרזינק פון דעמערונג,
אויף מחשבה־פליגל, ווי וואָגל־פייגל,
אַוועק פון דער סביבה —
צום עתיד־לבוא פליִען,
אַוועקפּאַכען די כמורנע טעג,
וואָס אַקעגן שוועבן,
אויסמיידן ליידן דורכצולעבן.

לופטיק רייטן אויפן יוניקאָרן,
פון מזל בלינדן זיך אָפּשיידן,
מיט די טאָרטור־ און מאַרטיר־וואַנדעריאָרן,
וואָס אויפן קאַלענדאַר פאַרשווונדן,
איבערלאָזנדיק סימנים:
גראָע האָר,
קנייטשן אויפן פנים —
פון טרויער איינגראַווירט.

לאָמיר זיך טראָגן אין אַוויאַ־וואָגן,
אַהבה —
לופטלען במחשבה,
פאַר נאַכט אַהין,
ווו ס׳לעשט זיך ס׳זונליכט
אין ים־תהום,
בשעת צייט פאַרגליט,
אין הימלישן אַש.

קום אַוועקפּלאַטערן;
פון דער אַנטונקלעניש דערוויטערן,
רודערן, זיך פּעדערן
צום קאַיאָר-זשאַר —
מיט זון-אויפגאַנג אין אַ פייער-געזאַנג.

פאַר אונדזביידן
וועט אַ שטראַלזייל ווייזן
דעם וועג צום גן-עדן,
וווּ מיט אַראָרישע רעפלעקסן
רויזן וואַקסן,
גלימצערן מיט זייער שיין,
אין עתיד-לבוא אַריין.
אויסדערוויילטע,
אין דמיון-חלומות איינגעהילטע —
אַהבה, חנה מיינע!

ווי וועלף-געוואָי

ווי פון הונגער געפּלאָגטע וועלף,
איבער פעלדער פּוסט און וויסט,
אין אַ צעשטורעמטן זאַוויי,
מיט ווילד געוואָי,
פון די גערערעם אַרוים —
איז שכנס אויפגעשריי,
אוים טיפן טרוים אויפגעוואַכטן
פון צעביתעולמטן נעכטן —
אַ גרויל-ווידערקול,
צעטראָגן איבער דער וועלט
אין ניטול-נאַכט
קעגן די צלמדיקע,
וואָס פאַר דער יאָלקע מיט צעצונדענע ליכט,
„שטילע נאַכט" זינגען.

אין די תיפלהס,
די גלעקער צעקלינגען
אַ שבח צום נוצרי משיח —
דעם פּרינץ מיטן דערנער-קראַנץ —
געבוירן פון אַ מאַמע אַ פאַרמאַרעטע
אין אַ שטאַל-קאַרעטע.

חלום האָט דערמאָנט,
ווי מ'האָט טאַטעם און מאַמעם,
אויף פייער-במות,
אין רויך און אין פלאַם פאַרלענדט,
בעת אין די קלויסטערס האָט מען זיך געפּאַטשערט פרום.

אין שלאָף האָבן אים שלאַנגען געביסן,
יאַסטרוּב און ראָב — לייב געריסן,
שרעק — ס׳בלוט פאַרצאַפּלט.

אויפגעכאַפּט,
מיט אַ ווייטיק אין קאָפּ,
איז פון בעט אַראָפּ,
געטאָן קאָשמאַר פון די אויגן ווישן.
געהערט אין קוימען
אַ צעווילדעוועטע זאַווערוכע פון צעיאָגטע רוחות
אין ניטול-נאַכט;
דורך פענצטער-שויב געזען
אין שטוב פון אַקעגנדיקן הויז
אויסצאַנקען די יאָלקע-ליכט.

אויפֿן שקיעה־שליאַך

קוק נאָך די פֿליִענדיקע טויב
פֿאַרשווינדנדיקע אויפֿן שקיעה־שליאַך
ביים מערבֿ־עק פֿון די אָפּגאַנג־טעג,
ווו שטילע פֿייערפֿאַרבן שטאַרבן,
און ס׳טונקלט אָן די נאַכט.

אַרוים פֿון ענגער כאַטקע,
מיט ווינט־פֿליגל אין אַ דמיון־לאַדקע זעגל,
צום הימלזוים און ברעג פֿון ים,
ווו מאַכיקע פֿלאַקסן, הויך־סאַפּראַנדיק צעוואַקסן,
צעפֿלאַקערן אַ בראַנד
און ס׳רעפֿלעקטירט אַף דער פֿלאַדיקער פֿאַרזינק.

פֿאַרשאָטן מיט האַנט דעם בלענד,
שטעל אַף דיינע בליקן, זקן,
אויף די זכר־במות פֿון די געוועזענע חלומות.
לייען אַרוים אין אָפּשיין,
דעם אָניאָג פֿון שרעק,
אויפֿן בין־השמשות־פֿעלד,
טרוימען אויסגעהוילטע,
תאוות פֿאַרקוילטע,
אין זינד אויסגעברענט.

אין טויטן־גאָרטן
ליגן די מחשבֿות־מומיעס,
פֿאַרעפּרט.
פֿאַנטאַזיעס דורכגעשוועבטע —

אין עבר־נעפּל־קבֿר.
אויף די בית־עולם־בייטן —
צעגליטע צייטן,
וואָס האָבן דיך אויפגעשטורעמט.

ערגעץ ליגט די ליבע אָן אַ מצבֿה,
צעבענקט, אויפגעפלאַקערט און פֿאַרצאַנקט,
נאָך זיך אַ טשאַד געלאָזן,
ווי פֿון יאָרצייט־ליכטער.

זע, ביים איינזינק־ברעג, דעם אָפּמעק פֿון טעג,
הימלזוים און ברעג ים —
אַ זוניקער פֿאַרפּלאָם.
ווי טויב אין זון־שטויב אַוועקגעפלויגן,
ווערט דער שקיעה־שליאַך ערפּלדיק פֿאַרצויגן.

אין אַ חרובֿ־וועלט איינגעטאָלט,
דערפּילסטו זיך אַ מקונן זינדיק,
זעענדיק סוף פֿון שקיעה־שליאַך —
אַ קבֿרות־פֿעלד, באַוואַקסן ווילד מיט מאָך,
ווען זון הערט אויף שיינען
און ס׳ציט אָן איבערן פֿאַרבליבענעם ליכט
אַ נעפּל פייכט און גראָ,
און די וואָלקנס, נאָך אָנגעצונדן,
ברענען אויס חלומות, ווי צעפלאַקערטע שיימעס.

ביים ראַנדבערג
צום עבר-לאַנד —
אָנגעדזשונגלט אויפן שליאַך —
זענען דיינע גלוסטענישן פאַרלאָשן.

אויפֿן וואַנדערוועג

וואַנדערנדיק אַוועק פֿון די שוידערטעג,
אויף פֿעלד,
זיצסטו צעדמיונט
בשעת שקיעת החמה,
קעגן האָריזאָנט רויט צעפּלאַמט,
מיט אַנגסט אין נשמה איינגעסמט.
אַ וואָלקן־מענטש,
מיט בלוטיקער שווערד אויף כמאַרע־פֿערד,
שוועבט אַריין אין גיהנום,
ווערט פֿון די פֿייערצונגען פֿאַרשלונגען.
אין התבודדות פֿאַרטיפֿט,
טראַכסטו פֿון דיין יגון־ניגון,
וואָס האָסט ערשט פֿאַרפֿרומט,
עצבֿהש פֿאַראומערט
אַרויסגעברומט.

עפּעס אַ שייכות
צו בין השמשותדיקער זריחה
פֿאַרשכינהט פֿון דער השגחה?
אַ שטראַל אַריינגעדרינגט אין זעל,
גענאָיעט, געטליִעט,
און אַרויס פֿון קעל?

צי איז דיין שטימונג,
אומבאַוווּסט געבונדן,
מיטן וויינענדיקן פּישטש,

פון פויגל,
ביים פֿאַרשווינדן אין זיין נעסט?

דו הערסט, זעסט,
ווי פּלוצעם האָט פון ווייט אַוועק,
איבער וועלדער און פעלדער,
אַן עקספּרעס־צוג,
צעשיפּעט און פֿאַרסאָפּעט,
אויף אייזן־שינעס געל־פֿאַרראָסטע,
ביי אָפּגעברענטער סטאַנציע,
זיך אָפּגעשטעלט,
מיט געטומל דעם געגנט צעוועקט.
פֿאַרשווינען אין אַ שליחות בייזער,
האָבן פון די וואַגאָנען,
אומהיימלעך אַרויסגעקוקט.

פּאַסאַזשירן פול אימה,
באַגלייט פון חושך־יאָרן,
מאַת אַ פֿאַרוויסטן ערגעץ מיט טויטן־פלאַג אָנגעפּאָרן,
רייזן נאָך דעם אויסטאָג —
איבער די זשאַווער־גלייזן,
וואָס פֿאַרגליִען אין האָריזאָנט,
ווערן געטראָגן פון אַ צעפּאָרקעטן לאָקאָמאָטיוו,
מיט אַ גרילצענדיקן דאַמף־טריִומף־פייף,
לאָזנדיק נאָך זיך,
ווי אַ מלאך־המוות־דעך

אַ רויִכיקן טשאַד,
געפּורעמט ווי שלאַנגען.

אַ ראָב פון טונקלעניש אַרויס,
פליגלט פאַרע־כמאַרע נאָך,
איר ווײַנען טוט עפּעס מאָנען,
פון אָפּגעפּאָרענעם צוג,
וואָס יאָגט צו אומקום־בריק,
און ביים ענד צעגליטן ראַנד
פאַרשווינדט.

מיינע שירים

מיינע שירים —
שײַן און שאָטן אײַנגעקנעטן.
האַרבע, אָנגעוואָרפּענע דיבורים,
מיט צאָרן אויף פאַרשאָלטענע יאָרן —
שווער וואָרט מיט וואָרט צונויפצופּאָרן.

די לידער —
ראָבן צעקריגטע, מיט קראָ-געפּילדער
איבער בלוטיק-באַזיגטע מלחמה-פעלדער.

שורה מיט שורה — קידער, ווידער.

דער תוך —
דינאַמישער כוח,
פּעך און שוועבל צעברענט,
שטורעמווינט,
אַ רויכנעפּל,
איבער ערדישע זינד און ליגן,
ווילד אויסגעשריגן.

מיין זמירה —
ניט באַגלייט אויף לירע,
פון טרובאַדור מיט לאַנגע האָר,
בעטלעריש אָפּגעריסן,
אין זיין וואָגלגאַנג ;
פאַר אַ פאַרכישופטער פרינצעסין,

פֿאַרמעסמערירט פֿון לבנה־ליכט,
איר האַרץ צו פֿאַנגען.

מײַנע לידער אין אַטאָמישן פֿלאַמפֿלי־וואָגן,
איבער רוים שווידער אין זיך טראָגן.
זענען פֿייערדיקע סאַטעליטן,
קלאָגאַנזאָג
צו אָפּגעכוימלטע פּאָעטן,
מיט אויגן פֿאַרטרערטע,
וואָס צימבלען צו,
צו אַ ווילד־אויסגעטראַכטער באַשערטע,
אַ פֿאַרשימלט־אַרכאַיִשן סאָנעט.

שוראַ

פון די פּאַשאַנאַדן

איך זע דיך בעת אַ זוניקן טאָג ביים ים־ברעג
אין אַ באָד־קאָסטיום.
פון דיין לייב
שטראַליקע פּאַשאָן־כוואַליעס
וויברירן הייס אַרוים.
דיין פּנים, מיידליש ליבלעך,
אָן בתולהשער צניעות,
חן־גריבלעך אין די באַקן.
אונטער שאָטנדיקע וויִעס — אויגן מיט לאַכנדיקע בליקן.

ביסט אָנגעשטיפּט מיט מאַגנעטישער קראַפט,
מאַנסביל־אָטעם צו פאַרכאַפּן,
מיטן קוק זיך נישט אָנצוזעטן.
ס'ליגט איינגעפלעכט אַ צויבערמאַכט,
אין ציגיינערישן האָרשויבער,
ס'פליסט אַ זעל־שטראָם וואַרעם פון דיין קול,
אַ שאַרם־שימריר־שיין
פון אונטער ברוין־בראָנדזענער הויט.
אַ להבה תאווה
כישופט אַרויס פאַרשייט,
חוה־מאַמען אין גן־עדן צו פאַרשעמען.

ביי פרומע אַלטע לייט צינדט אין מאַרך זיך זינד,
יצר הרע טאַרעט
אויפן קישן

בעתן ליכט אויסלעשן, אין שפּעטער שעה,
רויבנדיק ס׳שלאָפן.

ביסט פון דער השגחה
מיט אַ זריחה־פלאַם אַרויסבאַשאַפן,
קיין וווּנדער — כ׳בין אין דיין נעץ געפאַנגען —
ווען אַנדערע זענען נישטאָ,
כאָטש מיט פעדערקרייץ
אין אַ ליד דיך באַזינגען —
שורא!

אין שחת

אין שחת פון שאול-פייערן דורכגעברענט,
ווו רוחות ווערן געבוירן,
שפּאַנען רשעים
מיט בעלמעס אויף די אויגן,
אַריבער דעם צוים-תחום,
צו די גיהנום-טויערן.

דור נאָך דור צעכליפּעט,
מיט פּחד אָנגעלאָדן אין פאַרקלעמטן האַרצן,
לויפט גיך דורך שימערדיקן שליאַך,
צום גן-עדן,
דעם עולם-פּרוזדור דורכצושוואַרצן,
ווערן פון שואה-ווערכטער פאַרטשעפּעט,
רוגזהדיק פון קפיצת-הדרך אָפּגעווערט,
דורך קרומע וועגן געפירט,
צו צאָרנדיקע קדמון-ריכטער.

וואַנדערן די מיט חטאים זאַטע
איבער זומפּיקער בלאָטע און פאַרשטיינערטע גרודעס,
ווו איינגעפינצטערט האַדעס שפּינט אויס פעדעם
פון אָדם-חוה-זינד —
אַ קלאָגשרעק אין וועג.

איך, איש עפר,
זקן מיט עגמת-קנייטשן,
קוק מיט אַ צער-בליק שטאַר
אויפן פורעניות-ווירוואַר,

און פֿאַרשרייב,
אין גיהנום־ספֿר,
פֿאַר די פֿול זינד,
מיט גאָליש טינט,
אַ וועגאָם־שיר
פֿאַר מכשפֿות מיט ווילדע עוונות,
אויסצוזינגען, —
אין טעג פֿון פֿינצטערניש פֿאַרשלאָגן,
ווען בלוטיקע קעפּ ווערן צו דער תּוהו אַראָפּ,
אויף פּיקעס געטראָגן.

אין מיר אַליין,
ווו ס׳ליגט דערשטיקט אַ געוויין,
רייסט זיך אַרויס אַ שלוכץ:
אויפֿן שפּוע־שקיעה־שליאַך,
פֿאַרן טויט, מיט פֿלאַטערדיקן רצון,
מאָרד און חטא פֿון פֿאַרקאַפּטשעטן זון־קנויט,
אין מערבֿ־האָריזאָנט
מיט האַנט אָפּשנויצן.
ס׳זאָלן זיך כּמורנע טעג צעליכטיקן איבער ערד.

ס'האַרץ איז פאַרשטיינערט

ס'האַרץ איז פאַרשטיינערט.
ליפּן ביז בלוט איינגעציינערט.
זעל מיט גאַל פאַרביטערט.
טעמפּיק, אָן חזיון-בליץ — דער רעיון.
שטומפּיק — דער קוואַלפען-שפּיץ.

קען איך האָבן אַ ליד
אין בוך אַריינגעבלעטערט,
אַז זונליכט איז פאַרסאַזשעט,
איינגעאיקליפּסט
אין טאָג-פינצטערניש, ווי נאַכט?

כאָטש גיי אַרויס אין גאַס,
פון די טונקעלע חדרים —
אַ טבילה אין ים וועט ניט אָפּקילן,
ס'גרילן אין די געדערעם,
פון וואָרטשענדיקע ווערעם.

געהאַפּט, אַ תפילה וועט ווערן אַרויסגעטיפּט,
אין אַ זריחה-צעבלענד —
אַ סליחה פאַר דער זינד.
פּרווו, מאַך פון שלאַנגען-בים-געדאַנק,
אין האַרץ-ריס אַ געזאַנג?

ניט אַ זמר —
גרויל פון פולפּעדער,
אין פּאַפּיר איינגעשוויגן;

אַ שוידער־יאָמער,
ווי פון אַרורה,
ווערט פון יעדער שורה
אַרויסגעשריגן.

דער מטורף

דער מטורף,
חרב אין האַנט,
אַ רוקזאַק מיט שטראַלן,
שפּאַנט איבער רוימבריק פון תהום,
טראַכט:
אים, מלאך-שׂרף, איז באַשערט,
מיט שווערד חרובן הימלישע אנשי-סדום,
וואָס פאַרבן,
פרי-שעה מיט דם-רע,
אַ פייערשרעק-אויפטאָג.

צו די מטושטשע חלומות האָט קיינער תרעומות.
אין זיין מוח — אַ משוגעת:
גרייכן מאַרס, יופּיטער,
אַריבער גאַלאַקסישן אוניווערס;
הויערן אין דער מילכיקער גראָ,
ווו שׂריפות ווערן און זיך צעשטערן.
ניט צו פאַרלירן פון זיין געשטאַלטיקייט די שפּור,
וועט ער אַראָפּוואַרפן אַן אַסטראַל-שטראַל,
פון די זיבן, וואָס ער האָט אין טאָרבע אָנגעקליבן,
זיך אַריינצובויערן,
אין טומאַן
פון מיליאָנען-יאָר,
אַ סימן-סיגנאַל,
אַז ער טוט נאָך אַלץ אַרויפיאָגן,
אַהין, ווו פון צעשטורעמטן רויך-כוח

ווערט לענג, ברייט, ווייט, צייט,
מרומות און תהומות.

דער מטורף בבחינה שׂרף,
טראַכט טאָג און נאַכט,
אין זיין משוגעת, אז ס׳איז אַ טעות,
דינען צו אַ גאָט,
וואָס הייסט ברענגען אַ ציקעלע, צי אַ יונג ביקעלע,
זיך פאַר אַ קרבן,
פייער און רויך זאָל צו די הימלען אַרויף,
זיך אָנצושמעקן מיטן טשאַד.
ס׳אַ שטות פּרעפּלען צו דעם אויפן צלם געשטאָרבן,
קניִען פאַר זיין מוטער,
ביקן זיך פאַר מדבר־געטער,
צו שטיין־שוטים פון ווילדע שבטים,
האָבנדיק נאָך דור־הפלגה־השגה,
צו קלעטערן,
אַרויפליי טערן צו אלוהים,
וואָס פירט און רעגירט,
שאַפט פינצטערניש און ליכט,
אויסשפרייט איבער דער ווייט,
איז עבר, הווה און עתיד.

דער מטורף, אין זיין מרחק־מהלך,
בבחינה שׂרף־מלאך,
שטייט מיט זעבל אין דער האַנט,
אויסגעשטרעקט איבער דער ערד.

אים איז הימליש באַשערט,
פון איר זיך אָפּקערן,
שוועבן אין די רוימען
און איבער תהומען,
נאָענט צו די שטערן,
ווו רשעים מיט חטאים פאַרדאָרבן
פאַרבן פרי־שעה מיט דם־רע,
פייער־שרעק־אויפטאָג.

ער וועט פליגלען אַרויף,
זוכן דעם אין־סוף,
און מיט זיין שגעון־רעיון
שטערונגען דורכדרינגען,
גרייכן די משופּעדיקע הייכן,
ניט רוען,
ווייטער ציִען,
נפש־פּיינען אויסצושיינען
אין נאַכטשפּעט,
מיט אומהיימלעכן סוד
נאָך ניט־געפונענעם גאָט.

אַן אַוויאַשיף

אַן אַוויאַשיף אין חלום
טראָגט מיך אויף כּל עולם-וועגן,
כ׳לאָז הינטער זיך,
אין חללדיקן הויל,
די אומצאָל עיגולן.
דמיון זיך אַריין אין פאַרעם פאַרגליווערטע,
ווי פאַרגאַנגענע אַסטראַלן
נעסטן ווייט אין עבר-צייט.
כ׳פלי און זע מראה-אלוהים —
אור-מחשבה פון מעשה-מרכבה.

זונען אין די גאַלאַקסים,
שפּינען פּאַר זיך אַן אורך-דרך,
פונקען-שטויב צעהאָגלען,
צעגליִען האָריזאָנט
אין אַ פּורפּורדיקן הימלבראַנד,
ס׳אייביק דויערן —
מיט פלאַם אין רוים
אַריינפייערן.

ס׳אל-עליון-ליכט באַהעפט
אַטאָמישע קראַפט,
וועקט און אַנטפּלעקט אין רויך
דעם שׂרף-כּוח.

כ׳רודער אַקעגן דער זריחה,
בלינדענדיק די ראיה פון אויג.

נויג אַף דעם קוק, ווענד זיך אַוועק,
צו אַ תהום פון פחדדיקער חשכה,
ווער אַרויסגעשטויסן
פון נאַכט־געדיכטעניש אין אַ דרויסן,
מיט פייערווערק פון צעצינדענע בערג,
ראַקעטיש אַרויפגעשאָסן,
צו שטערן
אין געוואַנדער צעיאָגטע,
מיט אַן אימה אין זייער תמימה.

ס׳פליגלען מלאכים איבער די תוהו־שטחים
אין אַ וויימער שליחות;
כרובים אין געוואָגל,
עב־פייגל צו פאַרטונקלען די כוכבים,
ליכטצייטן
אין פינצטערניש פאַרבייטן.

אַן אור גדול מיט אַ זריחה־ווײדל,
איבער עמקות־שטרעקעס אין הימל,
שווימט אַרויס פון וואָלקנס רויטע,
באַלייכט לבנות טויטע
אין אַ מיאַזמאַ פאַרזונקען.

כ׳שווים אַריבער דעם עתיד־לבוא,
מיטן צעוועק פון כאַאָטישער שרעק,
וואָס שטויסט מיך צוריק צום הווה,
צי אַריין אין עבר,

פון עולמות איינגעהרובטע,
אַ קברות־פעלד פאַרוואָרפן ווילד
מיט זונען־ברוכשטיקער,
פון פלאַקער און פינקלעניש אויסגערונען.

כ׳טראָג זיך, יאָג,
איבער מדבריות,
צעגליטער כף־הקלע.
פון צעדונערטע שטורעם־כוחות
פורעמען זיך אַרויס שדי־לוחות,
צען דברות אין געברען,
געטראַפּט מיט אימה־שריפט,
צו וועלט זוניק צעהעלט.

כ׳פלי, זע:
סאַלאַמאַנדער־שלאַנגען
פון ערפל אַרויסשפּרינגען.
כ׳הער אַ טייפון פייפן
איבער אָפּגרונט־טאָלן.
כ׳פליגל אַריבער אַ חושך
פאַרוואָגל אין תוהו טויבן,
אָן געשאַל און ווידערקול,
ווו אַ מינדסטער שיין דרינגט ניט אַריין.

כ׳שיפל זיך אַרויס פון ערפל,
צו פעלד מיט הימל־געוואַלד,
אויפגעשריי פון אָבל־יללות,

קולות, וואָס טראָגן זיך פון דער ערד.
נויט־רוחות, אין לאַכעס פון טויט,
מיט צעגאַוווערטע פּיסקעס,
רייסן, בייסן, שטיקן, צעוועקן פון שלאָף.

כ׳כאַפּ זיך אויף.
כ׳ליג אין בעט, קוק און זע דורכן פענצטער
אַ הימל־מאָנסטער אין צעשיין אויפגיין:
ס׳טאָגט.

פאַטאַ־מאָרגאַנאַ

מאַנאַ־וואַנאַ!
קרוין־טרעגערין מיט פּרום־הייליק געזיכט,
אַרויסגעשטאַלטיקט פון הימל־וואָלקן־מיראַזש,
קעגן שקיעה־ליכט,
וואָס טוט אָפּשפּיגלען דיך,
אין מײַנע געדאַנקען,
אַ צעשטראַלטע פאַטאַ־מאָרגאַנאַ.

ערגעץ ווייט, צו דער מאַדאָנאַ,
קלינגען קלויסטער־גלאָקן
פאַר די האַרן מיט קאָשמאַרן
אין בלוטיקן געוויסן אויפגעשראָקן,
ווי סאָקאָל־פייגל,
וואָלטן זייער מאַרך געביסן.
מיט בלוט באַפלעקטע הענט אויסגעשטרעקטע,
אין אַ שטילער תפילה מחילה בעטן
פאַר מערדערלעכער זינד.

מאַנאַ־וואַנאַ!
כ'שיק אַ יראה־לויב,
צום צעצינדטן ליכט,
דורך מיין פענצטער־שויב,
זעענדיק דיך
אין הימל־הויך פאַר נאַכט
בעת שקיעת החמה,
לויטערנדיק מיין נשמה פון דער ערד־טומאה.

טעמנע־וויסט

טעמנע־וויסט מוז זיין דער כופר
מיט טיפֿער גייסטיקער ווונד,
טאָן פון שרעק אין אייגענעם אָפּגרונט אַ בליק,
פאַרן ווערן מיתהדיק פאַרגלייזט.
ער גרייזט סוף טעג,
בתוך אַ וואָלקנדיקן סטרא־אחרא־וועג
און זיין תוהו־ליכט אויסגעצאַנקט, פאַרזענקט,
איידער טויט דעם אויסלייז ברענגט.

אים איז בעתן אויסגיין,
די פינצטערניש אַזוי געבלינדט,
אין אויגאַפּלען איינגעגלימערט,
ווי גלאָץ פון אַ געפּגרטן הונט
אין צעלויכטענער לבנה אַריין.

ווייל איז דעם תם.
פרום, פאַרחלומט אין אייביקן דרימל,
שפּאַנענדיק מיט אַ בטחון־טראָט,
אין תכריכים ניט פאַרקנעפּלטע,
צום הימל,
דאַרף ניט פרעגן
ביי די כימערעס־כמאַרעס
וועלכע שטרויכל־שטעגן,
איינגעגנעפּלטע,
אימהדיק ווייכן,
די גיהנום־פייערן אויסמיידן —
אין גן־עדן זיך אַריינצושלייכן.

ווער ס׳גראָבט אַ קבר זיך אין האַרץ
מיט אַ זעל־ריסקאַל,
פאַר זינד אויסגעברענט סאַזשיק שוואַרץ —
פאַר אים אין דער שקיעה
דער צוריק־אָפּבלענץ
אין אפלה געוואַשן,
איז ווי דער שרעקבליק
פון אַ הידראַ
מיט אַרויסגעשטרעקטער צונג,
בעת טויטפאַרזינק,
אין האַדעס־הושכן
איינגעלאָשן.

אַ שמירה־שטראַל

אַ שמירה־שטראַל פון שכינת־אֵל
איז אין טובל־טײַכל פון מײַן זעל אַרײַנגעװוּנקען,
און זײגט אױס פון היות־קװאַל,
װי דער ברענענדיקער קנױט פאַרטונקען
אין צעשװימענעם אױל פון אַ יאָרצײַט־ליכט —
מײַנע פלעמלדיקע טעג און נעכט,
װאָס אין עבר אַרײַן פאַרצאַנקען.

אין װאַכעדיקע שעהען
רעיונות אין מוח־שקיעה,
בילדלעך זיך צעבליִען;
חזיונות װעקן זיך אַרױס פון די אָפּגרונט־טיפן;
ס׳שװעלן אויף געפילן,
אין געהײמע פינצטערנישן אײַנגעשלאָפן,
שפּינען אױס,
אַ טריב־בענקנדיק געװעב.
אַן אומבאַגריף,
דמיון־ראיהדיקער דורכשװעב
פון אַ שאָטן־געשטאַלט אין דער אומבּראהדיקער װעלט,
שװינדלט אַװעק,
קײן אָרט ניט גרײכט,
װערן די פאַרזונקענע אויגן פײַכט.

ס׳קומען אויף — איך װײס ניט פון װו —
אין דער אָפּלױפנדיקער שעה,
אױפבליצנדיקע מחשבות,
אין מיר טיף־באַהאַלטענע, פון די אבות,

וואָס שׂרפֿען זיך מיט זייער ברען אין זכרון אַריין
און צעזידן דאָס בלוט שוימיק רויט.

אַ שמירה־שטראַל פֿון שכינת־אַל
איז אין טובל־טייכל פֿון מיין זעל
מאַת יענער־זייט רויט אַריינגעוווּנקען,
און זייגט אויס פֿון היות־קוואַל,
ווי דער ברענענדיקער קנויט פֿאַרטונקען
אין צעשווימענעם אויל פֿון אַ יאָרצייט־ליכט —
מיינע טעג און נעכט,
פֿון נפֿש אַרויסגעהויכטע, אויפֿגעטויכטע,
וואָס ווי שאָטנס אויף עבר־עקראַן פֿאַרצאַנקען
אָן אַ מזכיר־רויכל
אין אויסגעוועפּטן שׂכל.

פאַרן ליכטפאַרגייַן...

אַרוים פון שטוב פאַר נאַכט,
שטיי איך טרויעריק פאַרקומערט
אַקעגן שקיעה־ליכט,
אין בין השמשות איינגעשימערט...

מיין אויגס גוג, מיט אַ פייערל צעפלאַמט,
איז אין אַ טרער געטובלט,
(אויספלום פון צער
צום זשאַר —
האַריזאַנטיש איינגעהימלט:
וואָס שׂרפהט, פאַרלענדט, רגע און מינוט,
און לאָזט פאַראָבלט טריב,
איינגעשווענקט אין בלוט,
פון האַרץ ניט פאַרטייעט,
אַ געהיימען ברי איינגעטליִעט...

ס'קומען אויף וואָך אין מוח,
אימאַזשן,
ווי פון אַ שלומערנדיקן צעוועק שרעקעוודיק:
דעם חוט־השדרה מיט אַ חרדה צעדראָזשען.

ס'בילדלט זיך פון רעיון אַרוים
אַ תפילה־הויז,
חרוב פאַרלאָזן, פאַרוואָקסן מיט גראָזן,
אַ פינצטערניש גלאַנציק אימהט פון די שויבן.
אויף פענצטער־געזימסן הויערן ראָבן.
אינעווייניק מייז, שמות גריזשען.

אונטערן באַלעמער,
דעם שמשם חומר ליגט פאַרגעסן,
אויף דער ערד אויסגעלאָשן,
פון עכברים צעפרעסן...
געדאַנקען דעם דמיון צעמישן.
פון מיין קוק פאַרבענקט בלענצט
צום צעצינדענעם הימל דאָס פלעמל,
וואָס ווערט פון צער פאַרצערט...

מאת ערגעץ ווו דערגרייכט, צום אויער א לאַמענט-ניגון
פון א צעפירטן בויגן
אויף וויאָל-סטרונעס.
די טענער שטייגן אין פאַרנאַכט,
ווי טענות פון איינגעטונקענע אין עוונות,
צעוויינטע נשמות,
פאַרזעסענע, איינגעריסענע מיט א קריעה,
אויפן עולם-התוהו...

אויפן חרובן בית־עולם

מיין שוועסטער שיינדל צום זכרון

אויב אַן אוראַגאַן, שטורמיש אָנגעגורט
אין אַ וואָלקן־צוג,
דאַרף זיך איבער לענדער יאָגן,
זאָל ער מיך צום הייליקן אָרט,
ביים פעלדזן־שטאַרק, וויסן באַרג,
בתוך מיין טויטער־שטאָט,
אַ קאַרפּאַטן־העק, פאַרטראָגן —
שוין אָן קברים־שפּור,
באַוואַקסן בייז מיט בריגראָז
און פעפער־בלעטער
אַזוי פיל יאָר.

זאָל דער ווירבלדיקער געוויטער
אָפּשטעלן מיך פאַר אַ מצבה איינגעפאַלן,
מיט אותיות פאַרפלעקט און אָפּגעמעקט.
פון טאָג און חודש — ניטאָ קיין סימן.
אָפּגעריבן, נאָר יאָר און נאָמען געבליבן.
שוועסטער מיינע —
פון חולאת רויטן פאַרשניטן
אין דער מלחמה־מהומה....

ווי אַ שוואַרצע קראָ
האָט די פליִענדיקע פאָסט
אין אַ געשריבענער שורה
פון טאַטן פאַרוויסט,
צעוויינט און מיט חושך־טינט

די גרויל־בשׂורה אָנגעזאָגט:
אַז ביסט מער ניטאָ.

האָב איך קריעה געריסן,
פֿאַר די אויגן האָט געפּינצטערט שוואַרץ,
די שלעפֿן האָבן געהאַקט,
דערפֿילט דעם פֿלאַם־סם אין חוט־השדרה,
ווי פֿון אַ הידראַ געביסן
אין סאַמע האַרץ.

די צייט,
אין עבר ווייט אַ פֿאַרלאָפֿענע,
קען קיין מאָל ניט היילן מיין זעל
און דעם ווייטיק פֿון דעם טרויער־בראַנד
אין דער רויער וווּנד —
אַ שטיק ווילדפֿלייש
אין גליִענדיקן אַש.

שיק אַ ליכטזייל

שיק אַ ליכטזייל, האַר,
דורך מיין פענצטער־שויב;
פאַלן זאָל אַ שטראַל
אויפן שיר,
וואָס כ׳שרייב אין שטוב פאַר נאַכט,
מיטן חושך אַרום מיר.

ס׳ווערט איינגעטונקלט דאָס וואָרט
צווישן קויטיקע ווענט.
יעדעס אות פון פעדער אַרויס
איז אויסגעריכט פון טינט.
ווי אַזוי וועט אויסזען
אין שורות קורצע
דאָס ליד — אָן אַ ביסל שיין
און פון דיין שכינה אָפגעטאָן?

ס׳איז מנחה־צייט.
אין דרויסן דעמערט.
ווערטערשפּיל
איז אין נשמה איינגעשלומערט.
שאָטנדיקע פליגל זענען צעשפּרייט,
פאַרפינצטערן דעם שפּיגל.
וואַרף איך דאָרט מיין מחשבה־בליק —
שלאָגט אבלה פון דער אפלה אין אויג צוריק.

אומרו נעפּלדיק גראָ
איז אין בלוט רויטן איינגעקנעטן.
ס׳שוועבט געהיים אַ טרויער אַרום,
הילט מיך אין זיך.
שאַטיר איך איין אַ יאָמער אין זמר,
קאַלעמוטנע אָנגעשריבן,
מיט אַ פּען בלינד אין דער האַנט,
פון עפּעס אַ רוח אָנגעטריבן.

שיק אַ ליכטזייל, האַר, דורכן פענצטער,
אויפן פּאַפּיר מיט פינצטער-אָנגעפינטלטן כתב;
אַ זמירות-טראָף אין קורצע שוואַרצע שורות.
יעדעס וואָרט, וואָס איך פאַרטראַכט,
איז טינטיק איינגעפּרירט אין אוממאַכט.
ווי וועט אויסזען דאָס געזאַנג,
פון סמוטנער נשמה אַרויסגעברענגט
וואָס האָט איר הרגשה אָפּגעשפּיגלט,
ווי חושך ליגט איינגעזיגלט?

שענק אַ ליכטזייל, האַר, פון זונשטויב,
באַשטראַל דעם געדאַנק, ווען איך שרייב
אין מיין פאַרנאַכטיקער שטוב
ווי שאָטנס זענען אין די ווינקלען איינגעלויערט.

אין בוידעמשטיבל

אין בוידעמשטיבל
קאַיאָר, שלאָפּלאָז געפּלאָגט,
נאָכן אָפּגיסן נעגל־וואַסער,
האָט דער בעל־מוסר און מקובל געזאָגט:
די השגחה וואָלט באַדאַרפט
בעת מיין פינצטער טראַכטן,
אַן אור־הגנוז אַריינלייכטן,
די פאַרשאָלטענע טונקלעניש
אין צעפּלאָנטערטן זינען באַשיינען.

צעשימערן די מוח־קאַמערן
פון אָפּל־ספקות אין עמקות איינגעזאַשעט.
אויפלייזן דעם פאַרפּענטעטן געדאַנק,
אַרויסצופליגלען פון ערדישן תחום אַרויס,
זעגלען אין רקיע־ים,
אַריבער די ספירות, צו די מאורות,
אין וואַנדלען צעבינדן איינגעקנופּטע חידות,
דמיון־סודות,
זיך אַריינדעביווען מיטן שׂכל
אין די כביכול־טיפענישן,
דערזען דעם אינערלעכן ברען פון אֵל־געשטאַלט,
וואָס דאָס צעלהבהטע און צערעוועטע איינשטילט,
באַגין צעטליִעט, אייביקייט פאַרזייעט,
צעפירט מיט זיין ווילן זון־זיילן
קדמון־ליכט אַרויסצושטראַלן,
מיטן אור־רעיון דעם יש מאין באַשאַפן,
ברענענדיקע שטויבן פון כאַאָס אַרויסרופן.

אין פינצטערן בוידעמשטיבל,
פון אַ רעיון געפּלאָגט,
האָט דער מקובל, אַ בעל שיבה,
די הענט אָפּגעגאָסן,
און צעדאַוונט געזאָגט
ס'וואָלט ניט געשאַט, פון זיך אויסצורויכערן,
דעם דמיונדיקן טשאַד;
אין מיין איינגעשאָלטענעם פינצטער טראַכטן
פאַרבאָרגענער שיין זאָל אַריינלייכטן,
געדאַנקלעכע קנופּן פון צווייפל־קנויל אויפבינדן,
און מיט פייער־פלאַם אין די אויגן אָנגעצונדן,
אַרומטויכן און תוהו־ובוהו־ים,
און מיט געלייטערטער ראיה אַרומזוכן ס'אומזע־דרויבל
אין מיאַזמאַ־תהום.
בתוך דריבנע שפּאַלטן
פון מאַרך איינגעשליפן,
שכלדיק כאַפּן רוח־הכוח שטראַל,
מיליאָנען מאָל סודותדיק באַהאַלטן.

צי אַרויף

צי אַרויף אויף די פיס
די מיילן־שטיוול,
וואַרף די טאָרבע אויפן רוקן,
נעם שטעקן אין האַנט,
שפּאַן כעסיק אַרוים איבער שטעג און שטראָז,
צו אַ ישוב, ווו ס׳איז נאָר פאַראַן,
אין פיל־עמיקן נוצרי־לאַנד,
קלאַפּ אָן אין עמעצענס טיר
און פרעג דעם תושב:
האָט זיך דערטראָגן צו זיין גערער
די מוראדיקע שרעק,
צעציטערט אַרום דער ערד,
פון דעם מחבל?

זאָל אַריינגעשריגן זיין
מיט פיין אין יעדן קריסטלעך שטיבל:
דאָס אַטאָמיש ברעקל,
דעמאָניש באַצוווּנגען
מיט אַן אויסברוך־כוח,
איז אַ וויסטונג־ספּעקטאַקל
אַלץ אומצוברענגען.

בלייבן פאַרשריבן זאָל אַ בזיון,
דער ווילד־פאַרברעך פון תובל־קין,
פאַרן אַרויפגעשליידערטן צעגליטן אַש,
מיט אַ געליש אַ צעווידערטן

פון עיפּושדיקן גאַז;
אַ מלאך־המות אין אַ להבת.

פריד־חלום ווערט פאַרשוועכט, עולם חרוב,
ביים קניִען, זינגען און פילקלויסטערדיקן קלינגען,
צו דעם אויפן צלם
געטלעכן שלום־פּרינץ;
ווען מיט פלאַקערדיקן ברען
ס'משחית־געשטאַלט
איז צעבושעוועט איבער דער וועלט.

„הייליקער"

ווער נאָך, מיט קאָפּ פֿאַרלייגט,
דערנערדיק געקרענצלט,
אין פּוסטן פֿעלד פֿאַרוואָגלט,
איז אַזוי ברייט מיט הענט צעשפּרייט,
אַ גען אויף קלאָץ גענאָגלט,
„משיחיש" דערהויבן,
זיין אויף וואַך
איבער קריגס-גופים,
ניט באַגראָבן,
רויבפייגל אָפּצושרעקן
זאָלן זיי ווייטער פֿליִען,
נאָר דער ראָב אַליין,
מיט לויב-קראַקן,
זאָל זכיהן,
אויגן אויסצופּיקן,
מיט די קלאָיען גראַבלען,
שנאָבלען, ציפּן
בלויז דאָס גשמיות,
ביזן ריפּן-ביין.
בלייבן מעג די נשמה זיך אַרומיאָגן;
פֿויל-ווינטלדיקן גערוך,
הויך, צום הימלרייך,
אַרויפֿצוטראָגן.

ניט אומזיסט טוט זי, די קראָ,
שוואַרץ-פֿאַרשאָלטן,
אויף די געפֿאַלענע,

טויט־פאַרשוואָלענע,
מיט אַ רוי־געקריי,
קלאָגן אַזאַ געוויין:
ברוך־שמו, אָמן...

פון פייערפלוך

פון פייערפלוך, רויך און ווינט
איז דער פאַקלדיקער געיאָג
און דער זיגגעשריי פון אַשמדאַי,
אַ רשעותדיקער בראָט און זאָט,
צעפלאַקערט אין אַ בראַנד
פון אַ פאַרוויסטונגדיקן קריג —
וואָס ער, שׂר, איז מקריב צו גאָט.

ס׳גייט אויף די עולה
צו דער פמליה של מעלה
וואַלקנדיק שוואַרץ —
אַ להבה-לאַווע פון צאָרן און כעס;
ס׳וויטערט אויף פון שחת אַ קרבן,
מיט טייוול-גערוך פון שוועבל און פעך,
וואָס נעפּלט און גראַבלט אין האַלדז פון די צדיקים,
שוועבנדיק אין מקום פון זריחת-השכינה.

ווער זענען די בני-תהום,
גיהנום-לצים,
פייער-שרצים,
גייסטער-הינט,
וואָס צעקינדלען אין נאַכט-בלינד
אַן אויפשטויסנדיקן געברען אין רוים,
אַרויסגעהאַסט און פאַרוויסט?
צעשטערט די ערד,
דעם חיי-אָדם-מין,
מיט בליפענדיקן געוויין

אין אַ פֿאַרבלוטיקטן שטאַרבן,
אַ ריח־ניחוח פֿון שׂר־שד,
דעם שם־שמים צו להכעיס,
אַ האַרבער קרבן —
פֿלאַקער און בלוט־מתנה צו גאָט.

ביים איסט־ריווער־ברעג

אין עק שטאָט, ביים איסט־ריווער־ברעג,
אַ לאַסט־שיף מיט אויפרייסשטאָף,
אין מיטן טייך טוט זיך כראָפּענדיק טראָגן.
אַ רויטער־לאָמפּ אויפן מאַסט, ווי אַ בלוטיקער שטערן.
זי צערנט, וואָרנט מיט פּאַרע־האָרן
אירע שלעפּ־שוועסטער אין דער חשכות־וויסטער,
אָן איר זיך ניט אָנצושלאָגן.

אין דער פינצטער, צוויי סילועט־געשפּענסטער,
שאָטנדיק פּאַרלוירן,
שלייכן זיך ביי די אָפּגעלאָזענע מויערן,
אין מבול־גוס, דורכגעווייקט נאַס,
פּאַרמאַטערט, אויפגעשראָקן, צעציטערט,
פּולע זעק אויפן רוקן,
ווערן פון בליצן אויפגעלויכטן
מיט אַ פיין־טוטלעכן שיין.

ווער זענען די טונקעלע לייט, מוראדיק אָפּגעהיט,
אין שימער פון די ראַג־פּאַנאַרן,
ניט באַמערקט צו ווערן?
ס׳געהער אָנגעשפּיצט,
אַ קלעמונג אין ברוסט, ווי פּאַר אַ הוסט,
אָטעם קורץ, כריפּלע און ספּאַזמיק פּאַרצויגן,
טיף דערשלאָגן, פון רעגן פּאַרליאַפּעט?

פון וועלכע שחור־לעכער זענען די געהיימע שווערצער,
סאָפּנדיקע, מיט הערצער קלאַפּענדיקע, ארויסגעקראָכן,

ניט זיכער אין אָנזיכט פון ליכט,
בתוך דער צעוואָיעטער נאַכט?

ווינט רייסט, רעגן שמייסט,
פּרצופים טריב, אָנגעשפּיצטע שפּאַנען,
אַקעגן וואָלקנס אויפגעבליצטע,
אין די ענג-שמאָלע אָפּל-געסלעך
צו דאָביוועז זיך צו אַ שיפל,
וואָס סיגנאַלירט די צוויי אַריינצוקריכן.

זיי וואַרפן אַפּ די רוקזעק,
שווימען אַוועק
מיט אַ טיפן סוד פון דער שטאָט,
ווערן פאַרהוילן,
אין טונקל-תהום פון פחדיקן אָרום
איינגעשלונגען.

מיין וואָרט איז האַרט

מיין וואָרט איז האַרט,
שטומפּיק, אין זיך איינגעענגט,
אַלט-מאָדיש,
ניט מעלאָדיש.
האָט ניט דעם קאַדענץ-קלאַנג,
ווי אין קינסטלער-האַנט ס׳מוזיקאַלישע אינסטרומענט,
אָדער ס׳אויסשטודירטע
וואָקאַל-געזאַנג, שליסל פון זעל-היכל,
צו די סודות און חידות פון כביכול.

פאַר וואָס, הימלישער האַר, צעכוואַליעט זיך ניט
מיין לשון
מיט נפש-ברי ווי די וועלן פון אַ סימפאָניע,
וואָס איינע די אַנדערע פאַרטוישן?
צו נידריקן און הייבן זיך,
אין אַ נשמה-שפּראַך —
טאָנירט פּאַרציטערט, צעוויברירט,
ווי פון סטרונעס?
אַ מין טונקלונג און אויפשיין,
וואָס דאָס אויג פאַרפייכט,
מאַכט די געפילן האַרב,
ווי אין וואַלד דער פויגלישער טשירפּ —
אַזאַ זינגעוודיק געוויין?

פאַר וואָס איז ניט ביי מיר אַ רעגיסטער,
אַ זילבן-מעסטער,
ווען כ׳טו טינטיקע שורות אָנפּליסן —

ווי פּליימן-פּייף,
וואָס צעוויגט התפּעלות אין תּפֿילות,
געלענן ווו איינגעשוויגן?

מיין וואָרט איז האַרט
האָט ניט דעם בייג, וויג,
סטרונע-קלאַנג,
פֿון אַן אינסטרומענט
אין אַ קינסטלער-האַנט.

דעם שוואַרצזעערס אַ חלום

דער חוזה, מנחה־צייט שפּעט —
ווען זון־שטראַלן זענען אויף פּענצטער־שויב געפאַלן —
האָט פאַר זיין שטוב, עגמתדיק דערשלאָגן,
אויף שטעקן אָנגעשפּאַרט,
ווען זיינע פאַנטאַזיעס, וויזיעס,
אַ פינצטערדיקער אָפּגענאַרט,
אין שפּלדיקער ירידה,
צו אַן עדה גערעדט:

מיין יאָגן זיך אין רוים,
הויערנדיק אין די ספערן,
ביי די דעמער־ראַנדן, ליכטיק צעצינדן.

פון לבנה און שטערן זייענדיק אַ שכן,
העכער די כמאַרעס,
ווי אַ וויכער אַרומגעטראָגענער,
מיט אייגן פאַרבלענדט אַריבערן האָריזאָנט.

זינקענדיק אין תהום,
נעזען אומבתולות, מיט בייכער צעשפאַרטע,
זיך צאַפּלען אַרויסצומפּילן שחת־רוחות.

די מטרוניתא ארורה,
האָט בייז אויפגעזאָטן, די ווייען אין זיך געקנעטן,
דאָס שד־שרץ צו צעשטערן.

בנות נידה, אין חבלי לידה געבונדן,
באַגאָסן מיט שוויים פון קראַמף אין די גערדערעם,
האָבן האָר־שויבער געריסן, פעל פון זיך געשונדן,
געוויקלט זיך ווי שלאַנגען.

כ׳האָב פאַרנומען —
יללות, קולות
פון צעריטשעטע נבלות,
חשמל־טעכטער אויפן בראָכשמול
אין זייער וויסטער מערכה.

אויך אויף ערד־חשכה,
האָט מכשפות־געוויין זיך געהערט:
אומקום־ברום
פון באַפּרוכפּערטע מכל המינים ברואים,
טהורים און טמאים.

עופות פּישטשען פאַרן טויט,
אומפליִיט מיט געזשום
זענען פון באַהעלטענישן אַרויס,
איינגעקוואַרטע מיט די אייעלעך פון זנות —
פאַרן ניט לייגן און אָפּצעגערן אַ שווער פגרן.

די בנות־נש האָבן געזשלאָקעט פון אַ פלאַש
אַ סם פון שיכור־שויטן —
דעם אויפהאַלט־פּיין אָפּצוטויטן,
לייבברען אָפּצוקילן;

אין אייז-ליילעכער געטאָן זיך הילן,
געשריגן,
ביטערניש אויסגעשפיגן.

ס'זענען גלחים מיטן גייות שיכורע
געלאָפן צעקלינגען די בתי-טומאהם;
פריסטער, געצנדינער אין מדבר וויסטער,
פון פּאָקן געשטופּלטע,
זענען אין די זאַמדטאָלן אויף די פּרצופים געפאַלן;
דער שייך אין טורבאַן, אויף זיין האַרעם-טורעם,
מיט צערעווועטע ווייבער אין די קינפּעט-שטיבער,
האָט געמרוקעט אַ תפילה צו אַללאַ;
רביים האָבן מטבעות אָפּגעשפּראָכן פאַר קמיעות,
געפּרוווט דעם גזר פון פאַרשאָלטענעם דור אָפּשרייען,
מיטן שופר-בלאָזן.

שׂטן האָט ניט דערלאָזן:
אָנגעטראָגן זינד
פון שטורעם-ווערעם,
צעשלענגעלט אין ווינט.

אַזוי האָט ברמיזה דער בעל-חוזה,
פאַרלירנדיק דעם גלויבן,
זיינע טונקעלע רייד פון אַ בר מרידה
געהייסן פאַרשרייבן.

אָנשפּאַרנדיק אויפֿן שטעקן מיט וואַלד־קאַרבן,
האָט ער אַ קללה בקול־רמה אין וועלט געטאָן שיקן,
ווען אין די שויבן איז שקיעת־החמה,
מיט שטראַלנדיקן אויסבויג,
אין אָונטערויט
בלוטיק אָפּגעשטאָרבן.

נאַכט האָט פֿון אַלע ווינקלען
אין כל עולם אַריינגעקוקט,
באַטריבט זיין אויג —
זעענדיק שלום־טויבן,
ווי שוואַרצע ראָבן,
אָוועקשוועבן.

אַ קאַשמאַר

אַ קריגער בייז מיט צעשויבערטע האָר,
אין מיין קאַשמאַר-טרוים,
אויף זיין הירזשענדיקן אָגער,
איז איבער אַלע צוים-פּלויטן אַריבערגעריטן,
פאַר מיין פענצטער, בעתן דורכיאָגן
אין נאַכט-פינצטערניש מיט אַ פייף —
מיין נאָמען אויסגעשריגן:
דו, מיט נשמה פאַרווייקט אין טומאה,
זיי אַ מחותן אויף דער חתונה, ווו שדים שפּילן
פיר קאַדרילן-מחולות פון אויסגעלאַסענע
מיט די בנות לילית.

האָט עס מיך פון בעט אויפגעטראָגן,
כ'האָב ביטערניש אויסגעשפּיגן,
שלאָף-כאַלאַט אויף זיך געכאַפּט,
אַרום לענדן גאַרטל פאַרבונדן,
און בין אַוועק מיטן טשאַדענדיקן פאַקל,
צום שלענגלדיקן וואַלדשטעג,
ווו ציגן מעקען,
אויף מרמר-ביימער קאַפּקעס קראַקען;
געגאַנגען מיט סאָפּנדיקע לונגען,
באַטרעטן שׂטן-פעלד פון נפקחס,
ווו פון רוחות —
צעפלאַקערטע שטורקאַרצן, רויכעס זעצן.

אַ מכשפה מיט אַ הויקער
האָט פאַרשלאָנדרעט צעדריפּקעט,

טויט־שיכור, מיר אַקעגן געהאָפּקעט,
און שדיכיש געשאָלטן.

ס׳האָט מיך גערייצט
קלאָג־מרוק פון פידלען און באַסן,
מיט סמיק אויף יאָמער־שטריק,
ווי קעץ קידער־ווידער צעמיאַוקעט.
ס׳וואַלדיקע רוישן האָט ביי די נבֿלה־וועכטער
די ליכטער אויסגעלאָשן.
די לבֿנה־סוטה איז פון הינטער די כמאַרעס אַרויס,
באַשיינט די טויטע.

חתן־כּלה אונטער דער חופּה, ליפּן פאַרביסן,
אַ נוגה־קליפּה מיט אַ לויה־יללה,
זיך רייסנדיק די האָר,
באַוויינט דאָס פּאָר,
זעענדיק ווי גיהנום־פליגן,
מיט פייער־גלוט זייער מאַלפּע־בלוט זייגן.

לונאַ־וואַנדלערין ווערט ווידער, אַ פאַרנעפּלטע, בלינד.
עמען מיט קאַלטע הענט טורקעט מיך,
סאָפּעט צעכראָפּעט, בלאָזט אין מיר זיין דעך,
כ׳הער זשאַבעס קוואַקען
אין די זומפּן, באַלויכטן מאַת אַ שוואַרם גליווערעם,
מכשפות מיט האַקל־נאָדלען שטריקן חלום־אימות
פאַר אָפּגעמינטערטע פון פאַרפלאָנטערטע שרעקן,
אַריינצוקוקן אין די תהומות פון סוף שלאָף,

װי אַן אינקובוס
מאַת חושך אַרױס, מיט שלאַנגען-צונג ס׳פּרצוף לעקט.

כ׳כאַפּ זיך אױף פאַרטשאַדעט.
בײם האַרצן נודיעט,
ס׳שװינדלט אין קאָפּ,
איך שפּײ דרײ מאָל אָפּ.

אינדיע־מויד

פון די פּאַשאַנאָדן

אינדיע־מויד, אויפגעבליטע
אין אָריענט־לאַנד,
צעבלענדט מיט מאָרגן־רויט —
חוה־טאָכטער,
פון סרים־וועכטער אָפּגעהיטע,
מיט תאווה אין די אָדערן,
אַ יצרדיקער צעטרייב אין פלאַמיקן לייב.

בעת ס׳קאַיאָרט זיך דער הימל מיט מזרחדיקע זשאָרן,
באַפעל שפּאַנען יוניקאָרן־שימל,
אין מלכות־וואָגן מיט גאָלד־באַשלאָגן.
אונטערן באַלדאַכין, פון זון צו באַשיצן,
טו אויף קרוין־שטול דיך זעצן,
מיט בריליאַנט־פעכער אין האַנט.

וואָרן די פאָרויסלויפער,
דיין נאָמען־אויסרופער:
פון זילבער־טאַצן
בלומען צעוואַרפן.
מיידן אין זיידן־היל און מיט מירטן־קרענץ,
דורך האַרפן־שפּיל,
אין אַ ניט פאַרשייטן שרעטל־טאַנץ נאָכבאַגלייטן.

מיט טראָמפּייטן־שאַל זאָל דער קאַרניוואַל
דעם לאַנגן מהלך,
אויף דרך־המלך זיך טראָגן

צו מיינע פּאַלאַצן פון גינגאָלד,
אין צויבערוואַלד,
ווו ס׳טוען פּעיען אַרומפּליִען.

איך, דער קייסערלעכער שׂר,
איינגעטראָגט אין אָקסידענט,
וועל אָנגיסן אַ כּוס מיט שפּרודלדיקן ווייַן,
פון קעניגלעכן שטול אויפשטיין,
ווינטשן, ווי זון ביים האָריזאָנט-ברעג,
טוענדיק שקיעה אָפּריכטן:
זאָלן לייכטן אונדזערע טעג,
נאָך אָפּגעדויערן צוריקגערופן,
דורך מערב-קאָרידאָרן צו אַנטלויפן.

אָריענט-פּרינצעסן,
די דינסטן, אַלט-פּאַרזעסן,
טוען מיט פינקלדיק טוי
דיין פּאַשאָן-לייב וואַשן,
צו קילן גוף און בלוט-געלויף,
בעת ביי אונדז פאַרנאַכטיק דעמערט,
גלוסט זיין אין דיינע אָרעם פאַרקלאַמערט.

שטיל-איין

שטיל-איין דיין האַרץ,
ווען באַטרעטסט ראַדפּלאַץ פון געבוירן-שטאָט,
פאַרטרפהט, צעשׂרפהט.
זעסט די גאַסן אויפגעריסן,
הערסט פון גוייִשער זייט
די קלויסטער-גלעקער הילכן.

גיי אַריין מיטן בלוט-אויפברויז
אין אַ חרוב קלויז,
ווו צווישן ווענט, קויטיק שוואַרץ,
איז געבליבן אַ לעצטע יללה ;
דורך די שויבן אַרויסגעזיפצטע
טו באַשווערן מיט הייליק וואָרט :
זאָל דער איבערבלייב
פון דער בהלה
פאַרפעטראָפירט ווערן —
אַ מצבה פאַרן עתיד לבוא.

די זכרונות,
ווי באַשריבענע,
אויף רעיון-לוחות,
ניט צו ווערן אָפּגעריבענע
אין מאַרכס קאַרבן, פון דור דורות,
זאָלן זיך איינהאַרבן ביטער,
און ווי אַ שטורעם-געוויטער,
אין אַ ווילד-וויי-געבריל,
זיך גרוילנדיק אַרויסשרייען.

בין איך זיכער?

בין איך זיכער, אַז ס'איז אַזוי:
וואָס ס'אויג כאַפּט אויף מיטן קוק,
די רעטענאַ פילמירט, מוח פאַררעגיסטרירט —
און שיקט דורכן רעיון אַ מראה כהרף-עין,
אויסגעטאָגט צוריק?

אין מענטאַל טראַכטן,
דמיונדיק זע זון רונד,
מיט איר פייער-בלענד בליסקענדיק צעלויכטן?

איז די ווייט-גרויסקייט פון צעשטחטן רוים
ניט אַ טרוים,
אומגעהייער פוסטעניש,
אין אייביקן געדויער אַ ווירוואַר
פון נעכט איינגעטונקלטע,
מיט פונקען אין הימל איינגעשפּרענקלטע?

איז טאַקע ווי איך אָפּטיש פאָטאָגראַפיר,
פאַנטאַסטישער אָנווונק פון געדאַנק,
וואָס פורעמט הווה-בילד, טבע-געשטאַלט?
אַז דער גראָ-בלייכער פאַרטאָג, נעפּלדיק צעקריכט
פון פאַרן קאַיאַר-צעגלי, האָריזאָנטיש אויפגעפלאַמט?

דער געוואַי, בריל, ברום, געביל,
רויש, קלאַנג, געזאַנג,
געוויין, קול פון יעדן טאָן —

געגוי געמיינט,
ווי די שמיעה פֿאַרנעמט?

איז ניט די ראיה בלינד,
אויפֿצוכאַפּן ס׳איבערזיפּן
פֿון צעפּעכערטן ווינט?

רויך פֿאַרחושכט שחרית-הייך מיט אַ כמאַרע;
אַזיערעס און טייכן
טוען מיט זייער גרויער נעפּל-פּאַרע
דעם בלאָ-אויסשפּרייט פֿאַרהויכן,
ווערן שפּעטער לויטער-שפּיגלען מיט זון-לייש געגילדט,
פֿאַר מיר בר-נש,
אַריינצוזיגלען מיט נשמה-אימה
אין די בלוטן צעזאָטן
כל-עולם-חלום.

זענען ניט דאָס פֿון ימי-קדם,
אין מיר, דעם בשׂר-ודם-תם,
אַ בעל-מגושם מיט שטומפּע חושים —
איינגעוווינטע כללים פֿון באַגריפֿן,
אַ מיראַזש?

איז דאָס אויג
מיט פֿאַלשן שיין-ליכט
אויף שאַרפֿשטיין אויסגעשליפֿן,
אין קראַפֿט

ביים לעבן צו האָבן
אַזאַ וויזיע אויסגעדאַכט?

שיינט פינקטלעך דאָס
וואָס כמה וכמה יאָרן
האָבן אור־אָבות, איש ואשה,
קדמון־צייטן איינגעצלמט —
אַ רעיון ירושה
פאַר עתיד־דורות צום זכרון?

אויף אידילישן פעלד,
אין דזשונגלישן וואַלד,
ווער איך ניט פון שאַרפן ריח־געדוך
מאת בלימל און שוועמל באַטרונקען?

כ׳דערוויטער זיך פון צייט טויטער, וואָס געוועז,
פאַרליר אין גיין דעם שפּאַן.
מיטן היינט פאַרשווינדט
דאָס וואָס איז ווי אַ נס־פלא
אַרויס פון דער אפלה —
כל־טבע, פון דמיון־זומפּ אַרויסגעטויכט.

די זוניקע זריחה
פון הימלרוים
צעהעלט אין מיין דמיון־עקראַן.

ס׳חקרן-מוסרל,
פון מחשבה אויפגעטריבן,
דעקט אויף אין אַ טונקל-מאַרך-ווינקל,
ווי אין אַ זכר-טאָוול איינגעשריבן,
אַ הכול-הבל.

דאָס זעוואַסערל אין אויג
שפּיגלט אָפּ מוחס אורנאַטור-באַגריף,
ביזן בליקס פאַרגלייזטן סוף,
אין אויפגעלייזטן פאַרקילטן גוף.

דאָס מאַרמאַרונאַ־בלימל

פון ציקל אינדיע—ניו־יאָרק (נאָך טאַגאָר)

דאָס מאַרמאַרונאַ־בלימל
האָב איך אין פעלד געזוכט,
געשכנט נעבן דעם ריטמוס־גרעזל,
פאַררעכנט, ווי דאָס גלימצער־שוועמל.
ס׳ברענגט מזל
מיטן פאַרבאָרגן ליכט —
שאַקונדראַ!

כ׳בין פון הויז אַרויס,
נאָך אַ שפריירעגן,
אין אַ שלעכטער לוינע,
דערנידעריקט און דערשלאָגן,
פון חלומות ביי נאַכט,
אין מוח דמיונדיק דורכגעטראָגן.
געגאַנגען אויף די סטעזשקעס מיט דער כוונה,
אין פריִען באַגינען,
ס׳צעבליט זעלטענע,
צווישן די ווילדגעוויקסן באַהאַלטענע,
מיטן אַראָראַ־שיין געפינען.
זיין זוכה צו גאָטס ברכה
אין דער פאַרחושכטער שטוב
מיט פאַרשאָטנטע ווענט.

כ׳האָב צעשטראַלטע זון־געגילדטע, זיבן,
אין צעהעלט טויִקן פעלד אָנגעקליבן,
אַ פייערטרוים

פאַר דער היים —
בענטשנדיק
די קאָסמישע שיין
אין בלימל־פּלעמל איינגעשפּונען —
שאַקונדראַ!

ליכט, פון ווייט איינגעזויגן,
צעשמייכלט דאָס געזיכט,
אין כמורנע קנייטשן איינגעטרויערט,
פאַרטרייבט אימה־שאָטן אין נשמה איינגעלויערט.
אין מיינע הענט אַ בלומען־קרוין מיט בריליאַנטן־פלאַם.
כ׳טראָג גליק מיט געזאַנג,
וואָס איז פון מיר שוין
יאָרן לאַנג אַוועק.
איצט, פאַר נאַכט, ווען ס׳לעשט זיך ס׳שקיעה־ליכט,
איז שוין שפּעט.
כ׳וועל קאַיאַר אַרוים אָנפּליקן,
דורך לופט — אַ בוקעט דיר צושיקן —
שאַקונדראַ!

טו אויס דעם טרויער־שלייער

טו אויס דעם טרויער־שלייער,
פֿאַרפֿאַרב די גראָע האָר,
דעם אַלטן שאָטן שטופּ אָפּ —
לאָמיר ווי אַ יונגע פּאָר
אין אַ לוסטיקן טאַנץ
פֿון אָפּגאַנג־יאָרן
זיך אַריינפֿאַרלירן.

אין אַמאָל צעהעלטן, פֿאַרשוועבטן חלום־פֿעלד,
מיט זונגאָלד באַלויכטן,
וועל איך פֿון בלומען און טוייִקע גראָזן,
אַ קראַנץ אויספֿלעכטן,
באַקרוינען דיין קאָפּ, חנה מיינע.

ס׳בענקט זיך נאָך טעג פֿאַרשווּנדן;
מיט שטראַלן־שטריק געדאַרפֿט זיי בינדן,
באַוויינען און אייביק שוינען.

פֿרילינג־שיכּרותדיק אָנגעזאָפּן,
זענען מיר פֿון האַנטס דערגרייך,
פֿאַבולאַ־אוצרות פֿאַרביק רייך,
אַנטלאָפֿן,
געלאָזט זיך, שטאָלציק גרויס, אין אָנגעכמורעטן אַרויס,
בתוך נעבולאַ —
פֿאַרהוילענעם גליק אָנצוטרעפֿן...

קום שיפלען זיך אריבער צייטאפלויף —
אין א זעגל־לאדקע,
אויף הינטערווײלעכץ־געמאלעכץ —
וואסער־שפיגל
פון פארגעסענעם אפגעפלאסענעם טייך,
מיטן שקיעה־גלאנץ אונטער אונדז.

לאמיר זיך איבערדרייען,
דערזען ביים הימלראנד
נאך א טאג אין בלענד פארגליִען —
מיט פלאטער־לוסט, ווי פייגל פליִען
אויפן צוריקוועג, צום מערב־האריזאנט אין פלאמען,
איידער ערב־טרוימען צעשווימען...

געארעמטע, מירן שליטלען זיך אויף שנייִקע וואלקנבערג,
פון נעפלווארג געפורעמטע,
פלאקערדיק אנגעצונדענע,
אין די טונקעלע זוויער־שפאלטן, ניט ווייכן —
טאמער ליגט אונדזער זריחה פארשווונדענע ווו באהאלטן.

ס׳ציט אויף עבר־וועג —
וווּ מיר האבן זיך ביי די הענט געפירט,
דורכשטרייכן ס׳שטיקל שטעג,
וואס איז אנדערש ניט צו גרייכן —
מיט ברוכשטיק אנגעווארפן,
צעגליט אין אפשיין פון טאג.

לאָמיר פּענטען דעם בליסק,
מ׳וועט אים דאַרפן,
אויף די אָפּגאַנג-שוועלן,
ווו אַ ביסל בלענץ וועט פעלן --
דעם סוף אויסצופילן.

בנשמה קדושה

כ׳וועל שווין דורך שאלות, במקום תפילות,
בנשמה קדושה, די הייכן פון גן־עדן ניט דערגרייכן.

פון אורשלאָף, אומגעריכט,
דורך אַ מוטער־טראַכט אַרויסגעבוירן,
אָנצודויערן אין גוף;
ס׳זידנדיק בלוט זיבעציק מאָל אַ מינוט,
פּולסיק צעבאַקעט,
טוט צעפּלאַטערט חיות אין אָקסיזשען וואַשן;
אָטעם קורץ פּיטערט,
צער אין הארץ — אילע מיינע יאָר.

בלינד, פאַרפינצטערט פון זינד, אַ בעל־שיבה,
כ׳וועל אַוועק צוריק, די פייערן אויסגעלאָשן,
אַן עפּר־שלעפער ווערן, אונטער אַ מצבה,
מיין נאָמען און עבר צו דערמאָנען.
אַ פאַרבלאָנדזשעטע בין וועט אויפן קבר אַרומזשומען,
בעת איינטונקלען פון זון, פאַרן אויפקום פון שטערן.
אין גראָז, נאָך שפּריירעגן נאַס,
אַרומהאָפּסען וועט אַ זשוק,
מיט פיפסן־קלאָג.

לויטער, מיט קדושה־ציטער,
אַ בן־אשה, אַן הימלישן בטחון,
כ׳וועל ביי דער פמליא של מעלה,
אַ תיקון נישט זוכן.

מיין פאַרוואָגלטע זעל,
און אומוועזן,
ווי ס׳רויכל פון אַן אויסגעטשאַדעט ליכט,
וועט אויף השגחהס באַפעל
פלאַטערדיק אויפלייזן.

פון מאַמע-שויס אַרויס,
אַ וויינענדיק עופל,
מיט צעשראָקענע אויגן,
צעקוקטע אין דער וועלט,
וועל אַ שפּל אַוועק צום מקור צוריק,
און איינגעפרירטער אין קעלט,
די ראיה גלייזיק פאַרצויגן.

אַ כופר, אָן טלית, אָן קיטל,
אַרום וואַלד און פויגל-געזאַנג —
זיין אַ שוכן-עפר, גרייט פאַרן גיהנום-ריטל.

נאָך זונפאַרגאַנג, איינגעבלוטיקטער רויט,
צווישן די קברות-בלומען וועט אַ בין אַרומזשומען,
פון מיין סמיקן שווייגן
זיך חושכדיק אָנזייגן.

פאַנטאַ־מורו

פון די פּאַשאַנאַדן

פאַנטאַ־מורו,
מכשף־טאָכטער !
ניט אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה ביי אַ קאַניץ־ליכט,
פון אַ ראָמאַנען־דיכטער
אויף פּאַפּיר־בלעטער פאַרשׂכלט —
האָב איך דיך אַרויסגעביכלט,
אַ צויבעריש בילד,
פון פאַנטאַזיע אויפגעטרילט.

מיט קלאַפּטער־שטרייך
שוואַנען־טייך,
אַריבערגעשווּמען,
אין לבנה־שאָטן בלאַסן
בלומען, רויזן אָנגעריסן.

איך, דער דאָן־זשואַן,
נאָך חצות אין געאייל,
נישט געשטויגן,
בין דימיונדיק
צו דיין קרישטאָל־שלאָס געפלויגן
דיך צו זען.

מיך ציט אויף דער וואָר
צו דיר,
מיט ברוין־שׂרפעדיקער הויט
און לאַנג צעשויבערטע האָר,

פּאַשאָן-מויד —
טרעפן דיך אומגעריכט
אויף פּיליטראַ-שטעג ביים אָזערע-ברעג,
אין אַ לבנה-נאַכט הויערן,
ווען מעטעאָרן, ווי שטערן,
בתוך ווייט-פינצטערניש פאַלן,
און פאַרלאָשן ווערן.

פון דיין באַפאַנג
ווער איך צאַפּלדיק יונג —
די בלומען זיך צעשפּילן.
כ׳טו דערפילן די כוואַליעס
פון דיין צעהיצטן גוף,
די גלוסטונג אין מיר רעגט אויף,
ניט צו שטיין נעבן דיר,
ווי דער אַסטראַל-זעער,
וואָס איז, דורכן שפּאַקטיוו פאַרגולמט,
צו מאַרס און יופּיטער געווענדט,
טוט אין די הימלען שוועבן,
ווען נעבן אים זיין ווייב
בריהש, פרוויִש, מיט תאווה ברענט.

מײַנע פֿרילינג-טעג

קומט אָן אין אַ נײַבאַשאַף פֿון עבֿר-שלאָף,
אין ווידערהאָלונג, מײַנע פֿרילינג-טעג —
שײַנענדיקע פֿון אונטער וואָלקנס אַפּערגעהילטע,
אויף שמש-שטראַלן אויסגעשפּילטע.

אויפֿגעגאַנגענע אין מײַן געמיט,
פֿאַרשוווּנדענע אין אָוונטרויט,
בײַם מערבֿ-ברעג,
אין אַ כּישוף-שקיעה,
פֿון לא היה אַרײַנגעדרונגען,
זיך אַרײַנגעמעקט אין השכּחה, וואָס אָנגערוקט.

שפּראָצט אויף, פּרי צעבלענצטע,
אין מײַן אָפּגאַנגגוועג, ווי כ׳יאָג
מיט פֿלאַטערזעל, באַרג-אַראָפּ, צו שאָטנטאָל.

בליסקעט אויף פֿאַר מיר, דעם מידן,
אַ וויזיע פֿון צעהוליעטע יונג-מײדן מײַנע,
מיט צעפּ צעפֿלאָכטן,
אין צעצונדענעם האָריזאָנט —
אַרויס פֿון כמאַרעס, וואָס צערינען,
חלומות, וואָס פֿאַרוויאַנען.

געשטאַלטיקט זיך אויס פֿאַר מײַן ראיה,
ראָזעווע,
מיר אַקעגן אין זון-זינק-שליאַך.
לאָז ס׳האַרץ צעבליִען אויף מײַן אָפּשיידצוג,

וואָס פאַרקערעוועט זיך שמאָל געשלענגלט צום טונקעלן פאַרפאַל,
צו ליגן אין שחת־שאָטן איינגעשוויגן...

כ׳טו צוריקרופן ס׳חיות אָפּגעלאָפן,
נשמה־קנויטן, ווי ווונדן אָנגעצונדן,
ברענען, סאַזשען אוים און אַנטויש־אַש,
אין בלוט פון אומרו אויסגעגליט.

טרוימט אויף, צעפּלאַמט, טעג צעשפּילטע,
פון נעפּלען אַרויסגעהילטע,
אַן אָפּשלום־גרוס, שפּאַנענדיק פאַרוים.
מנגנט אוים מיין יוגנט, פאַר מיר דעם בעל־חוטא,
איידער מיין לעצטע שעה אין גלי
אויפן שקיעה־שליאַך פאַרשווינדט.

דער חסר-דעהניק

אויף אַ שאָקל-בענקל געקריפּלט,
אין שווינדל-שאָטן פון לאָמפּ-געצאַנק,
וויגט זיך הין און צוריק דער חרוב-מטורף,
מיט אַ געקריג אין צעמישטן געדאַנק.

האַרץ פאַרשניטן, שעלט.
אַ מאָל ווען מיוּשבדיק, פון פאַרהונגערניש געליטן,
געמאָנט ביי בלוטיקער זדון-וועלט
אַ שניצל און ווייצן-פּלעצל,
מזונות, פּלאָדן,
פּרוכטן, האָניק-חלה געפלאָכטן,
זיך אָנצווזעטן.

איצט, אין שגעונדיקע רעיונות,
זיצט אַ גערירטער צייט-קרבן,
מיט ברענענדיקן שאַרבן,
און מוחדיקן יאָך,
אים דאַכט:
אין וויסטע מקומות,
ניט-גוטע צעווײנט און צעלאַכט,
שפּינען אוים פון אַ פינצטער-שפּול,
מיט שדים-פּעדעס,
הוריות און גרויל-חלומות.

דאָס מויל פון בעל-סותר
מאָלט פאַר פייער און וואַסער
דיבורים ברמזים.

פלאַטערנדיק און ציטערנדיק,
זעט ער
דעם שטן־שוואַרץ, פאַרריסט,
אין הימל־רוימען,
צווישן לעשנדיקע שטערן,
שמות און נשמות,
פון פּרושים, קדושים,
מיט אַ דראַפּעטש־בעזעם,
פון רויכנדיקן גיהנום־קוימען,
אין אַ סאַזשע וויסט,
זיך אין בוזים אַריינקערן.

מיין וואָרט

מיין וואָרט
זאָל זעל און גוף אָנהייצן
אין יעדן ווינקל,
ווו ס׳איז טונקל,
שימלדיק און נאַס,
אין פאַררויכערטער גאַס
פון ענג־אָנגעוואָרפענער שטאָט.

זיין אַ שטראַלנדיקער אויסלאָד
אין דאָרף, אין שאַכט,
ווו אייביק חושכט די נאַכט.

פאַרן קראַנקן אין בעט,
הונגעריקן, אָן ברויט צו זעט,
געקריפּלטן נאָכן פאַל,
געמרה־שחורהטן מיט גאַל פול:
פאַרן איינגעקערקערטן אין תפיסה,
געאַנגסטיקטן אין גסיסה —
אומעטום זאָל מיין וואָרט
אָן אויסגעדאַוונטס פרום,
וועקן
און שיקן סנאָפּעס זון צעשיינט
צו די איינגעדלותטע כאַלופּעס,
פול מיט קויט,
איינגעוויגטע אין נויט.

פּאָטער זיסער

פּאָטער זיסער,
שענק הייליקדיקע ליכט
אין די איינגעוויסטע הערצער,
מיט שׂנאה צעוויטיקטע,
פון קנאה־געפילן אָנגעשוואָלן.

די אויף די מקדש־שירה־שוועלן,
אין פאַרדויכערטע ברילן —
טייל צו אַ וואַרעמען גלי,
אין פאַרוואָלקנטן בליק,
אַ שטראַליקן אָפּשיין פון דער זון.

זינק־מורא און מרה־שחורה
אַרום מויל־ווינקל,
טו אין אַ שמייכל פאַרבייטן.
זאָל הימלישער פלאַם פאַרצערן דעם אייפער־סם,
וואָס ווי פונגוס־פעסט נשמה און אינגעווייד פרעסט.

פיל אָן שיכרות־כוס זיי פּאָעטיש אָנצוזויפן,
און נאָכן טרונק גיב נאָך דעם פאַרלאַנג,
אויפן פּעגאַס־סוס צו רייטן
צו עתיד־צייטן;
פאַרן געזאַנג צו די שטערן,
היים זיי פירן
אין אַ גליִענדיקן וואָלקן־וואָגן,
אויף רעגן־בויגן־וועגן,
אין געקלעטער איבער קראַטער.

צום פֿאַרנאַס־באַרג,
מאַת די מוזע־געטער,
ס'הימליש הערלעכקייט אויסשרייען אין די פֿריִען,
ווען די אָדלערס פֿון די נעסטן זיך צעפֿליִען.

פורנאַ-לי

פון די פּאַשאַנאַדן

דיין פּאַרראַט בראַט אַ שוידער אין מיין האַרץ,
ווי פון אַ צעגליט אָנגעשיט שוואַרץ-פּעפּערדיק געווירץ.
ס׳איז במילא חולה,
לאַנג שוין דורכגעשטאָכן,
מאַת דיין כיכיכיש לאַכן
מיט גאַל און פון צעפּרעסענער זעל.
כ׳וויים און פּיל דיין דאַרביק-האַרביקע טערפּקע האַס,
כ׳קען דאָס שאָטן-רוחל
פון דיין קרומען שמייכל,
דאָס טרערל
און שפּיאָן-פייערל
אין אויג, וואָס ציט צו,
ווי דער גלאָץ-קוק פון אַ סקאָרפּיאָן.

דו, מיט איבערגעזאָטענעם טשאַד
אין פאַרסמטן בלוט!

פון ווען אָן, שוואַרצע אלמנה-שפּין,
ביסטו פון וואַנזין אָנגעטריבן,
מיט פיבערס פון אַ מאַניע,
אין דיין פאָוויאַטינע מיך פאַרוועבן?
מאַת ווען אָן, סוטה,
האָסטו מיך אויסגעקליבן,
מיט דיינע שמד-שטיק פּיטערן,
אַ שאַרפּעדיקע פּיין, ווי פון באַרבאָטין,
אין מיין נשמה אַריינצוביטערן?

אַ נחש־כּישוף אין דיין מראה
איבערוועלטיקט מיך,
שווינדלט אין מיין ראיה
שרעקט און לאָקט צו זיך.

דיין רייץ שפּרייט אַן אומזע־נעץ
צו פֿאַרפּלאָנטערן,
זיין פֿאַרהויכט אין אַן אָנמאַכט,
ניט זיך אַרויסצומינטערן
פֿון דעם הלשות,
אַן רויש אין נפש און אין געמיט אַריינגעזידט;
צו בלייבן אַ געבונדענער אין די היפּנאָז־שטריק
פֿון דיין שאַנגרילאַ —
פֿורנאַ־לי!

אורחים צוויי

ס׳שטייען ארחי פרחי צוויי אויף אַ קברות־פעלד,
וואַגלער, בעטלער איבער דער וועלט.
זיפצט דער איינער, וואָס טאָרבע פאַרבינדט,
צו דעם מיט אויגן־ראיה הושכדיק בלינד:
פרעגסט די צייט און שעה,
אויף אַ הקדש פאַר ביינערדיקער רו?
ס׳איז צווישן טאָג און נאַכט,
ס׳מינערט זיך ס׳שקיעה־ליכט,
צו אַ מקום דער וועג — נאָך דויערנדיק ווייט.

ווו דו גייסט און ביסט
איז חרובדיק וויסט.
אַ צלם־גולם באַוואַכט דעם בית־עולם.
ביי דער זייט — בלוט־זומפּן,
עיפּושדיק פאַרדומפּן.

פון געבערגלטע בייטן,
אין דער טיף, ווו טויטע שטומען,
בלומען רויטע שטאַרצן אויף,
בליִען, פאַרגליִען,
אַריינבריִען זיך אין האַרצן,
אימה אין נשמה צו פאַרשפּרייטן.

די לופט איז מיט נבלה־גערוך
פון בהלה אָנגעזויפּט.

ס׳טראָגט זיך אָן דער פינצטער־מאָנסטער
פון ערב־וועג מיט שרעק.

ס׳שווימט אַרויס די לבנה
פון אַ כמאַרע — ווילד משונה,
טוט אַ בליק
און פאַרשווינדט אין וואָלקן־פינצטערניש צוריק.

ס׳צעוויגן זיך שאָטנס.
אין די מתים־גאָרטנס שרצים ראָיען,
פלעדערמייז איבער טויטן־וואַלד
שוועבן אַרום אין נאַכט־טריב,
שלאַנגען וויקלען זיך,
אין מחשבה טיפער פאַרשלעפער־שפינען
קענען ניט פאַרוועבן זכרון־ריסן,
אין עברדיקן זינען,
מאָיליק זשאַווערדיק צעפרעסן,
סגפנות און פחדנות
קינדלט, שווינדלט,
אָבער, ווידער, אין אַ דורכלויף,
צאַפּלדיק און מפּילדיק,
ס׳יללהדיקע און קללהדיקע
ניט צו פאַרגעסן.

דער משומד

דער משומד, פּרצוף צערונצלט,
שלאָפֿט ניט ביי נאַכט,
לויפֿט אַרום,
אַ צעטראָגענער,
פֿון שגעון אַרומגעטריבענער,
אין צעפּליקטן קלייד,
גרויליקן פּיין מיט ליפּן פֿאַרבייסט,
פּויסטלט די ברוסט מיט צעבריטער חרטה.

ר׳איילט צו באַווינטע שטיבער,
שלאָגט די שויבן אויס,
יאָגט פֿאַרביי די פֿאַרוויסטע קלויז,
דערהערט אַ געיאָמער פֿון תהלים,
טראָגט עס אים צום בית־עולם,
וווּ ווינטיקער שטורעם,
טוט ביימער צעוויגן,
די קברים צעראָיען,
דעם מקום פֿאַרוואָיען,
וווּ קדושים רוען.

דעם קרייץ, אויפֿן שטערן אויסגעברענט,
קילט ער מיט דער אייזיקער האַנט,
ווייל מחשבות פֿאַרווישן,
איז טויב צום יללהן
פֿון זיין ווייב, די זונה.
ער פֿרייכט פֿון זיך שׂנאה.

צום גייות־עולם,
יויז אויף צלם, איינגעריכט אין בלוט.

זיינע זיבן פעלן
מ׳זאָל מיט שטאָל שאַרפן האָבן געשינדט,
צו וואַרפן פאַר הינט און ראָבן —
איז די זינד ניט צו פאַרגעבן.
אַ פגירהדיקער האָס איז איינגעסמט אין אים.
פרוווט אָדער זיך שלאָגן,
ס׳דם־רע אויסצורינען —
אווערט דאָס און פאַרגליווערט.
מאַרך־מוראַשקעס קריכן,
שפינען — שרעק וועבן.
וויל ער אַ מעסער אין זיך שטעכן —
ווערט קלינג אויסגעבויגן.

די אויגן גלאָצנדיקע אַרויסגעזעצט,
פאַררוקט און צעקלאָגט,
לויפט ער אַרום דורך די נעכט אָן שלאָף,
דערהערט אַ ווייגעשריי:
ס׳וועט אים ניט צונעמען די ערד.

דער בעל־מחשבות

דער בעל־רעיון,
אַלט, אָפּגעשוואַכט,
פֿרעגט זיך טיף פֿאַרטראַכט:
ווי אַזוי זאָלן די דמיונות אין די געהירן
וויזיאָנירן אין פֿיבערהיץ
זיין קץ,
ווען פֿראָסטעניש דרינגט אַריין,
בתוך אויסגעפּלאָמטן גוף?

דערזעען זיך אַ ניט אויפֿוועקנדיקן,
איינגעטשאַדעט,
אין אַ רויך שטיקנדיקן,
מיט אַ ריח־גערוך
פֿון טכוירן?

פֿאַרשטעלן זיך במחשבה,
אַן עיפּוש פֿאַרשימלטער,
בתוך גרויען נעפּל
אין הבל־עבר?

זאָל ער חושכדיק רעפֿלעקטירן,
פֿון סוף דעם אייביקן שלאָף,
פֿאַרפֿילמען אין שׂכל דעם אומקום־טרוים,
זינקענדיק בתוך פֿינצטער־תהום,
אין אימה,
צווישן רשעים,

וואָס נידערן און שווידערן
אין זייער האַלוציניאַציע פון דורכגעלעבטן?

איז קיין שום גיהנום־סטאַציע ניטאָ —
כאָטש אַן אילומינירטע תקוה,
אחרי מות אין אַ פייער־מקוה
די זינדיקע איבלען אָוועקטובלען?

וואָס טאָן אַ מינוט פאַרן שטאַרבן,
ווען אין פאַרסמטן בלוט
ספקות ביטערע זיך האַרבן?

זאָל דעמאָלט אַ זעל־פייערל אויפלויכטן,
זיך זען פאַרהימלט,
אין מילי־מילאָסן שימעריאַר אויסגעבאָדן,
געפינענדיק אַ סטעזשקע־שפור,
אַ שמאָלע גאולה־שיין פון גן־עדן,
אין די ווייטע שטחים פון פאַרלוירענע צייטן,
וואָס מלאכים האָבן מיט כוונה אויסגעטרעטן,
וווּ די שכינה וועט זיך נתגלה זיין?

טאָמער וועט אויך דאָרט דער גלימער,
פון הייליקן ליכט האָבן מאת אים געוויכט?
מוז ער כסדר אַ מידער
אין רעיון אונטערהינקען,
בלאָנקען אין תבל־צווינטער,
צווישן שטראַלן־פלאָנטער,

פון פייער־זונען,
פלאַמיקע רוימיקע אַרומלויפער —
אומבאַוווּסט פון אַ באַשעפער,
מיט פלאַקערן
אַן אָרביט זיך צעאַקערן?

וואָס זאָל ער
בעת זיין לעצטער צעהיצטער מחשבה
אין צעוויברירטע געהירן
וויזיאָנירן,
ווען משוגע פאַרן טויט,
גאַרט ער אַריינפאַנגען אין באַהאַלטענער זעל
אויף אָפּלדיקן וועג
אַ כביכולדיקן שטראַל?

ווירטואָז

ווירטואָז!
פּרוּוו אַרויסרופן
מאַת איינעגילגולטן שלאָפן,
דורכן סטראַדיוואַריוס,
אַ יגון־ניגון, וואָס איז פון אייביק אָן,
אין די וועלט־טיפענישן איינגעשוויגן
און וואַרט אויף אַ תיקון
פון דיין נשמה זיך אַרויסצוּוועקן.

טו כישופדיק אַרויסברענגען,
מיטן סמיק און פינגערדרוק,
איבער די סטרונעס,
אויף כינור־כלי אָנגעצויגן —
רעגנבויגן־קלאַנגען,
זון־באַגין־שטראַלן,
בעת ערשטער שקיעה
אין ים אַריינגעפאַלן,
וואָס באַווירקן אַרויסצושפּילן,
דאָס אָפּשפּיגלען פון יענעם שימער־טאַנץ
אויף די צעוויברירטע וועלן,
ביים זוים פון הימל און ים,
אַ דעמערשיין
מאַת אַ פאַרמנחה־ליכט פאַר נאַכט.

צויבער אַרויס אין אַ געבענק
דעם ערשטן שמש־פאַרגאַנג,
וואָס ליגט בחדרי־חדרים

אין דיינע זעל-מיתרים,
טשוכעט זיך,
ווען דו זעסט דעם פורפור-פלאַם,
איינגעשלומערט אין ים.

אַ בין-השמשות פון בראשית
אין אַ שטילער קאָסמאָס-תפילה,
וועלקט אַוועק יעדן טאָג
צו ווערן מיט גיהנומדיקן עונש-בראַנד
אין די קלאַטשעס געקלאַמערט,
איידער פון די געטונקלען
שטערן זיך צעפינקלען.

פאַרן אויסלעש

איידער די רעיונות
אין פינצטערניש פאַרפּרירן,
זאָל מיין געדאַנק
אין אַן אייביק־חלום פאַרפּילמירן,
אַ בלומען־פעלד,
אין אַ ליכטלעך־פאַרנאַכטלעך שימער איינגעגילדט,
מיטן אַראָמאַט פון ריח־גראָזן און רויזן,
פילקאָלירנדיק צעוווּנקען,
רייצנדיק פליגן און בינען
שיכור זיך אָנצוטרינקען
מיט נעקטאַר־זאַפט און דופט
אין אַרומשוועב, זשומען און טאַנצן
און פאַרפּאָלאָנעזירן מיט זוימען־שטויב
די צעבלימטע פלאַנצן.

בלייבן זאָל אַזאַ פאַרנאַכט
מיטן שקיעה־ליכט
אין דער ראיה־שויב
פון אויג,
אונטער דער פאַרגליוועטער ברעם
מיט פּורפּור־פלאַם
איינגעשפּיגלט,
אין מוחם מאַרך אַ מראה,
ווי שטראַלן־שטריק
ציִען דעם טאָג אַוועק,
צו ווערן, ביים בליסק פון שטערן אין יענער זייט,
פון זריחה אין חשכה איינגעקליידט.

מײַן שמיעה זאָל פֿאַרנעמען
אַ פֿרומען שפּיל
פֿון אַ בױגן־פּיר אױף פֿידל־סטרונע,
אַ ניגון מיט אַ קדושה־טאָן פֿון זון־פֿאַרגאַנג,
אַרײַנדרינגענדיק טיף
בתוך נצח־שלאָפֿנדיקן גוף.

נשמה־תמימה,
װי אַ פֿױגל פֿון אַ שטײגל־ענגשאַפֿט באַפֿרײַט,
מיט פֿליגל צעשפּרײט,
זאָל זײַן צעפֿלעדערט װײַט,
װוּ דער הימל איז צעגליט —
און אַרײַנבלענדן
בתוך בין־השמשותדיקן ליכט.

אַפילו פאַר דער פאַרוויסטונג

וועגן מיין שטעטל

אַפילו פאַר דער פאַרוויסטונג
איז ניט געשטאַנען צום האַנט-דערלאַנג
פענדזל און גילדענע פאַרב,
צו מאָלן דיינע בערג און טאָלן
צעבליטע,
אין זומערדיקן זונפאַרגאַנג.

ס׳גייט אויף מיט קללה געגורט מיין בלעם-וואָרט,
ווען ס׳צעפילמט זיך פאַר מיר,
ווינטווילדער אָנגעטראָג,
צעפעכערנדיק זאַווייען,
פאַרווירבלענדיק שנייען,
אין וואָלקן-שטויבן.

זיי ניט געדאַכט, יענע נאַכט,
ווען מיט אַ קראַך
האָט אַ ציקלאָן אויפגעהויבן
שטרוי און שינדלדאַך,
דלותדיקע אָרעמקייט ניט געשוינט.

טויזנט שדים, צעהוליעט אויפן בוידעם,
ווי רוחות פון אונטער סטריכעס,
האָבן ס׳קליינוואַרג אין די וויגן צעשריגן.
פאַר דער דאָזיקער שפּעטער שעה
פון צעפראַלטע פענצטער און טירן,
איז האַרץ צעקרעכצט און לעכצט צו שעלטן דיך.

ס׳קומט אויפן זינען,
ווי גע׳שטיפ׳ט האסטו מיך אלס קינד,
געכאַוועט דעם יעגערס און חזיר־שלעגערס הונט.
ס׳אַ סברה, אין דעם פנקס האָט מען ניט פאַרשריבן,
די איינגעיאָגטע מורא
ווען דער כלב האָט צעריסן מיר די תחתונים,
געלאָזן ציין־צייכנס אין פוס,
און וואָכן לאַנג
כ׳האָב מיט דער נשמה געפּאָכעט.

שטעטל סקאַלע!
אַפילו פּאַר אַ שטיקל פּאַסנע ברויט
געמוזט רייסן מאַמעס פּאָלע.
האָט זי געוווּנטשן זיך דעם טויט.
דאָס אַליין איז גענוג מיט גרימיק האַסן
דיך האָבן פון זעל אַרויסגעריסן.

פאַרוואָרפן העק!
אַנשטאָט פּאַרזייעטע בולבעס גראָבן,
אַריינקלויבן אין די זעק —
געפינען דאָרט שטיינער איז געווען באַשערט.
רעטעך, כריין, האָסטו אויסגעטראָגן,
קראָפּעווע און בריגראָז אויף שטראָז־זייטן,
פּאַסאָלע־צווייג צעבליט בלאָ און רויט אין גאָרטן־בייטן,
נאָר פוסט־ליידיק איז געווען די שויט.

אַגרעס, וועפּרענעס מיט אַ זויער־שטאָך,
טערפּקע אויבסט פֿון בוים —
ווער ס'האָט די פּרוכט פֿאַרזוכט,
האָט מיט גאַלשוים געשיקט אַ פֿלוך.

דאַרף איך הייבן הענט צו לויבן,
וואָס כ'האָב פֿון זיך דיין שטויב געוואַשן,
געשפּיגן קלעק און בין אַוועק.

פּופּציק יאָר זענען אַ סך,
גענוג געדעכעניש צו לעשן;
אויסדיכטן אַ דאָפּל־ים
אונדז צעווישן —
צו זיין נאָך ווייטער פֿון דיר אָפּגעשיידט.

אַצינד, ווען די וווּנד איז רוי,
דיין ערד מיט בלוט באַפּלעקט,
אויף יעדן טראָט, מרירה־זאַט
פּעפּער־בלאַט רויט צעפּלאַמט.
ווען ביסט פֿאַר מיר וויסט און וואָלקנדיק גרוי,
מעגסטו אַוודאי זיין פֿרעמד,
און אויף אייביק פֿון זכרון אָפּגעמעקט.
איז מיר וויזיאָניש פּאָרט באַשערט זען,
אַ פֿויגל פֿון אַ צעשטערטער נעסט
אין אַ קרובֿס פּוסט מפּולת־הויז,
יעדן טאָג אין שנאָבל,
אַ בלעדל פֿאַרוויאַנעטע גראָז,

צי אַ געפֿונען פֿעדערל,
אין פֿלוג
טראָגן צו יענעם חרוב־חדרל
און מיט אַ שווישטש און פּישטש
פֿאַרלירן דאָרט.

פֿאַר אונדזער חרוב שטוב, אַ נאָוויטנע טויב,
אָנגעפֿלויגן, פֿון ווייט אַוועק
צו איר פֿאַרשוואַהטן שלאַק.
וואָרקעט טריב, מיט נאָכגעלאָזטע קרילעס,
אָבל־תּפֿילות.

איבער זיין פֿאַרשׂרפֿעטער היים פֿון ריטלעך און שטרוי,
אויף אַרויסגעשטאָרצטן, פֿאַרשוואַרצטן קלויז־קוימען,
לאָזט זיך אַראָפּ אַ שטאָרך צו די פֿאַרסאַזשעטע ציגל,
באַהאַלט דעם קאָפּ צווישן די קויטיקע פֿליגל.

כ׳זיץ ביים אוקינוס,
שעפּ מיט וואַנזין־שפּאָן
צעשטורעמטן שוים
פֿון מיין אונטערגאַנג־שיפֿל.
כוואַליעס טויכן אויף און זינקען.
כ׳ווער אין יסורים־תּהום פֿאַרטרונקען.

וואָגלער

אַ דערשלאָגענע ניט געצוואָגענע בריאה
ווילד צעפלויגענע פאַרשאָלטן,
מיט האָר-שויבער און באָרד-קאָלטן,
מוח פאַרמאַראַטשעט —
יאָגט איבער ערד רויע,
אַרום מתים-גריבער צעאַקערט,
איילט צו הורג-שטעט אויסגעפלאַקערט,
פון ווינטן צעווייטערט פאַרלאָזן;
אַ שהת-געפייף פון רוחות
טראָגט אים אויף בית-עולמס וויסטע —
קדיש-גדול זאָגן.

אַ מקונן,
וואָגלט איבער זומפּ-וועלדער,
קברות-פעלדער,
ווי סאָוועס,
אין פינאַקעס דורכגעפוילטע,
הויערן און טרויערן.

פלעדערמייז
פון פינצטער נעסט אַרויס,
נעגל-פליגל צעשפרייטן,
בעתן אַרומפליִען דערשנאַפן
האָרנעטן, בינען, שפינען,
גרילן און טשירפּ-שפּרינגער —
מיטן זשומיקן אומפּלייט
צו שטילן דעם הונגער.

אַ משוגענער, צווישן עץ־קוצים,
טוט ער די הענט צום דוכענען הייבן,
איבער קויל־גופים נשׂרפים,
און די ניט פאַרברענטע —
געפאַלענע, אַנגעשוואָלענע.

ער קנעט מיט באָרוועספּים קויטיקע
די מאַטשערעס פון גלות
מיט יללות און קללות,
ריטשעט מיט ווילדיקע קולות,
רייסט די פּאָלעס,
שינדט פון זיך שטיקער;
פון עגמת שיכור,
ציטערט אים די ליפּ,
און מיט האַרצן־כליפּ
וואָגלט ער ווייטער,
אַ רויע בריאה,
שטורעמדיק צעשריגן.

די מחשבה

די מחשבה,
פון געהיימע שממה־לאַבירינטן אַרויסגעשאַכטיקט,
אין מוח איינגעליכטיקט,
איז בכוח דורך פאַנטאַזיע־אילומינאַציע,
וועלטן אויסגעשטאַלטן,
הדושי־אלוהים —
צום גאַפן —
אַן אור־אומזיכטיקן טרוים
אין מאַגינאַציע אַרויסרופן.

איז בכוח על כנפי רוח,
אַריבער די שחקים,
העכער די קאָסמאָס־שטויבן,
צו קדושי־המקום זיך דערהייבן,
זוכן אין פאַרהוילענע חידות
איינגעהימלטע סודות.

די מחשבה,
איינגעגריבלט אין דער טבע,
צעשווּיבלט מיט אַלגעוויקס,
שפּיגלט אָפּ אין רעטינאַ אַ רעפלעקס,
בתוך שאָטן און שיין,
אַלערליי פאַרבן,
ס'רוחניותדיקע שטרעבן
פון איטלעך בלימל, שוועמל, און גרין־גרעזל־מין
אויפגעקומענע,
פאַרנומענע זיך אויסצולעבן;

צום סוף אָנגעזעטיקט,
אָפּגעצייטיקט,
פֿאַרוויאַנעט —
אַוועקצושטאַרבן.

דער מוח טראַכט:
ס׳צעפּינקלטע ליכט
אין איינגעטונקלטע נעכט,
פון השגחהס ווילן
אוים כאַאָס-טאָלן
אַרויסגעמאַניעט;
— אור-געבוקרטער אויפטראָג-פּלאַם —
איז דאָס ס׳אמתדיקע בילד פון דער וועלט,
דורך די אויגנשטראַלן אין אונדז איינגעמאָלן?
צי בלאָנקען מיר ניט אום בידנע
אין עולם התוהו
ניט ראוי
מיט דער ראיה צו באַנעמען
תבל-געשטאַלט?

בעת זונזינק און אויפגאַנג

א

מיט טיפֿע סודות
אין התבודדות פֿאַרטראַכט,
אין דער בעל־שם־טוב, מיט סגף־גוף
און עלית־נשמה
אַרוים פֿון קלויז אין פֿעלד פֿאַר נאַכט,
בעת שקיעת החמה אַ הלל זיין מתפלל.

ער דערזעט אַ שמעטערל,
פֿלאַטערט אויף פֿון אַ פֿלאַנץ,
אין אַ טאַנץ צעציטערט
אַקעגן דער זון;
פֿאַרנעמט דעם געזשום פֿון אַ בין,
פֿויגל־געזאַנג, שאָפֿס גלעקל־געקלאַנג,
אַ פֿאַסטעכס ניגון,
פֿון אַ פֿישטשאַלקע אין טאַליקע אַרויסגעפּייפֿט.

ב

אין אָריענט,
אַקעגן יענער זייט האָריזאָנט,
אַ קעמל אין מדבר־זאַמד,
קאָפּ פֿאַרריסן צום הימל,
ווו טאָג־אויפֿשלאָג פֿלאַמט,
מעלה־גירהט פֿאַרתמט.
דער אָנטרייבער,
אַן אַראַבער פֿאַרן צעלט,
קוקט אַרויף מיט אימה־שרעק,

טוט תפילה צו אַללאַ,
איז ניט מסופק אין מיראַזש —
אַז דאָס צעליכטלט ער דעם אופק
דורך אַ מלאך־געשטאַלט,
צו ווייזן אַ שטעג צום אָאַזיס־וואַלד.
ס׳לעכצן די פאַרשׂרפטע ליפּן,
ר׳גאַרט צו די קוואַלן זיך דערשלעפּן,
איגענעם און בהמה־דורשט צו שטילן.

ג

אין ווייטע מזרח־קאַנטן,
אַ וואָרזאָגערין — אַלט־גרוי,
שעפּט מיט אַ מושל פינקלדיקן בריליאַנטן־טוי,
שטערן־טרערן,
אין אַ קרישטאָל־שיסל,
פאַר די, וואָס מזל זוכן —
גילדענע גליקן אָפּצושפּרעכן.

ד

אַ פויגל אויף אַ בוימצווייגל,
צעוויגט קאַיאָר מיט ציף־ציף־רוף,
וועקט די וואַלד־געפליגל
פון די נעסטן אַרויסצושפּרינגען,
צום זוניקן אויפשוונג
אַ שיר אויסצוזינגען.

דער ווילד-משוגענער

אין שאַרבן — נערוון —
שׂרפֿענדיקע ווונדן;
זיינע אויגן גליִען, די ליפּן בריִען,
די צונג צעבונדן;
אוים קעל דיבוק-קולות שרייען,
ווילדעווען, געוואַלדעווען,
דיבורים פֿול יסורים.
מיט שׂנאה, שוימיקער סלינע,
טויט מויל שפּייען.
פּיִאַווקעס נשמה נאָגן,
קדחת-רוחות, לילית-נפֿקאָס אים יאָגן.

ווען אין דמיון שטעט ברענען,
איז אים צו געפֿינען אַן איינגעוויסטער
אַרום קלויסטער
פֿאַר שרעק צעוויגנדיק דעם שׂרפֿה-גלאָק,
אָדער, מיט שווידער,
אַן אָנגעשפּאַנטער אויף אַ צווינטער —
שעהען קניִען, קלאָגן
פֿאַרן יויזל,
אויסטראַכטן אַ משיח-אייזל
איבער קברות-שטעגן,
שלעפּנדיק דעם משחית-וואָגן.

פֿאַר פֿייער און וואַסער
איז זיין מוסר-לשון:
זאָל דער, וואָס טויט אייבן

אין די הויכן הויערן,
יאָמער דערהערן —
געפּלאַקער אויסלעשן,
האָבן חרטה, וואָס ר'האָט שׂטן־שוטה
פון הימל פאַרטריבן,
געלאָזט ניט געשטערט
טומלען, טיליקן איבער דער ערד.

אין מאַרך צעוועקט,
וויזיעס צעפלויגענע, ניט געשטויגענע.
אַ פאַטאַל משוגענע, אין אַ סוויווע
צעשריגענע באַבע,
ווי אין ימי שבעה אים באַקלאָגט —
פיבערנדיקער וואַנזין,
פילמירט אַ מענטשן־מין,
אומגעהייער ווילד פייערגעשטאַלט.

שטייענדיק מיט צעמישטע געדאַנקען,
צווישן שתי־וערב רעיונדיק פאַרזונקען,
שפּעט ער פון די פרומע־לייט
פלאַפּלער, פרייפלער פאַר טמא־עולם,
שלום־טרוים, געפּרעדיקט פון אים,
דעם בתולה־זון,
מיט לאָרבער־קרוין,
אויפן צלם געשטאָרבן.

אַ מאָל, פון צער שׂכלדיק קלאָר אויפגערעגט,
פרעגט ער:
אויף וויפל שייטערס צעפלאַקערט,
האָט מען, פאַרשיכורט פון מאָרד-זינד, געברענט,
פאַר דעם אָפּבילד —
קינד, קייט, מוטערס און אַלטע-לייט?

ווי אַ זשאַווערזשג אַ שטומפּיקע,
וואָס שניידט זיך אַריין אין אַ סענק פון אַ בוים
נאָכן אָפּטעסען,
איז זיין געדאַנק אין די געהירן
פאַרביטערט איינגעפרעסן,
צעציטערט די ליפּן
מיט שליימיקן שוים.

די קריגהעצער, בראַנדהייצער,
צעביקטע פאַרן קרייץ,
אויף קלעצער צוגענאָגלט,
אין מתים-פעלד אַוועקגעשטעלט,
צווישן רויב-עופות,
אין הקפות צעפליגלט.

ער, דער צדק-מאָנער,
קוקט דערדריקט
אויף די כריסטאָס-דינער,
וואָס מיינען:
אויף הימלס סטעליע

בליצלאָמפּן צעגליט,
שיינען פאַרן געטלעכן זון,
אויפן טראָן אין די הויכע פלוינען,
הילנדיק זיך אין די שחת־רויכעס
פון אומקום־פּלאַם,
טוט ער זינד פאַרגעבן.

ער פרעגט ביי דער קדשה,
יוסטיץ־אשה,
מיט וואָגשאָל אין האַנט:
צי מעג מען פון נפש־ווונד,
מיט צעשריגענע קולות קלאָגן,
דורך לופט צעטראָגן,
אַ רוי רויט געוואַלט
פון אויפגעקאָכטן בלוט?

איז דערלויבט, אין שבעה־זאָקן,
אַ פינצטערבליק שיקן
צו די, וואָס מיט גייציקגלי,
גליק פאַר זיך מינצן,
שטאָפּן אָן טאָרבע מיט גאָלד
און דרייען קאַטאַרינקע־קאָרבע,
אַז איינגעשטויבטע כאַפּטע
זאָל צום ניגון פון זייער ליגן טאַנצן?

מעג מען קוקן אין יענער זייט פּלויט
איבערגעצייטיקט, מיט טויט אָנגעזעטיקט,

ווי די אַנטוויונג איז רויט
און מיט כלי־זין טוט קין הבלען דערשלאָגן ?
די בעלי כּזבים, וואָס כאָוועןן
אין בוזים אַ ראָב,
זאָגן : ס'איז אַ שלום־טויב.
פאַרזיכערן נויט אויסצורויכערן,
און דורך הילך־טרובע
שאַלן און באַפעלן פאַר זיין בילן,
אים, ביז צו דער מיתה אין שגעון־תפיסה פאַרשפאַרן...

מחשבה־שפּינען

ס'מוזן זיין מחשבה־שפּינען
אין די מאַרך־געבליטן פון זינען,
וואָס שפּיטן אַרום אין געהירן־רוים,
ציפּן אוים מאַקאַבראַ־פיברעס
פון מוח־תהומות
און וועבן זיי אַריין
אין די חלומות פון לעבן.

ס'דאַכט, מ'זעט אַ מאָל, פאַר נאַכט,
אַ פייערדיק געוויין פון זון
אין האָריזאָנטיקן ראַנדפאַרשיין
מיט שטראַלן־שטויב געשפּרענקלט
און אָט וואָלקנדיק איינגעטונקלט ;
שאָטן און ליכט,
בלאַס געבלייכט,
מאַכן די אויגן פייכט.

אַז מ'וואַנדערט אַוועק הימליש ה'ייט,
פון אימה אין נשמה באַגלייט,
ווערט מען דמיונדיק צעטראָגן.
ס'טוט אַ פורכט אָניאָגן
פאַר דער ראיה —
די שקיעה אין רקיע,
אַ פסק־דין פייערדיק פאַרזיגלט,
אין מוח אָפּגעשפּיגלט.
איינגעשפּינט
מיט פאָדעם־רויט

פון די בלוטן —
די מינוטן לעצטע אַוועקגעשוועבטע,
זאָגן אָן מיטן פאַרגאַנג פון זון
טויט-דערנענטערונג...

וויאָלעטאַ

פון די פּאַשאַנאַדן

אַ רעיון האָט מיך געטראָגן
אין אַ בלאָער נאַכט
צווישן איינגעהימלט ליכט,
נשמה־אימה פון נפש־קנויט,
אָנגעזאַפּט מיט אָדער־זאַפט צעפּלעמלט רויט;
געטאָן מיסטיש יאָגן
אָן מינדסטער זינד־מחשבה
אויף יענעם וויטן צעשפּרייטן שליאַך —
זוכן דיך.

דערזען פון אַסטראַל־מאַטעריאַל
אַ ליאַדע מעטעאָר־גרידע,
לאַנג שוין אויסגעבליצט,
האָב איך זיך אויף איר אָוועקגעזעצט —
באַטראַכט דאָס שנירל פּערל
מיטגעבראַכט,
וואָס מיין מוטער האָט מיט פּאַרטרערן בליק
פון איר אוצר־זאַק אָנגעסיליעט
און אַריינגעוואָנטשן מענטשן־גליק.

זי האָט מיך צוגעטוליעט,
אַ קוש געטאָן אין שטערן,
און פּאַר פּטירה, מיט רייד קלאָרע,
מיר די האַנט געדריקט און געזאָגט:
דאָס זענען איבערשטע טרערן,
פון געטלעך אויג אין ים געפאַלן,

זיך דאָרט פאַרפערלט,
און מזל אין זיך איינגעגורלט.
פאַר דיין ווערטע
פון גאָט באַשערטע,
אַ מתנה מיינע —
זיי ברענגען פרייד,
לויטערן און דערהויטערן פון חטא...

אין סטעלאַר־געגנט,
מיט פינקל־שטויב צערעגנט,
איך האָף דיך באַגעגענען,
אָן עוונות
צווישן בלאַנדזשענדיקע לבנות.
אין מיר די זעל־סטרונעס זענען צעוויינט:
וועלן מיר ניט דאַרפן ביים טרעפן, זיך געזעגענען?

צום שם־מעלה איז מיין תפילה:
כאָטש אויף גליטששליאַך פון חלום־טייך
אַ סעלעסטיאַל־בלישטש דיר זיין,
ווי אַ לונאַ־שאָטן נאָך דיין שכינה נאָכגיין —
בילדשיינע וועגום מיינע!..

אָפּט מאָל טרעפט

אָפּט מאָל טרעפט:
אַ פאַרזונקענער אין מחשבות,
אויסגעטאָן פון וועלט-תאוות,
מאת דער אדמה אָפּגעשיידט,
די ראיה איינגעהימלט,
רעיונט זיך דעמאָלט —
סאַראַ שייכות האָבן מיינע דמיונות
מיטן שימער-שיין פון די שטערן,
צוגעווונקען פון ווייט
צום געשאָנקען לעבן,
אין די הייכן אַרומצושוועבן?

בין איך מאת די שנות-חיים עפּעס מקיים
מיטן טראַכטעניש
פון אָפּזיין און ווערן?

איז מיר וואָס אָנגעגרייט
נאָכן קורצן אָפּרעשן,
ווען דאָס עפּעמירל-פייערל וועט זיך אויסלעשן,
פאַרצאַפּלט אַריין אין אַן-חלום-עולם,
איינגעאפּלט, פאַרנעפּלט?

וויפל עאָן-צייטן וועלן זיך דורכלופטערן,
מעת-לעתן דורכפליִען,
אין הבל-אַש פאַרגליִען
איינגפטרן;
קאָמעטן אין נייע אַרביטן,

דעם חלל דורכלויפן,
ביז ווערן צוריק באַשאַפן —
ניט אַ לאַנדושקע, אַ שישקע, אַ רוזשקע,
אַ חיים־דוממים אין אָפּגאַנג־ימים —
נאָר אַ בן־אָדם, מיט געפילן
אין בלוט־פלאַמען,
צו באַנעמען דעם עסענץ פון עקזיסטענץ,
מיט די חיי־עמאָציעס
און זין־וויבראַציעס
אין רעיון,
וואָס דרינגען דעם מארך אַדורך
אין אַ געשטאַלטיקטן חזיון?

געדאַרפט דעם קיום תופס זיין
מיט מער חריפות אויסגעשאַרפט —
ווייסן, ווער איך בין;
ניט בלייבן פאַרטעמפּיקט,
אין געשריפטס פון די חז״ל־ביכער
אַ גריבלענדיקער פאַרטאָן —
דעם חומש־בראשית פון אויפטאָגן
קינדיש גלויבנדיק נאָכזאָגן.

אָפּט מאָל טרעפט:
במחשבה טיף פאַרגאַנגען,
פיל איך זיך אָן עפּעס אָנצוהענגען,
ניט זיין אויסגעעוקרט.

בעת מיינע ספק-טריט,
איבערן זינק-זאַמד,
שפּעטלעך פאַרזוימט,
שלייכנדיק זיך אויפן צוריקוועג,
גיב איך אָפּ אַ חשבון
פאַר יעדן דופק-שלאָג
פון געבוירן אַן.
אין מיר אַ קנויט,
בתוך פייער-קוואַלן איינגעטונקען,
צאַנקט, ברענט, פליקערט אויף צעפלאַמט --
ביזן לעצטן טראָפּן אויסצוזייגן.

אַ פאַרפיינט שאָטנדל פון טויט
איז אין די אויג-ווינקלען איינגעוויינט.

ס'נשמה-פייערל
וועט מיט אַ שממה-אימה פאַרטונקלען,
מיך פאַרזינקען
אין הבל-שוים
פון אַ צעוואָלקנטן אוים.

גערמאַן — הון

טויטאָנע חיה־רעה!
מולך־בריאה!
בעת וואַלפּורגיעס נאַכט־אָרגיעס,
אין שוואַרץ־וואַלד, פינצטער זויערן,
פון אַ פלאַשהילדע, מכשפה ווילדע,
דעמאָניש אַרויסגעבוירן.
די אור־מאַמע —
אַ סאַטאַנע גערמאַנע זונה,
אין רהיין־מדבּרס אַרומגעפּילגערט,
בתוך זומפּן מיט גייסטער־לומפּן
זיך אויסגעוואַלגערט,
אין טראָגן פאַרגאַנגען;
ביים קראַמפּיק האָבן
שימפּיק ליפּ פאַרביסן,
שויבערהאָר געריסן;
אין שלאַנגען־גראָבן,
עקדיש־נעסטן, דיך פאַרלוירן —
צווישן אַ האָלעבורדע מיט אַנגסט־געזיכטער,
„ערדאַ"־טעכטער
פון וואַלהאַלע כף־הקלע אַרויסגעטריבן,
בעת אַ שטורעם־געוויטער, צעהאַפּקעט
פאַר דיר האַקנקרייץ, וואַמפּיר־שראַץ, פאַרהאַסטע,
אין די מוטער־אָרעמס, זייגענדיק די בריסטן צעכראַסטע.

מיט טכוירן־גערויך,
פון „וואָטאַן־טאַטן", רוצח־שׂטן, אַ ירושה,

האָט שׂר־האַר פֿון להכעים־רוחות,
מעפּיסטאָ־מאַכט אין דיר איינגעהויכט.

מיט האָרסט־וועסעל־ליד
האָסט פֿון צלם אלוקים הויט געשינדט —
פֿאַר בראָנהילדאַ־הורן
לאָמפּן־אַבאַזשורן.
גיהנום־שייטערס צעברענט
פֿאַר ייִד —
פֿון גוף זייף אויסגעזידט.

אַפֿילו אין שאול־מהומה
דער טייוול, וואָס ווייכט פֿון ליכט,
ווען ער דערזעט דיך אויף גרוילשוועל,
פֿאַלט פֿון שרעק אַ חולה־נופל אַוועק
פֿאַר דיר, שווידער־לודער.

ס'טראַכט מיט הריגה־זאַט מנובלים־שד:
בעתן פּראַקטיקן איינוויינטערן
וועלן מחבלים דיך און דיינע יונגען ברענגען,
אין זיין ערפּל איינצוצווינטערן —
וועט זיין צאָרן,
פֿאַר דיין פּגירה אין ארון,
ווולקאַניש אַ פֿאַרנע פֿלוך
צו וויסטע וועלטן חרמותדיק אַרויסשעלטן,
מיט אַ ברילן באַפֿעלן:
אַלע תוהו־ובוהוס

פון הריסות, גסיסות און טויזנט מיתות
דורכצוטראָגן;
אין די סמאָליקע טאָרפן-פלאַמען,
צעפלאַקערטע מיט שוועבל,
וואַרפן.

אָפגעמעקט דיין נאָמען,
זאָל אין וועלט-זכרון ווערן
גערמאַן — הון,
מחבל רע —
בתוך עמק הבכא,
אין אַ חשכה פאַרזונקען.

ס׳וועט אַ חוזה

ס׳וועט אַ חוזה,
אַ מאָל אַריבער זיין שוועל,
אין בין־השמשותדיקן זון־פאַרגאַנג,
אויפן האָריזאָנט דערזען אַן אָפּשפּיגלונג
פון שוידערטאָט
פאַר גאָט און לייט —
די מעשי טייוול
אין איינגעפורפערטן ערפל:
אַ משונה פאַטאַ־מאָרגאַנאַ,
מיראַזש פון נעכטן־שרעק,
אין זיין בליק אַריינגעפאַרכטן.

ס׳געשטאַלטיקן זיך אַרוים
איינהאָרנדיקע
מחבלים פון טויט
מיט מאָרד־גאָפּלען אין די הענט,
גלייַך צעברענט.

אַ מכשפה,
פון אַ שׂרפה אַרויסגעשפרונגען,
אַ שטורקאַץ אין האַנט צעפּאַקלט,
שלאַנגען אַרום לענד געוויקלט,
מיט סם־ביטער אַרויסגעשטרעקטע
פלאַם־ציטער־צונגען.

אַן אויפגערייצט פערד אָן צוים צעבריקעט,
מיט אַ כאַם אין גאַלאָפּ רייטנדיק,

רציחהדיק אָנגעשיכורט,
פויסטנדיק אַ פאַרדריקטע צעבליצטע שווערד.

בתוך מעריב, ערב פאַר נאַכט,
ס'דעמערדיקע ליכט,
צעבלוטיקט, און מיט טונקלעניש איינגעקוויטיקט.

קאַיאַר וועט ער אין האָריזאָנט דערזען,
אַ גולם מיט אַ צלם צעברענט,
אַ מאַמע — אויף הענט אַ פייערדיק קינד,
מוטער רחל, קלאָגנדיק פאַרן כביכול,
אַ בן־לילית סוטה,
פאַר אַ הויפן טויטע,
אַ גרויל,
אַרויסגערויכט פון צעפלאַמטן מויל,
מראה רעות אין די כמאַרעס,
חיות פאַרמאָרעט,
מיט ציין צעשטשירעט —
אַ הריסה־בילד,
געמאָלט אין רקיע,
פאַרן באַשעפער,
כל־עולם־האַר,
און פאַר אים, תחתון־פרוזדור־דורכלויפער
זיך אָנצוווייטיקן מיט צער —
אַז אימאַזש־אַרויסוווּקס
פון אַ זון־רעפלעקס.

אַ קלאַג

מיין שוועסטער ש י י נ ד ל צום זכרון פאַרעפנטלעכט אין „פרייע אַרבעטער שטימע" 1916, איידער געוואָר געוואָרן, אַז זי איז מער נישטאָ. ס'האַרץ האָט געזאָגט.

ס'האָט אַ קויל מיין האַרץ געטראָפן
און ניט דערשלאָגן.
נשמה־וווּנדן מיט צער פאַרבונדן,
אימה, איינגעיסורימט מיט לייד —
איבער פוסטע מערק־ראָגן,
און קרומע בערג־שטעגן געלאָפן,
אַ זשמעניע שטויב אין האַנט גענומען,
צו שמי־שמים מיינע אָרעמס געשפּרייט,
מיט געוויין מתפלל געווען.

ווען קיין נחמה־ענטפער באַקומען —
צו אַ ווילדפעלד זיך אַראָפּגעלאָזט.

אַ זקן־וואָגלער,
אויף דר'ערד אין מחשבות פאַרזונקען,
האָט דעם יאָמער דערהערט,
אויף זיין שטעקן אויפגעשטיצט,
פאַרזאָגט געפרעגט:
וועמען זוכסטו, קלאָגער,
צעפלאָטערט פון אַנגסט?
ווער איז פאַרשאָלטן דאָ אַרומצובלאָנקען?
טאָמער באַגעגן איך אין אַן אָרט,

דעם, נאָך וועלכן דו בענקסט,
וואָס זאָל זיין דורך מיר
פון דיר דיין וואָרט?

— זאָג אַלטער, זאָג!
כ׳בין נפשדיק טיף צעוויטיקט געוואָרן,
פון צאָרן מיט געברום יאָג איך אַרום,
באַפלעק די טריט
מיט מיין טריפנדיק בלוט.

ניט איין מאָל, ווי פאַררוקט, ווילד צעשריגן,
ביטער־סם געשפּיגן
אויף פלאַקס־געוויקס
און קראָפּעווע ווינטיק־צעוויגט,
מיט אַן עיפּוש־גערוך שאַרפן.
פון רויש און טשאַד
האָט אין די אויערן געקלונגען.

כ׳בין עגמתדיק באַשווערט, ווייטער געגאַנגען,
מיט צעריטשעט קול אין טאָל, צו דר׳ערד זיך געוואָרפן,
צעכראַסטעטע ברוסט געקילט.
ווען דער כליפּ האָט זיך איינגעשטילט,
געוואָרן איינגעשלאָפן,
אין חלום זענען וויזיעס דורכגעפלויגן.

געזען דיך צווישן אַ בייזן חיל געפאַנגען שפּרייזן,
קאָפּ געבויגן,
מיט די לאַנגע האָר, וואָס ס׳פּנים איינגעהילט,

האָט זיך אַ ווינטל געשפּילט.
באַלד אויף אַ חרובדיק בית־עולם־פעלד
בימטו געזעסן איינגעצוקט
שרעקלעך געקוקט.
אונטער די אויגן — ברוין־בלויע רינגען,
מויל צעציטערט, אַ קללה אַרויסגעביטערט.

דיך באַגעגנט ביי אַ רווישיק טייכל
מיט אַ שמייכל זיצן,
אין דמיונות פאַרטראַכט.
פלוצעם אויפגעלאָקט צעשרעקט,
האָסטו זיך ווילד צעלאַכט.
טרערן האָבן געטאָן מיין ראיה פאַרבלענדן,
די זונג איז פאַרשוווּנדן.

אַ רעגן האָט געגאָסן,
פון שלאָף אויפגעריסן.
האָב איך זיך אויפגעזעצט,
געזען די וואָלקנס צעבליצט.
אין האַלדז האָט געוואָרגט.
אַ בוים באַמערקט, געפרעגט אויפגערעגט:
איז זי דאָ געשטאָרבן,
אונטער דיר צו קבורה געבראַכט?
וועל איך אַ שבועה מיין מויל געבן:
צו פאַרשטומען,
ס'לעבן דאָ אָפּזוימען,
מעגן די כמאַרעם פלאַמיק בליצן און דונערן,

וועל איך אין אַ מצבה זיך פאַרשטיינערן.
די שולדיקע אין איר טויט
זאָל אין ווערעמדיק געוויסן
אַ פורעניותדיקע נויט זיך איינפרעסן,
אַ שגעונדיקער צער —
גוף פאַרצערן.

אויב בלייבן אָן אַ תשובה,
וועל איך ביים עתיד לבוא
מיט מיינע יללות ניט פרעגן שאלות,
גליִענדיקן פיין אין זיך מקבר זיין,
עגמת אין זעל פאַרזיגלען,
מער ניט וואָגלען.
די, וואָס וועלן דאָ דורכשלייכן,
זיך שואל זיין:
איז דער בוים אים צו אַ שאָטן אויסגעוואַקסן,
צי איז ער באַשאַפן געוואָרן אים צו באַוואַכן? —
איך וועל קאָפּ אַראָפּבייגן און שווייגן.

בעת געלאָזט טריפן זיינע טראָפּנס אויף זיך,
ווי אַרויסגעוויינטע טרערן,
האָב איך געטראַכט:
וועלן זיי מיט דער ריטשקע אין טאָל אַראָפּשטראָמען,
ערגעץ צו דיין קבר צושווימען,
וויים, שטורעם אין מיר איינצושטילן —
זענען די געזאַלצענע אויגן־קוואַלן מיינע
אויך אַהין אַריינגעפאַלן.

ווערטער־פּאַרטייטש

זוויער — באַרג־שפּאַלט

קליטקע — אַ שיפער שיפּוע־באַרג

טשערוועגדל — אַ לאָטקע

שווייפן — אַרומשוועבן

זאַפּרעניס — פּראָסטיק־שטעכיקע נאָדלען

פּרעצעפּיסקע קוואַלן — הויכפּעלדזיקע וואַסערפאַלן

פּאַרסקריבלט — פּאַרשריבן

בוז — בראָנפן

פּאַרנאַסוס — מוזע־באַרג פון פּאָעזיע

פּעגאַסוס — געפליגלט פערד

בליטשקע — רויטע באַוול

קוואַסאַר — קאָסמישער געפלאַקער

הילך־ליקע — הויכרעדער

זעניט — העכסטע דערגרייכונג

אַפּעקס — ווייטסטער פּונקט

ראַפּאַקס — ווילד, רויבעריש

מיאַזמאַ — אומריין

אינקובוס — נאַכט־רוח

יוניקאָרן — פאַנטאַזיע־פערד

פּאַראַגאָן — חברים, נאָכלויפער

באַרבאַטין — אַ מערב־אינדישער ביטערשטאָף

צעהאָניעט — צעטריבן

פיאַרן — משוגעים־הויז

דאָס בילד פון מחבר איז אויפגעכאַפּט געוואָרן פון אַ דורכגייער אין 1946 דורכן אויסלאָג־פענצטער, בעת איך בין געווען פאַרטאָן אין אַ זייגערל, ביי מיין פאַך. און ס׳איז צו מיר צוגעשיקט געוואָרן.

אַלע לידער פון דעם בוך זענען געשריבן
געוואָרן אין די יאָרן 1963—1966
און אויסגעבעסערט געוואָרן פאַרן דרוק.

דער מחבר גרייט דאָס פערטע און פינפטע בוך לידער
א"נ „אין די אַסטראַל־ספירות"
און „אויף זונזינק־שליאַך"